STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02535

ZIKHROYNES UN GESHTALTN

Ben-Zvi Bernstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זכרונות
און
געשטאַלטן

ערשטע
טייל

MEMORIES AND IMAGES

VOLUME I

by
BEN-ZVI BERNSTEIN

LONDON 5722

זכרונות און געשטאלטן

ערשטע טייל

פון

בן־צבי בערנשטיין

לאנדאן, תכב״ש לפ״ק

נדפס בדפוס העברי אות־באות, לונדון תשכ״ב
Printed by the Hebrew Press Letter-by-Letter Printers, 1962
38 Albion Rd, Stoke Newington, London N.16

כ ל ה ז כ ו י ו ת
שמורות למחבר

©
Copyright by the Author
London, 1962

פון זעלבן מחבר:

[1]

ההגדה החדשה

1944, נאראד פרעס, לאנדאן

[2]

תמונות מחיי עמנו

1962, בדפוס השותפין ש. דז׳יאלאווסקי, י.א. עמנואל, מ. פוזנא, לאנדאן

דאס בוך איז געווידמעט צום אנדענק פון מיינע טייערע עלטערן זי״ע, אאמו״ר הקדוש ר׳ ישראל בערנשטיין הי״ד ב״ר יעקב ז״ל, ואמי מורתי הצדקת מרת מרים הי״ד בת ר׳ בצלאל ז״ל, וואס זייער לעבן איז יונגעהייט פארשניטן געווארן אין דער צייט פונעם חורבן פון דער פרעמישלאנער קהלה ז״ל דורך די אכזריות׳דיקע נאצישע מערדערס ימ״ש.

ד׳ ינקום דמם.

בן־צבי בערנשטיין

אינהאלט

במקום הקדמה — פון ד״ר אהרן שטיינבערג שליט״א — — — — 15

א בריוו — פונעם באקאנטן שרייבער, יוסף לעפּטוויטש, נ״י. — — — — 19

א פּאר ווערטער — פונעם מחבר — — — — — — — — — — 25

זכרונות און געשטאלטן

אונדזער שטעטל — — — — — — — — — — — — 29

ביי אונדז אין בית המדרש — — — — — — — — — 39

מיינע חדר יארן — — — — — — — — — — — 43

א טבע פון א רבין — — — — — — — — — — — 53

צונעמען — — — — — — — — — — — — — 56

פעשע האן ! — — — — — — — — — — — — 58

מאדריט — — — — — — — — — — — — — 61

נישט געשטויגן און ניש געפלויגן — — — — — — — — 64

יענקעל הוש — — — — — — — — — — — — 66

דער פורים־רב ! — — — — — — — — — — — 69

א סדר נאכט אין דער היים — — — — — — — — — 74

יענקעל לאשאק — — — — — — — — — — — 79

די פארלוירענע מכה — — — — — — — — — — 82

א שפּאציר מיטן רבין — — — — — — — — — — 92

בטחון — — — — — — — — — — — — — 98

טויבעלע — — — — — — — — — — — — 102

א לעבעדיקער מת אין בית־המדרש — — — — — — — — 107

נחת פון אציג — — — — — — — — — — — 110

מיין שטעטל ! — — — — — — — — — — — 114

א צוקער קראנקייט — — — — — — — — — — 115

ס׳העלפט נישט ווען יידיש איז פרעמד — — — — — — — 118

א חופה מיט לעבעדיקע שטאנגען — — — — — — — — 121

וועלוועלע שלום משה׳ס — — — — — — — — — 123

דער נישט געלונגענער מופת ! — — — — — — — — — 135

דער "אוניווער" יריד ! — — — — — — — — — — — — — — — 141
שבעה נאך עפעס א יידענע — — — — — — — — — — — — — — 144
א סטרונע האט געפלאצט — — — — — — — — — — — — — — 154
יום כפור אין דער היים — — — — — — — — — — — — — — 161
מיין ערשטער תענית — — — — — — — — — — — — — — 170
ביי אונדז אין סוכה — — — — — — — — — — — — — — 177
הושענא רבה ! — — — — — — — — — — — — — — — 182
שמחת תורה אין דער היים — — — — — — — — — — — — — 182
קאפל שניידער — — — — — — — — — — — — — — 191
ביים גליטש — — — — — — — — — — — — — — 196
דער מאמעס מוסר — — — — — — — — — — — — — — 200
ווער קען פילן דעם צער ? — — — — — — — — — — — — — 204
מיין לעצטע איבערלעבעניש אין פרעמישלאן — — — — — — — — 207
ווי דיר פרעמישלאן — — — — — — — — — — — — — — 215

במקום הקדמה

ערב שבת מברכין — בברכת שבת שלום! א.ש.
27/7/62

טייערער ר׳ בן־צבי בערנשטיין, נרך יאיר!

א יישר כוח אייך פאר די קארעקטן פון אייער ייִנגסטן ספר וועגן דער קהלה קדושה פרעמישלאן, זכרונה לברכה.

אייער פריינטלעכקייט צו דאנקען, האב איך די זכיה צו זיין איינער פון די ערשטע לייענערס פון א בוך, וואס רירט שטארק דאס הארץ און איז מסוגל צו דערוועקן אין מוח א שלל מחשבות. אינעם שלום־ליד אייערן באצייכנט איר אייערע „זכרונות און געשטאלטן" ווי א מצבה אויפן קבר פון א יידישער שטאט, ווי זי לייבט און לעבט עד היום אין די טיפענישן פון אייער נשמה. ס׳איז באמת א מצבה שבלב! — ווינטש איך אייך קודם־כל אייער הארץ זאל זיין שטארק און געזונט, בכדי עס זאל דערטראגן די מצבה, וואס איז איינגע־בויט דערין, ביז צום „שאינו יודע לשאול" פונעם דור וואס נאך אונדז.

שוין היינט הערן מיר ניט זעלטן דעם תם׳ס פראגע: „מה זאת?"... וואס טוט זיך דא עפעס מיט דער יידישער ליטעראטור? וויאזוי האבן עס יידישע שרייבער דערלאזן, אז זי זאל כמעט אינגאנצן זיך פארוואנדלען אין אן איינציקער קינה? וויפל איז דער שיעור!? — אויב פון דער גארער ליטעראטור וועט ווערן חורבן־ליטעראטור — זאגט מען אונדז — קען נאך, חלילה, פון דער ליטעראטור ווערן א חורבן...

לייענענדיק אייער בוך וועגן דער הייליקער פרעמיש־לאנער קהלה, אייערע פרקים אין פראזע און די שירים, וואס באהעפטן זיי מיטאנאנד, האב איך נישט ווילנדיק געטראכט: אט־א דא קען מען אפשר געפינען דעם ענטפער אויף דער דריטער "הגדה"־פראגע: "וואס איז עס אזוינס?".

דער שליסל צו אזא מין ענטפער ווארפט זיך ממש אין די אויגן אין די לעצטע עטלעכע זייטן פונעם בוך מיט דער לאנג־אויסגעצויגענער רשימה פון די פרעמישלאנער קדושים, פון יחידים און גאנצע משפחות, וואס זענען אומגעקומען על קידוש השם. אייער בוך זאל לעבן — און וועט לעבן — אין זייער זכות. אייער באשרייבערישע טרחה איז געווען א מלאכת הקודש. ס'וואלט געווען א חילול הרוח, א חילול פונעם גייסט, וואס ווירקט אין אייער ארבעט, זיך ארייננצולאזן אין אן עסטעטישן וויכוח בנוגע די קינסטלערישע מעלות אדער חסרונות פון אייערע פארצייכנונגען און באשרייבונגען. דער עיקר איז: זיי זענען די טרעפ פון אונטן ארויף צו דער סאמע שפיץ — דער זייל נעמען. דאס איז, לפי עניות דעתי, דער עמוד התוך אין אייער בנין. זאג איך פון גאנצן הארצן: ברוך הבונה! — געבענטשט זאל זיין דער בויער.

יידישע געשיכטע איז א געשיכטע פון יידן: פון יידישע ישובים, פון יידישע קהלות, פון יידישע שטעט און שטעטלעך, און ועל כולם פון יעטוועדן איינצעלנעם יחיד צווישן זייערע באוווינער. דאס איז, גלויב איך, דער עצם יסוד פון אונדזער פאלקס־היסטארישן קיום. האט עס דאך נאך דער מורא־דיקסטער גזרה אין דער יידישער געשיכטע גארניט געקענט זיין אנדערש. יעדער איינער, וואס האלט א פען אין דער האנט, פילט און טראגט אויף זיך די התחייבות צו פארשרייבן אין זיין ספר הזכרונות וואס מער נעמען פון די אומצייטיק־פארשניטענע, צו פארצייכענען וואס מער געשטאלטן, וואס מער גאסן און געסלעך, ווו דער פאדים פון זייער לעבן האט זיך פלוצעם איבערגעריסן. ניט אלע זענען מיר זוכה נאכצו־

קומען די דאזיקע התחייבותן. איז ווויל איז צו אייך, טייערער ר׳ בן־צבי, וואס איר האט געהאט דעם כוח אייער אויפגאבע צו דערפילן.

פרעמישלאן־של־מעלה קוקט אויף אייך אראפ מיט פארוויינטע אויגן און פארט מיט דעם זאנפטן בליק פון ״א שטאט און א מאמע אין ישראל״. איר זייט איר געטרייער זון, און אין זכות זאלט איר מצליח און מאריך ימים זיין. *

ווי עס ווינטש אייך בלב ונפש,

אייער, אהרן שטיינבערג

לאנדאן, תמוז, התכב״ש.

* תיקון טעות:

אנשטאט און אין זכות די לעצטע שורה פון אונטן,
באדארף צו זיין און אין איר זכות.

עש״ק, 17/8/62

ליבער פריינט בערנשטיין,

ווען איך האב אנגעהויבן לייענען אייער בוך, איז דער ערשטער איינדרוק מיינער געווען, נאטירלאך, אז איר האט אונדז געגעבן נאך א ווערק אין אונדזער גרויסער און וואקסענ־דער חורבן־ליטעראטור, אז איר האט געשטעלט נאך א מצבה אויף דעם קבר פון נאך א יידישע שטאט.

אבער ס׳איז נישט אינגאנצן אמת. אייער בוך געהערט נישט צו די אומצאליקע ביכער, וואס זענען צונויפגעשטעלט געווארן אין די לעצטע יארן ווי א יזכור־ספר צום אנדענק פון אן אפגעווישטע יידישע שטאט מיט אירע יידישע מענטשן.

אייער בוך איז דאס אויך, אבער ס׳איז עפעס אנדערש אין עצם. ווען יאנאס טורקאוו האט אנגעשריבן זיין בוך וועגן חורבןווארשע, ״אזוי איז עס געווען״, האט ער אונדז צוערשט געוואלט דערציילן, אז ״די שילדערונגען זענען געבויט אויף אויטענטישע דאקומענטן און אויף מיין טאג־בוך וועלכן איך האב געפירט אין געטא.״ טורקאווס בוך איז גוואלדיק וויכטיק, און ס׳לייענט זיך שפאנענד, ווי א שטיק געשיכטע, מיט לעבעדיקע מענטשן, א טרויעריקער פנקס, ווו מ׳מישט א בלעטל נאך א בלעטל, ״און נישט אלע בלעטלעך זענען ליכטיקע און הערארישע. די בלעטלעך האבן אויך שטאנזייטן״. טורקאוו איז געווען אויסן איבערצוגעבן דעם ״געשיכטלעכן אמת״.

דאס איז פאר אייער בוך ניט געווען נויטיק. פאר אייער בוך איז געווען נויטיק נאר דער קינסטלערישער אמת, אייער

בליק אויף אייער שטאט, די בילדער וואס זענען געבליבן אין אייער זכרון פון דעם יידישן שטייגער-לעבן דארט, די לעבעדיקע מענשן אזוי ווי איר זעט זיי אין אייער פאנטאזיע. דערצו דארפט איר נישט קיין אויטענטישע דאקומענטן און קיין טאג-ביכער.

דאס שרייבן אויטענטישע געשיכטע וועגן די אומגעקומענע יידישע שטעט איז געווארן א גרויסער און אינטעגראלער טייל פון אונדזער יידישע געשיכטע-פארשונג, איצט נאך דעם חורבן. טאקי ווי מצבות אויף אונדזער ענדלאזן בית-עולם. אבער דאס שרייבן אויטענטישע געשיכטע וועגן די יידישע שטעט איז שוין געווען אין גאנג ביי אונדז פאר דעם חורבן, און מיר וואלטן עס ווייטער געטון, ווען גאט וואלט אונדז פארשפארט דעם שרעקלעכן חורבן.

ישעיה טרונק האט וועגן דעם געשריבן: "אינדי 30-ער יארן איז געקומען צו אן אויפשוואונג אין דער פארשונג פון דער יידישער געשיכטע פון פוילן. אין דעם סעמינאר פאר יידישער געשיכטע ביים ווארשאווער אוניווערסיטעט, אונטער דער אנפירונג פון פראפ. מאיר באלאבאן, האט א צענדליג און אפשר מער סטודענטן געארבעט איבער טעמעס פון יידיש-פוילישער געשיכטע". און טרונק דערמאנט דערביי דאס וואס טיילט אפ די יזכור-ביכער פון אזעלכע ווערק ווי אייער בוך: "עס ווערט אין זיי בדרך-כלל אויספירלעך באהאנדלט דער חורבן-פעריאד".

איר בויט אבער צוריק אויף אייער שטאט פרעמישלאן, אזוי ווי זי איז געווען אין פולן בלי פון לעבן, נישט אין דעם חורבן-פעריאד, נאר דעמאלט, ווען איר געדענקט ווי די מענטשן האבן געלעבט און זיך געפריידט. איך גלויב אז מיט קליינע אויסנאמען — אייערע לידער, למשל — וואלט איר דאסזעלבע בוך געשריבן כמעט אזוי ווי איצט, ווען די מענשן פון פרעמישלאן וואלטן אויסגעלעבט זייערע יארן, און געשטארבן אויף א נאטירלעכן אופן. ווייל דאס וואס איר

ווילט ווייזן איז ניט זייער טויט, נאר זייער לעבן, ווייל דאס לעבט אין אייך, איז אייך טייער, איינגעבאקן אין הארץ, און דאס באשרייבן זיי און דערציילן וועגן זיי איז א נאטירלעכער אויסגאס פון אייער נשמה.

איך נעם אין האנט ארײַן א ספר וואס מיין לאנג־יאריקער פריינט און חבר, מלך ראוויטש, האט לעצטנס ארויסגעגעבן, "דאס מעשה־בוך פון מיין לעבן". דארט אויך, איז דאס בוך, ווי ביי אייך, ארויסגעוואקסן פונעם חורבן, און דאך ניט פונעם חורבן. די מאמע זיינע, דערציילט ער אונדז, איז אומגעקומען אין בעלזשעץ אין יאר 1942. אבער זיין פאטער איז נפטר געווארן אויף זיין בעט מיט א נאטירלעכן טויט קנאפ ערב דעם דריטן חורבן. ער דערציילט וועגן זיינע מענטשן און וועגן זיך, אזוי ווי איר דערציילט וועגן אייערע מענטשן און וועגן אייך—מעשהלאך, לויט דעם דרך פון אונדזער אלטן יידישן "מעשה־בוך". איר ברענגט די מענטשן צוריק צום לעבן. און דאס איז ניט מער קיין בית־עולם, ניט מער קיין מצבות. דאס איז תחית־המתים. לעבן.

ליטעראטור נעמט אן פארשיידענע פארמען אין פארשיידענע צייטן. אמאל איז עס א שיר־גדולה, א גוואלדאווונער אויסגעשריי פון פרייד און פון זיג ווי דאס ליד פון דבורה. אמאל איז עס א טרויער־ליד, א געיאמער און א געוויין, ווי דוד'ס ליד צו דעם טויט פון שאול און יונתן. נאך די אלע יארטויזנטער שטיקט אונדז דאס געוויין נאך היינט. אזוי ווי מיר קענען נאך היינט זען דורך די באשרייבונג ווי רות ארבעט אין פעלד ביי בועז, כאטש יענע פעלדער זענען שוין לאנג חרוב געווארן און זענען ווידער איצט פרוכטבאר.

אמאל איז ליטעראטור דער האמערישער געזאנג, אדער די אלטע נארדישע שלאכט־זאגאז. אמאל איז עס פאזיע וועגן ליבע, וועגן לבנה און הימל און שטערן. אמאל איז עס די מעשה, אזוי ווי די טויזנט־און־איין־נאכט, די ספור־המעשה, און אמאל איז עס דאס בויען פון כאראקטער, ווייזן ווי א

מענטשישע נשמה ווירקט אונטער דעם דרוק פון אומשטענדן. אבער יעדע פארם פון ליטעראטור איז א וועג פון קאמוני־קאציע, איבערצוגעבן אנדערע מענטשן דאס וואס ליגט אין אונדזער טיפער ערפארונג, דאס וואס האבן איבערגעלעבט, און איז געבליבן אין אונדז.

ווען אש האט געשריבן וועגן די מענטשן פון זיין שטאט קוטנא, אדער ווען שניאור האט געשריבן וועגן די מענטשן פון זיין שטאט שקלאוו, האבן זיי איבערגעגעבן דאס וואס איז ביי זיי אין הארץ איינגעקריצט געווארן ווען זיי זענען געווען יינגלאך, און דער גאנצער ארום דארט איז געווארן א טייל פון זייער לעבן, פון זייער מוח, און פון זייער נשמה.

און אזוי איז אייער בוך אן אויסגאס פון אייער נשמה, וועגן דעם אלעם וואס איר האט געזען און איבערגעלעבט אין אייער שטאט פרעמישלאן.

איך לייען אייערע בלעטלאך, און איך זע דאס לעבן, און די מענטשן, אזוי ווי איר האט זיי געקענט, און פארגעדענקט. מ׳זעט די גאסן און דעם מארק און די הייזער, די שול און דעם חדר. די חדר־יינגלאך שפילן זיך ווידער ביים גליטש, דער קליינשטעטלדיקער חסיד שרעקט זיך פארן פאטאגראף־אפאראט, און מיינט ס׳איז א הארמאט וואס גייט אים שיסן, און ער גנב׳עט זיך ארויס אן די פאטאגראפיע, דער צודרייטער אורח כאפט זיך אויף ביינאכט אין בית־המדרש און שטעלט זיך אוועק ביים ארון־קודש, און די שטאט שרעקט זיך אז די מתים דאווענען אין שול. די ארימע משוגענע זיצט, אזוי ווי דעמאלט, אויף די טרעפן פון בית־המדרש מיט אירע שמאטעס אויפן ארים, און שרייט אז דאס איז איר טויט קינד. און דער אלטער זיידע פארשעמט זיך פאר זיינע קינדער און אייניקלאך, און לויפט אוועק פון דער חופה וואס ער האט געלאזט ברענגען אין שטאט, געמיינט אז די חתונה וועט דורכגיין איידער מ׳וועט זיך וועגן דעם דערוויסן.

דאס איז ניט חורבן־דאקומענטריש. דאס איז לעבעדיק ליטעראריש. דאס איז אייער שטאט פרעמישלאן צוריק ביים לעבן, אזוי ווי ווען איר האט די שטאט געקענט, מיט אירע מענטשן. און אזוי זעען מיר די געשטאלטן, ווי זיי זענען געווען פארן חורבן, ווי זיי זענען היינט אין אייערע בלעטלאך, צוריק ביים לעבן, אויפגעשטאנען תחית־המתים.

אייער, יוסף לעפּטוויטש

לאנדאן, י״ז מנחם־אב תשכ״ב.

א פּאָר ווערטער

ס׳ווערט שוין דריי און צוואַנציק יאָר זינט די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן. און ס׳איז שוין זיבעצן יאָר ווי אַט די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אָבער די חורבנות, וואָס די מלחמה האָט אָנגעמאַכט אין דער וועלט און גאַנץ באַזונדער ביי אונדז, דעם יידישע פאָלק, קענען נישט און וועלן נישט אַזוי גיך פאַריכט ווערן. דעם ווייטיק פילט מען אויף שריט און טריט. און די וווּנדן לאָזן זיך נישט פאַרהיילן. יעדע שילדערונג פון יענער אכזריות׳דיקער צייט איז ווי אַן אייטערדיקע ווונד!

דאָס שטעטל, וווּ כ׳האָב איבערגעלעבט מיינע קינדער יאָרן, איז איצט חרוב, מיט היפשע בערגלעך קברים; און די ווייניקע יידישע הייזלעך וואָס דער שונא האָט נישט חרוב געמאַכט, שטייען איצט פאַריתומט אָן יידישע איינוווינער.

על־פי נס איז מיר געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון די נעגל פון טויט. און איך בלאָנדזשע נאָך היינט אַרום אָן אַ פריינט איבער די חורבות פונעם לעבן, ווי אַ פאַרשטויסענער הונט, פון איין מדינה צו דער צווייטער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זוכנדיק די פאַרלוירענע יאָרן.

אָפט שטיי איך שעה׳ן לאַנג און קוק מיר אַזוי דורכן פענצטער מיינע מחשבות פירן מיך צוריק אין מיין שטעטל אַריין, צו די אַמאָליקע בעלי־בתים און צו זייער לעבנס שטייגער.

אט זע איך די גרויסע שול, וואס ר׳ מאירל האט געלאזט בויען, דאס בית־המדרש, ווו איך פלעג צו לערנען; די סטרעטינער קלויז, די פארשיעדענע דאוונ־שטיבלעך, די חסידים, די געוועלבלעך מיט די סוחרימלעך; די אייניקלעך פונעם פרעמישלאנער רבין, ז״ל, די ציוניסטישע יוגנט מיט די אלטע שפה־ברורה׳ניקעס, די וואליע, דעם וואלד מיטן טייך, ווו מ׳פלעגט פארברענגען אין די שיינע הייסע זומער־טעג און נאך און נאך — — —

אט אזעלכע און ענלעכע בילדער פון דעם פאר־מלחמהדיקן לעבן שווימען מיר אויף אין זכרון און ס׳טוט אזוי ווי ביים געדאנק, אז ערשט נישט לאנג צוריק האבן זיי אלע נאך געלעבט· היינט איז אלץ חושכדיק פוסט, בלויז זכרונות פונעם עבר־לעבן נאך· שיינע חלומות, וואס א רייכע פאנטאזיע האט נאר געקענט וועבן: הויכע אידעאלן און הייסע געפילן — אלץ איז שוין אויף תמיד פארביי···

די זכרונות און געשטאלטן אין מיין בוך זענען בעצם בילדער פונעם פארמלחמהדיקן לעבן אין מיין שטעטל, נאך פריש אין מיין זכרון עס זענען זכרונות פון יארן נישט קיין טרויעריקע, זכרונות פון פריילעכע פריילעכע יארן···

המחבר

ז כ ר ו נ ו ת
א ו ן
ג ע ש ט א ל ט ן

אונדזער שטעטל

צווישן די הונדערטער קליינע שטעטלעך אין גאליציע, איז פרעמישלאן נישט ערגער געווען אין אויסזעען פון אלע אנדערע, — מיט בלאטע און טערפקע בארלעך, א מארק מיט קרעמלעך, א פוילישן קלויסטער, מיט א אוקראינישער צערקווע; א יידישן אפטייקער, א רב, עטלעכע שוחטים; תלמידי־חכמים און סתם פרומע־חסידים; א ציוניסטישע יוגנט מיט אן אייגן בית־עם א.א.וו. ס׳האט אויך נישט געפעלט עטלעכע היימישע משוגעים און אמאל אויך א צוגעקומענער, מיט וועלכע אסאך פון די יינגלעך האבן זיך אין דער פרייער צייט פריילעך געמאכט.

די מערהייט פון די דארטיקע יידן זענען געווען סוחרים, האבן געצויגן זייער חיונה פון מסחר מיט די ארומיקע פויערים געלעבט אפילו טיילווייז זייער ארים, אבער מיט גרויסן בטחון אין גאט, ווי זייערע אבות, האבן געגלויבט און געדאנקט דעם אויבערשטן פאר זיין חסד.

די בלאטע דארט איז ווי אומעטום; אייניקע חדשים אין יאר שליאפעט מען זיך ארום ביז איבער די פיס אין א שיטערער שווארצער בלאטע און ווען ס׳ווערט א שטיקל פראסט, פארטרוקנט זיך די בלאטע אויף די לאנגע בעקעשעס און אויף די כאלעוועס פון די שטיוול.

די פרעמישלאנער ווייבער זענען חלילה נישט געווען קיין עקרות, די מאנסבילן זענען געווען פרומע און "פרו ורבו" איז דאך א בפירוש׳ע מצוה פון דער תורה האבן קיין קינדער נישט געפעלט. מ׳האט געפראוועט בן־זכר׳ס, מזל־טוב׳ס, די יינגעלעך געשיקט אין חדר אריין צו אלט־פרענקישע מלמדים, ביי וועמען זיי האבן געכאפט א טראפן תורה און אסאך שמיץ און קלעפ. און פונעם חדר זיי צום מסחר גענומען...

די מיידלעך האבן זיך אין שטוב געהאלטן ביז צו דער חתונה. סיידן ווען מ'איז שוין געווען גאר ארים, האט מען דאס מיידל געלאזט לערנען שניידעריי. און האט געדארפט א ייד חתונה מאכן זיינ'ס א קינד, האט גאט אויך געהאלפן, דורך א וועקסל, דורך א הלוואה ביים וואכערניק און ס'רוב דורך נסים ממש.

די שטילקייט איז געשטערט געווארן, ווען אין שטעטל איז עמיצער געשטארבן, אדער ווען מ'האט גערופן די בחורים צום מיליטער.

איז עמיצער געשטארבן, איז דאס גאנצע שטעטל צו דער לויה ארויס און די גאנצע לופט איז פארטויבט געווארן פון ווייבערשע יללות.

נאך מער האט דאס שטעטל געקלאגט, בעת מ'האט די בחורים צום שטעלן גערופן. דעמאלט זענען די מאמעס אויפן בית־עלמין געלאפן, האבן אין די קברים פון זייערע טויטע קרובים געקלאפט און מיט פארצווייפלטע קולות זיי געבעטן זיך צו מיען פאר זייערע זין... א שרעקליכער יאמער האט זיך דעמאלט געטראגן איבער די גאסן.

טיילמאל זענען אסאך פון די זין געווארן קאליקעס פון פלאגן זיך א פאר חדשים פארן שטעלן, כדי צו באקומען דאס באפרייונג צעטל.

אמאל־אמאל, האט אויך געטראפן, אז די רויקייט אין שטעטל איז געשטערט געווארן פון גאר אן אנדערער סבה, ווי למשל, פון א מחלוקה'לע צווישן יידן איבער א שוחט, דעם מרחץ, צי איבער עליות אין בית־המדרש להבדיל.

...זומער איז דאס שטעטל איינגעטונקן געווען אין גרינס. ספעציעל די וואליע, וואס איז געלעגן אין א טאל פון איין זייט שטעטל און פון דער צווייטער זייט — דער וואלד.

אויף דער וואליע, דער קריסטלעכער בית־עלמין אויף א גרינעם בערגל, מיט הויכע סאסנע בוימער אויסגעשטעלט אנטקעגן שטראז ווי זעלנער צום ראפארט, מארמארינע מצבות, מיט טייערע מאנומענטן, ווו ס'זענען באגראבן געווען פוילישע שליאכצעס...

דער דאזיקער בית־עולם האט ארונטערגעקוקט אויף דעם פארשטעטל די וואליע נאך מער געהיימפול ווי דער וואלד אויף דער ראגאטקע אויף דער אנדערער זייט פונעם שטעטל.

טיילמאל איז דער הימל איבערן שטעטל געווען קלאר, אמאל אין גאנצן בלוי, ווי א רויקער ים. און אמאל ביים זון אונטערגאנג האבן זיך אטייל פענצטער פון די הייזער מיט א רויט פלאמענדיק פייער אנגעצונדן און אנדערע פענצטער האבן דעמאלט אין א טונקלקייט געזונקען: און ווען די זון איז אויפגעגאנגען האט דער וואלד אויפן בארג ווי געברענט, דער געגילדעטער צלם פונעם קלויסטער האט געפינקלט און די מצבות און מאנומענטן אויפן קריסטליכן בית־עולם האבן געגלאנצט, ווי מיט גאלד באגאסן.

ווען די לבנה איז אויפגעגאנגען איבער דעם טונקעלן וואלד, זענען די קעפ ביי די בוימער מיט א גלאנציקן שטויב באשאטן געווען, די דעכער און שויבן פון די הייזער ווי געפודערט אויסגעזעען...

זומער איז געווען לעבעדיקער, אויף די שטויביקע, נישט ברוקירטע גאסן, האבן זיך קינדער געשפילט, בארוויסע מיט פארברודיקטע פנימלעך יינגעלעך מיט לאנגע ארבע־כנפות׳לעך, די עקן פון די העמדלעך ארויס־געשטעקט פון די הייזעלעך. געשפילט זיך אין קנעפלעך און די מיידעלעך האבן געשפילט אין טשייכן־שטיינדעלעך.

די עלטערע ייִנגלעך זענען געזעסן אין די חדרים און פון די אפענע פענצטער האבן זיך געטראגן זייערע הילכיקע קול׳כלעך, וואס האבן געצויגן מיט א ניגון די ווערטער פונעם לערנען מיטן רבין...

די מאמעס, וואס זייערע מאנסבילן האבן די גאנצע וואך זיך איבער די דערפער געשלעפט, זענען געזעסן אין דרויסן נעבן די שטוב און האבן געלאטעט — און פארריכט מלבושים, געצערוועט זאקן אויף א גלאז, געשטריקט טישטעכער... אנדערע ווידער זענען געשטאנען אין זייערע קרעמלעך, האבן ארויסגעקוקט אויף א קונה און געזיפצט, אדער אויפן מארק מיט ברויט און פארשיידענע נאשערייען. אטייל מענער זענען געזעסן נעבן זייערע ווייבער אין די קרעמלעך, אנדערע אין בית־המדרש און געלערנט.

די דערוואקסענע טעכטער, וואס האבן די הויז ארבייט געטון, זענען געווען פאר׳טרוד ביים פוצן און ראמען די שטובן. איז פארבייגעגאנגען א

בחור, האט זיך אין אן אפענעם פענצטער באוויזן א קאפ מיט צושויבערטע האר מיט שווארצע ברענענדיקע אויגן פון א יידישער טאכטער...

האבן זיך באגעגנט די שווארצע אויגן מיט דעם בחור׳ס, האבן זיי זיך פארשעמט און צנועותדיק אוועקגעקוקט און א האנט האט זיך תיכף א כאפ געטון צו פארריכטן די צושויבערטע האר אויפן קאפ. דערנאך אז דער בחור איז פארשוואונדן, האט זיך פונעם אפענעם פענצטער א מיידלש געזאנג דערהערט אין וועלכן א נשמה האט איר פארבארגענע בענקעניש אויס־געגאסן...

גאנץ אנדערש האבן אויסגעזעען אט די מיידלעך פרייטיק צו ליכט בענטשן, ווען זיי האבן שוין געהאט דעם שבת־קודש אין שטוב אריינ־געבראכט: דעם טשאלנט פארוקט און דעם אויוון פארחתמ׳עט, די דילן אפגעוואשן, דעם טיש מיט א ווייסן טישטעך באדעקט און אויף איין ברעג טיש א פאר אויסגעפוצטע לייכטער מיט ליכט אוועקגעשטעלט און אויפן צווייטן ברעג צוויי חלות אונטער א ווייסן חלה־טישטעכל אוועקגעלייגט, די לאמפן מיט נאפט אנגעגאסן און פון זיך אויך די וואכנדיקייט ארונטער־געווארפן. די פנימער אפגעוואשן, אפגעפרישט און אויפגעלעבט, די אויגן האבן געבלישטשעט ווי פייער, די האר פארקעמט אין די שבתדיקע קליידער האבן דעמאלט די דאזיקע מיידלעך אויסגעזעען אויפגעלעבט פון א שבתדיקע נשמה, פון א נשמה־יתירה...

די טאטעס זענען פונעם מרחץ געקומען מיט נאסע בערד און פאות, מיט רויטע אויסגעפארעטע פנימער און מיט בעזעמלעך אונטער די פאכוועס.

די זון גייט אונטער, די מאמעס בענטשן שוין ליכט, די טאטעס מיט זייערע יינגעלעך איילן זיך אין בית־המדרש אריין. דעמאלט ווייזן זיך די מיידלעך אויף דער גאס, שטייען ארום די הייזער און ווען א בחור גייט דעמאלט פארביי, האלטן זיי זיך גאנץ אנדערש, קוקן אויף אים פרייער חוצפה׳דיקער...

זיי פילן זיך שבתדיק, זעען אויס שבתדיק און די גאנצע סביבה ארום זיי האט א שבתדיקן אויסזען... אלע הייזער זענען באלויכטן, דורך די

הבדלה

פענצטער ציען זיך ליכטיקע־פריילעכע שטראלן פון די שבת ליכט. וואס געדיכטער און טונקעלער ס׳צעשפרייטן זיך די טונקעלע שאטנס איבערן שטעטל, אלץ שטארקער און העלער קוקן ארויס די ליכטיקע אויגן פון דער מלכה־שבת...

איבערן מארק שוועבט אויף דער שבת־קודש, ס׳איז רואיק־שטיל, אלע געוועלבלעך זענען צוגעשלאסן. קיין פארזארגטע יידישע פנימער זעט מען איצט דארט נישט. קיין יידישן קרעכץ הערט מען נישט, ס׳איס שטיל, דער מארק שלאפט, רוט זיך אויס פון די וואכנדיקע דאגות...

דער וואלד און דער קריסטליכער בית־עולם, האבן זיך עפעס ווי אוועק־גערוקט פונעם שטעטל אין א פינצטערקייט אריין...

אויפן הימל האבן זיך אנגעצונדן די שטערן און האבן עפעס אויס־געזעען אנדערש, ווי אין מיטן דער וואך.

פונעם בית־המדרש און פון דער שול שיטן זיך יידן ארויס מיט זייערע זין, פאוואליע טריט ביי טריט גייען זיי זיך א היים, פונקט, ווי קיין דאגות וואלטן אויף דער וועלט נישט געווען...

גוט־שבת! הערט מען אויף דער גאס מיט פריילעכע שטימן, גוט־שבת! הילכט אין די שטובן. גוט־שבת דוכט זיך באגריסן די ליכטיקע פייערלעך דורך די פענצטער צו די בלישטשעדיקע שטערן אויפן הימל — גוט־שבת! — — —

באלד באגריסט מיט א ניגון יעדער ייד די גוטע מלאכים, וואס זענען געקומען אין זיין שטוב מיטן שבת־קודש.

דער ראזשינקע־ווייַן פון וועלכן דאס גאנצע בני־בית האט פארזוכט האט אויף אלע טעמים געהאט...

און שפעטער האט געקלונגען דאס קול פון די שבת זמירות בהרחבה׳־דיק און אלע דאגות פון דער גאנצער וואך זענען פארגעסן געווארן.

איך דערמאן מיך אין א שבת פארנאכט, איך בין נאך דעמאלט געווען גאר א קליין יינגל. אויפן גאנצן שטעטל איז אויסגעגאסן א מאדנע חן. די

טירן פון ס׳רוב הייזער זענען האלב אפן, האלב צוגעמאכט. דא און דארטן טרינקט מען שוין טיי נאכן שבתדיקן דרימל. און דער זויערלעכער טעם פונעם טשאלנט ליגט נאך אלעמען אין מויל.

יידן אין וועסטלעך, מיט אראפגעלאזטע ציצית און מיט יארמולקעס אויף די קעפּ, גענעצן רחבותדיק, יידענעס קארגן אויך נישט מיט קיין גענעץ נאכן שלאף, מ׳זעט באשיינפערלעך אז ״שינה בשבת תענוג״.

פלאמיק אויפן האריזאנט פארגייט די זון. און איר לעצטע שיין רוט נאך אויף האלבע גאסן. אויף די שפיצן בוימער פונעם דערבייאיקן וועלדל ליגט שוין איר לעצטער ״זייט געזונט!״

אויף גאנעקעס קומען ארויס פון די שטובן יידן מיט שבתדיקע ברייטהארציקע גרעפסן און לאנגע גלות׳דיקע גענעצן.

מיד, פאר׳חלומ׳טע פארלעך ציען איצט פונעם וואלד, ווו אויפן גראז אין שאטן פון בוימער זיי האבן פארבר׳אכט דעם שבתדיקן טאג.

פון די לאנקעס און די פעלדער קומען אן קי, דורשטיקע און מיט אייטערס פול מיט מילך.

מיין מאמע זיצט אויף א באנק נעבן הויז, מיט א פלעטל אויף אירע פלייצעס און ארום איר אויף די טרעפלעך פונעם אריינגאנג, זיצן עטלעכע ווייבער שכנות. מען קוקט נאך די פארביישפאצירנדיקע פארלעך, מ׳בארעדט זייער יחוס, ווער זייערע זיידעס און עלטער זיידעס זענען געווען.

מ׳קוקט נאך די דרוכגייענדיקע קי און מ׳זאגט מבינות און מיינונגען וועגן די בעלי־בתים זייערע.

דער מארק רוט נאך, די קראמען זענען פארשלאסן, בעת דאס יידישע יוגווארג טראגט זיך מיט דעם קאכעדיקן געפילדער פונעם וואלד.

די טירן פון דער צערקווע זענען שוין אפן, מ׳גרייט זיך שוין דארט צו דער תפלה... עטלעכע פויערטעס און פויערים מיט ווייסע און

געבלימטע פאטשיילעס אויף די קעפ קוקן נאך דאס יידישע יונגוואַרג, רעדן צווישן זיך שטיל, פאר׳סוד׳עט...

אין א געסל פון הינטער דער צערקווע קוקט ארויס פון א אפענעם פענצטער הערש יאסל שוסטער מיט א יארמולקע אויפן קאפ איינגעטונקען אין פעדערן, א פנים ערשט פונעם בעט ארויס, גלעט זיך בהרחבה דאס געלע שפיציקע בערדל און קנייטשט דעם שטערן.

זיין שכן מאטקי פיניאלעס אין א ווינטערדיקן קאפטאן שטייט נעבן זיין טיר, קראצט זיך אונטער דער פאכווע קרימט זיך און אויקעט: אוי־ווא, סארא היץ! ס׳ברענט ווי אין גיהנום.

א יידישע פרוי לויפט ארויס פון דער שטוב און שרייט צו איר ייִנגל, ער זאל אריין אין שטוב ״פרק״ זאגן. נישט ווייט זיצט א מאמע מיט אירע קינדער אויף א פריזבע און דערציילט זיי מעשות פון לאמעדוואוניקעס און גוטע יידן...

א ייד מיט פארקאטשעטע פאלעס יאגט זיך נאך זיין ציג און רופט זי, דזשיק דזשיק! דזשיק!... א צווייטער ייד טרייבט אוועק א חזיר פון זיין טיר, וועלכער האט א פנים דארט עפעס דערשמעקט און גראבט מיט זיין פיסק. טרייבט אים מיט די הענט און שרייט האוטש! האוטש!

קליינע ייִנגלעך שפילן זיך אין כאפערלעך, לויפנדיק ארום די הייזער, פארשוויצן זיך פון דעם ארומלויפן. שרייט אויף איינעם דער טאטע: אזא געזונטער איוואן, שפילט זיך מיט קליינע קינדער, קראנק איז ער ״פרק״ צו זאגן! די מאמע קוקט אויף אים און זיפצט, וואס וועט פון אים אויס־וואקסן?

און צו דער טאכטער, וואס טוט דאס זעלביקע שרייט די מאמע אויף איר; אזא שיקסע ווי זי איז פארשוויצט, האלט אין איין ארומלויפן מיט אלע יונגעץ, שוין באלד א כלה־מויד. און דער טאטע זאגט אין הארבערן טאן; די פיסקעס דארף מען איר אויספאטשן, זי זאל וויסן, אז זי איז א יידישע טאכטער!

אט שיטן זיך שוין פון די הייזער ארויס בעלי־בתים מיט זייערע יינגלעך איילן זיך אין בית־המדרש אריין מנחה דאווענען.

די מיידלעך בלייבן אין דער היים, העלפן גרייטן דעם טיש צו שלש־סעודות.

אין בית־המדרש ארום דעם אויוון זיצן ארימע יידן, בעלי־מלאכות און הערן זיך צו צום ניגון פון לערנען, וואס פארהילכט דאס גאנצע בית־המדרש.

פארוווארפן די קעפ א הינטער, די אויגן פארגלאצט צום סופיט, טראגן זיך די יידן אריבער מיט זייערע מחשבות אין גאר אנדערע וועלטן אריין... ווער ווייסט, וואס ס'האבן אין אזעלכע שבת פארנאכטן געטראכט אט יענע יידן — ווער ווייסט?...

ס׳בענקט זיך אזוי

אייביק געדענקען וועל איך מיין שטעטל דאס קליינע,
אין וועלכן כ׳האב געלעבט און געווארן דערצויגן.
די פעלדער, דעם וואלד, די לאנקעס די גרינע,
די הייזלעך, וואס זענען גאנץ נידריק געבויגן.

דעם טייך אין וועלכן נישט איינמאל
האב מיך אין די הייסע זומער טעג דערפרישט
און אסאך מאל זיך צוקוקן און שווייגן,
ווי ס׳האט זיך דער הימל מיט וואסער געקושט.

געדענקען וועל איך די ליכטיקע זון די העלע
וואס האט דאס שטעטל באשטראלט און באגלאנצט,
ווו אפטמאל די גאלדענע שטראלן האבן
ביי מיר אין הארץ חלומות געפלאנצט.

די מיידלעך פונעם שטעטל יענע די צנעותדיקע,
וואס פלעגן דערזעען מיך פארשעמטע פארשווונדן
און האבן פון דערווייטנס מיט זייערע בליקן
א פייער פון ליבע אין מיין הארץ אנגעצונדן.

כ׳געדענקט און דערמאן זיך דא אין דער פרעמד
ווען אמאל אמאל כיאג זיך נאך גליק,
מיט בענקשאפט, מיט מוט נאך אמאליקער יוגנט,
וואס וועט שוין קיינמאל נישט קומען צוריק.

ביי אונדז אין בית המדרש

דאס בית־המדרש ביי אונדז איז געווען דער הויפט צענטער פאר אלע יידן אין שטעטל, און כמעט תמיד געווען פול מיט פארשיידענע לומדים און סתם פראסטע בעלי בתים, וואס זענען געקומען אין זייער פרייער צייט זיך צוצוהערן צום לערנען. געווען אויך אזעלכע יידן, וואס פלעגן קומען אין די קאלטע ווינטער טעג זיך אונווארעמען און דערביי זיך צוצוהערן צו ר׳ פייוועלעס אדער שלום משהס מעשות פון גוטע יידן אדער וועלטלעכע נייעס, וואס זיי פלעגן דערציילן ביים טיש נעבן אויוון.

ר׳ פייוועלע און שלום משה, פון די בית־המדרש בטלנים, פלעגן האבן דעם גרעסטן תענוג ווען יידן אדער יינגלעך פלעגן זיך צו־הערן צו זייערע דערציילונגען. ווי למשל, אז דער עסטרייכישער קייזער יאזעף האט אמאל געוואלט זען דעם רבין ר׳ מאירל, ז״ל, האט ער זיך פארשטעלט פאר א בעטלער און אין אן ערב־פסח אריינגעקומען בעטן ביים רבין א נדבה... ווען דער רבי ז״ל האט אים דערקענט דורכן רוח־הקודש, האט דער קייזער דערלאנגט דעם רבין א זעקעלע מיט גילדענע צענערלעך און געבעטן דעם רבין, אז קיינער זאל פון דעם נישט געוואר ווערן.

די יינגלעך זענען געשטאנען מיט אפענע מיילער: געקוקט ר׳ פייוועלען אין די אויגן און נישט געקענט פארשטיין, צי ר׳ פייוול דערציילט זיי א מעשה, אדער ס׳איז טאקי אן אמת...

ארום די לאנגע טישן זענען געזעסן יידן ביי אפענע ספרים און זיך צוגעהערט צום שטאטישן למדן ר׳ יאסעלע ראשעס לערנען; אדער צו דעם דיינס, ר׳ משה מאירן, וועלכער פלעגט זיצן אין בית־המדרש יום־ולילה און לערנען ביחידות צי פאר אן עולם.

ר׳ יאסעלע ראשעס, א דאר יידל, הויך געוואקסן, מיט א שווארץ גרויער שיטערער בארד און צוויי קליגע אויגן, א זקן אין די שבעים, א גרויסער בעל תורה, האט שוין געהאט זיינע סטאבילע תלמידים, ווי ר׳ משה ליפשיטץ, ר׳ אהרעלע פעפער, ר׳ אברהמצי פעפער, ר׳ לייב באס, ר׳ יהושע האלפערן, ר׳ משה מעהל און אסאך אנדערע, מיט וועלכע ער פלעגט א יעדן אוונט נאך מעריב לערנען תורה.

דער דיין ר׳ משה מאיר, אויך א זקן, א גרויסער תלמיד־חכם, א נידריק מגושמדיק יידל מיט א ברייטע גרויער בארד, שטענדיק אנגעטון אין זיינע ברילן, פון וועלכע דאס רעכטע גלעזל האט געפעלט — אויף דעם אויג האט ער במילא נישט געזען, דאס לינקע, אויף וועלכן ער האט יא אביסל געזען, איז געווען פארקלעפט מיט ליים — פלעגט קוקן אריבער די ברילן און דאס ספר האלטן נאנט צום אויג. ר׳ משה מאיר האט אויך געהאט זיינע סטאבילע תלמידים, וועלכע פלעגן יעדן אוונט קומען הערן אים לערנען.

בחורים זענען געזעסן ארום אפגעזונדערטע טישן און געלערנט, א טייל ביחידות, א טייל אין כתות. אויפגעשלאסן דאס בית־המדרש האט תמיד ר׳ יאסעלע ראשעס, חוץ מאנטיק און דאנערשטיק, ווען א טייל בחורים פלעגן לערנען א גאנצע נאכט.

ר׳ יאסעלע פלעגט קומען אין בית המדרש אריין נאך חצות און לערנען ביחידות. ביז מ׳האט זיך געשטעלט דאוונען דאס לעצטע מנין. דאס דאוונען מיטן לעצטן מנין האט זיך אנגעהויבן האלב־צוועלף, און מיט דעם מנין האבן געדאוונט דער רב, דעם רבינס איניקלעך, ר׳ יאסעלע ראשעס, דער דיין, דער סופר ר׳ יוסף חיים און עטלעכע חסידים, וואס זענען נישט געווען באשעפטיקט. נאך מיטיק איז דאס בית המדרש געווען אביסל ליידיקער. געלערנט האבן נאר עטלעכע בחורים.

ר׳ יוסף חיים סופר פלעגט זיין ביז מנחה צייט מטורד מיט זיין הייליקער עבודה, ווי שרייבן א מזוזה, פאריכטן א ספר תורה אדער איבער־קוקן פרשיות פון תפילין ביים טיש נעבן ארון קודש.

ווינטער צייט איז דאס בית־המדרש געווען פול פון דער פרי ביז שפעט ביינאכט.

בין השמשות פלעגן זיך צונויף קומען אלע סוחרימלעך צום דאווענען, דערביי אריינכאפן א שמועס מכח מסחר און סתם זיך אביסל אנווארעמען.

"מאדריט", דער שטאטישער משוגענער, פלעגט זיך ארומדרייען אין בית־המדרש און צונויפקלויבן שטיקלעך ציגארן, וואס פלעגן ליגן אויף דער ערד און זיי אוועקלייגן אין א פאפיר אויף א טיש. האט זיך תמיד געטראפן א יינגל, א קונדאס און זיי ארונטערגעווארפן פונעם טיש. איז אין בית המדרש געווארן פריילעך.

דער שמש האט א קלאפ געטון אין טיש, עמיצער האט אויסגעשריגן "והוא רחום"!



דער סופר (יוסף איזראעלעס)

מיינע חדר יארן

וואס פאר א מאדנע מענטש דאס איז געווען מיין דרדקא-מלמד איתמר בונדזאק, ווען איך טראכט פון אים, פיל איך, ווי מייז וואלטן מיר געקראכן אונטערן העמד...

איך זע ווי ער שלאגט אומרחמנותדיק די קינדער און זידלט זיי... יעדעס חדר קינד האט ביי אים געטראגן א צונאמען, וואס ער אליין האט צוגעטראכט.

זיין שטענדיק הייזעריקע שטימע האט געקלונגען ווי פון א ערדערנעם טאפ ארויס. זיינע רויט געליאמעוועטע אייגעלעך האבן געגעסן מענטשן לעבעדיקערהייט פאר זיין קוק פלעג איך מיך אויסבאהאלטן און אנטלויפן פאר זיין געשריי.

כ׳דערמאן זיך איינמאל אין ווינטער, בעת מיר האבן געלערנט ביי־נאכט; אין דרויסן האבן בייזע קעלטן זיך איינגעגעסן אין לייב און די פינגער פון די הענט זענען אויפגעגאנגען ווי פוכיקע קישעלעך, האט דער רבי גע׳עצה׳ט; איינצוטונקען די הענט אין קאלט וואסער און רייבן זיי אין די האר.

אז דער פראסט אין דרויסן איז געווארן גאר שטארק, פלעג איך פארבלייבן מיט א טייל פון מיינע חברים אין חדר און פלעגן זיך דערציילן מעשות, אדער זיך שפילן אין פארבלענדעניש.

אמאל אין א בין־השמשות האט געברענט א מוראדיקער פראסט אין דרויסן. דער רבי איז אוועק דאווענען מנחה־מעריב און אין חדר איז געווען

דער רבי ביים לערנען

גאנץ טונקל; קוים וואס מ׳האט געזעען איינער דעם אנדערן. האבן מיר אנגעהויבן זיך שפילן אין פארבלעגדניש. דער גורל איז אויסגעפאלן אויף מיר, און מ׳האט מיר פארבונדן די אויגן מיט א האנטעך. ארומלויפנדיק אזוי מיט פארבונדענע אויגן, האב איך דערטאפט די רביצן, וועלכע איז גראדע געשלאפן אויפן בעט, זי געגומען שלעפן פאר די פיס, שרייענדיק: געכאפט דיך ממזר, אהא! געכאפט דיך שקץ, אהא! די רביצן האט אנגעהויבן קוויטשן. און אלע יינגלעך האבן געמאכט קולות און געלאכט.

פלוצעם איז דער רבי אריינגעקומען, דערהערט די געשרייען, האט ער אין דער גיך אנגעצונדן דעם לאמפ אין דערזעען די רביצן ליגן אויף דער ערד און מיך נעבן איר מיט א האנטעך ארום די אויגן. פאר שרעק און פאר בושה האב איך מיך ביטער צעוויינט. דער רבי האט אראפגענומען זיין פוטער פון זיך און מיך גענומען אויפן פארהער...

איך האב מיך אפילו נישט געפרוווט פארטיידיקן, נאר האב געקוקט אויף דער ברעזענער רוט און זי דערפילט א הייסע איבערן גאנצן לייב... מיט טרערן אין די אויגן האב איך זיך מודה געווען אויף דער גאנצער מעשה. און דער רבי האט מיך פארמשפט צו צוואנציק שמיץ פארן אראפשלעפן די רביצן פונעם בעט.

בכבודי ובעצמי, האב איך געמוזט אראפלאזן די הייזלעך און דער רבי מיט די תלמידים האבן אנגעהויבן ציילן די שמיץ: — איין שמיץ, צוויי, דריי, פיר...

איך האב געפילט ווי דאס הינטערלייב ברענט מיר ווי פייער, נאר קיין געשריי לאז איך נישט ארויס, בלויז א קרעכץ. מיין הארץ ווערט פול מיט א ביטערן האס צום רבין, כאטש דעם אמת געזאגט, האב איך מיר דאס ערלעך פארדינט. ביים צענטן שמיץ האט דער רבי מיר געהייסן אויפשטיין און ארויפרוקן די הייזלעך...

פון דעמאלט אן האב איך מיך מער נישט געשפילט אין פארבלענדעניש, נאר בלויז אין דערציילן מעשות. אבער איך האב נישט אויפגעהערט מקנא צו זיין די יונגע שקצים, וואס האבן אלץ געמעגט: גליטשן זיך, מאכן מענטשן פון שניי, וואס דער רבי האט אונדז פארבאטן...

ביינאכט, א היימגייענדיק פונעם חדר, האבן מיר יא געהאט א געלעגנ־הייט אביסל זיך פריילעך צו מאכן. אין די הענט האבן מיר געטראגן קליינע לאמטערנדלעך מיט פארשיידנפארביקע שייבלעך אין וועלכע ס׳האט געשטעקט א ברענענדיק ליכטל. די עלטערע תלמידים מאיר טוקיע און ישראל שאלאמאק פלעגן גיין פארויס ווי גענעראלן. און מיר נאך זיי ווי סאלדאטן, זינגענדיק,

— האפ־האפ, א גוטע נאכט,
מיר הויבן אן צו גיין ביינאכט.
יא אזוי, נישט אזוי,
כי לעולם חסדו.

אדער :

טובים מאורות שברא אלהינו,
טא־טאטא טאם־טאמטאם,
יצרם בדעת בבינה ובהשכל,
באם־באם, באם־באמבאם.

אדער :

אויף די גרינע בערגלעך
כרמל, הר־הזיתים
פאשן זיך יידישע שעפעלעך
— ישראל, עם־קדושים.

אזוי האבן מיר דעם גאנצן וועג געזונגען, אונטערכאפנדיק דערביי א קויל שניי, וואס מיר האבן געווארפן איינער דעם אנדערן, אדער געגעבן א שטויס און אומגעווארפן איינער דעם אנדערן און צוגעדריקט צום שניי אז ס׳זאל בלייבן אפגעדרוקט א מענטשעלע.

ביסלעכווייז איז אונדזער חברותא געווארן קלענער. דא איז געוועזן ישראל שאלאמאקס הויז, דא מאיר טוקיעס דארט — דעמס, דארט — יענעמס. און אט בין איך שוין נעבן מיין היים.

דער זמן איז פאריבער. און איך בין, מיט מזל, געווארן א תלמיד ביים גמרא־מלמד וואלף קאדעט; "קאדעט" איז געווען א צוגעפאסטער נאמען פאר אים. ער איז געווען א ייד מיט א ווייס, אונטערגעשוירן בערדל און א פאר ברילן אויף דער נאז. ער האט זיך געקליידט מאדערן און אויסגעזען ווי א דייטשער ראבינער.

ער האט געשמט פאר א גוטן בעל־תנ"ך און איז אויך געווען א גוטער בעל־קורא. זיין חדר איז געווען איינס פון די גרעסטע אין שטעטל. נישט געווען כמעט איינער אין שטעטל, וואס זאל נישט האבן געלערנט ביי אים. און אלע תלמידים זיינע האבן באקומען גרויסע אויערן.

די סבה דערפון איז געווען גאנץ פשוט: ר׳ וואלף האט געהאט א טבע, א חוץ א קאנטשיק אדער א שטעקן צו שלאגן, פלעגט ער אויך ציען די אויערן ביי די תלמידים. א פנים שטארק הנאה האבנדיק דערפון.

נאר דאס אלץ האט אונדז נישט געשטערט ליב צו האבן זיין דערציילן מעשות פונעם תנ"ך.

אמאל א זונטיק אין דער פרי, באלד ווי מיר האבן נאר געעפנט די גמרא נאך איידער מיר האבן אנגעהויבן לערנען, זאגט דער רבי — מיטוואך וועל איך אייך פארהערן, נישט דאנערשטיק!

די בשורה, אז דער רבי וועט אונדז פארהערן מיטוואך און נישט דאנערשטיק האט אונדז בכלל נישט געשמעקט, ווייל יעדעס פארהערן איז אונדז געלעגן גוט אין זכרון... איצט קומט עס נאך א טאג פריער ווי תמיד!

א גאנצע וואך האבן מיר פלייסיק געלערנט. גאנץ פרי זענען מיר שוין געווען אין חדר, אהיימגייענדיק גאר שפעט. אויפן וועג אהיים פלעגן מיר נאך אפטרעטן אין בית־המדרש, כדי איבערצוחזר'ן דעם שעור. פלעג איך מיר זיצן נעבן גרויסן אויוון און חזר'ן די גמרא עפעס א גייסטיק פארגעניגן איז אין דעם געלעגן, נישט צו באשרייבן... איך א קליין גמרא יינגל, זיץ מיר אין בית־המדרש און לערן ווי א גרויסער! אלעמענס אויגן, דוכט זיך, קוקן אויף .מיר; איך שעם מיך צו זעען ווער ס'קוקט... כ'טראכט ביי זיך, אז מסתמא דארף עס אזוי צו זיין; מ'קוקט אויף מיר,

ווייל איך בין נישט ווי אנדערע יינגלעך, וואס לויפן איצט ארום און שפילן זיך אין נארישע, קינדערישע שפילעכלעך.

דער געדאנק מאכט מיך שטאלץ, כ׳הויב ערשט אן צו לערנען די גמרא מיט א ניגון, טאקע ווי א גרויסער. נאר אט קומט צו דער טאטע מיינער, וואס האט מיך באטראכט די גאנצע צייט און זאגט: לערן נישט מיט קיין ניגון, ווייל דער ניגון וועט דיר שטערן. וועסט נישט הערן וואס דו זאגסט און נישט פארשטיין וואס דו לערנסט.

דעם טאטנס ווערטער נעמען ביי מיר צו דעם שטאלץ, הגם כ׳בין יא צופרידן וואס דער טאטע האט געזעען ווי פלייסיק איך לערן.

לסוף איז געקומען דער מיטוואך, דאס פארהערן איז נישט געווען אזוי מוראדיק ווי מ׳האט זיך פארגעשטעלט. עפעס איז געווען מיט חסד... קיין בייזע מינע אויפן רבינס פנים האט מען נישט געזעען, ווי ספלעגט צו זיין אין א דאנערשטיק. דאס קול זיינס איז עפעס געווען בניחותדיק־שטיל און זיינע אויגן האבן געקוקט אויף אונדז מיט רחמנות.

האט איינער פון אונדז נישט ריכטיק געקענט דעם שעור, האט ער אויף אים נישט געשריגן און נישט געצויגן ביי די אויערן.

נאכן לערנען האט זיך דער רבי אויפגעהויבן פונעם טיש, זאגנדיק: גייט אייך א היים קינדערלעך. היינט נאכמיטיק און מארגן א גאנצן טאג באדארפט איר נישט קומען אין חדר אריין. איר ווייסט דאך אז היינט איז ערב תשעה־באב. נאר איך בעט אייך, איר זאלט געדענקען וואס תשעה־באב איז, אין דעם טאג איז אונדזער בית־המקדש חרוב געווארן און איבער דעם טאר מען נישט אין אזא טאג זיך אפגעבן מיט נארישקייטן... אפשר ווילט איר, קינדער, נאך דא זיין אביסל, וועל איך אייך דערציילן די מעשה פון חורבן בית־המקדש, איר ווילט?

אין דער רגע זענען מיר געבליבן באטראפן. מיר האבן זיך שוין געהאט געפריידט וואס מיר זענען בשלום איבערגעקומען דאס פארהערן און האלטן שוין ביים אהיימגיין. עפעס א קלייניקייט, אנדערהאלבן פרייע זומער טעג! מיר האבן שוין געהאט געמאכט אונדזערע פלאנען וויאזוי צו פארברענגען די צייט אין וואלד, ביים טייך. ס׳וועט זיין א לעבן!

נאר גראד מוז דעם רבין פלוצעם איינפאלן א געדאנק און אונדז הייסן נאך פארבלייבן... אבער מיר האבן אים נישט געקענט מעיז־פנים זיין און האבן אים געענטפערט מיט א האלב מויל: — גוט, מיר ווילן בלייבן...

נו, זעצט אייך, קינדער, נאך אביסל אנידער, וועל איך אייך דערציילן. ווערזשע איז אומשטאנד צו באשרייבן דעם צער, וואס מיר קינדער האבן געהאט בשעת דער רבי האט אונדז דערציילט די מעשה פונעם חורבן בית־המקדש? קיין אויג האבן מיר נישט אראפגעלאזט פון זיין טרויעריק פנים. און מיט אפענע מיילער האבן מיר געשלונגען יעדעס ווארט זיינס, מיט א שטילער, ציטערנדיקער שטימע האט ער אונדז געמאלן אלע שרעקלעכע בילדער פונעם חורבן. ר׳האט געוווסט צו דערציילן אזוי לעבעדיק, אז ס׳האט זיך אונדז געדוכט ווי מיר זעען דאס בית־המקדש ברענען פאר אונדזערע אויגן. מיר זענען געזעסן ווי צוגעקאוועט צום טיש, מורא געהאט אפילו זיך א ריר צו טון, טאמער שטערט עס דעם רבין.

ווען דער רבי האט געענדיקט, זענען מיר געבליבן זיצן ביים טיש ווי דערשלאגן. ס׳איז אונדז שוין מער נישט געלעגן אין קאפ קיין שום שפילן, קיין וואלד און קיין טייך...

אצינד גייט אייך, קינדערלעך, אהיים און געדענקט וואס פאר א טאג מארגן איז! געדענקט איך בעט אייך, נישט צו פארברענגען מיט קיין נארישקייטן...

און מיר זענען ווייטער געזעסן, ס׳האט זיך קיינעם נישט געגלוסט אהיימצוגיין... רבי! רופט זיך איינער פון אונדז אן מיט א ציטערדיק קול און מיט טרערן אין די אויגן. וואס ווילסטו מיין קינד? פרעגט אים דער רבי. — און וואס איז געווען דער סוף פון די רוימער, די רשעים? אויף דעם האט דער רבי ווייטער אנגעהויבן צו דערציילן. זיין שטימע האט שוין מער נישט געציטערט, נאר אין זיינע אויגן האט זיך אנגעצונדן א פייערל. גערעדט האט ער אסאך, אבער מיר האבן נישט אלץ פארשטאנען, מיר האבן בלויז משיג געווען דעם תוך.

״הקדוש ברוך הוא״ האט באצאלט די רשעים פאר זייער רשעות. די רוימער זענען שוין לאנג נישטא מער. ס׳איז געקומען אויף זיי די זעלבע

תשעה באב אין בית־המדרש. (י. האראוויץ)

מפלה, ווי אויף אנדערע פעלקער, וואס האבן געוואלט אונדז פארניכטן פון דער וועלט, ווי "אשור" און "בבל" מיר לעבן און וועלן ווייטער אויך לעבן! — — —

דער רבי איז אויפגעשטאנען פונעם טיש, האט זיך אפגעווישט דעם שווייס פונעם שטערן, אויסגעווישט א טרער פון די אויגן. און מיר זענען א היים־געגאנגען טרויריק און מיט א פארקלעמט הארץ...

שפעטער בין איך געגאנגען מיטן טאטן אין בית־המדרש אריין, ווו די שטענדערס און די בענק זענען שוין געווען איבערגעקערט צום זיצן. טייל מתפללים האבן מיטגעבראכט פון דער היים קליינע בענקעלעך, קעסטלעך... מ׳האט אפגעדאווענט מעריב מיט א טרויעריקן נוסח, און נאכן דאווענען איז דער "קורא" צוגעגאנגען צום ארון־קודש, זיך דארט אנידערגעזעצט אויף א קליין בענקעלע, עטלעכע מאל זיך אויסגעהוסט, אנגעטון די ברילן און אנגעהויבן לייענען; — "איכה ישבה בדד העיר".

אין בית־המדרש האט געהערשט א מרה־שחורהדיקע שטילקייט. דער "קורא" האט געלייענט מיט א שטיל קול. שפעטער איז זיין קול נאך טרויעריקער געווארן, ציטערנדיקער נאר שטארקער. אויף די ווענט האבן זיך באוויזן שאטנס, אלץ איז שטיל, מ׳הערט בלויז דעם קורא׳ס שטימע און א זיפץ, וואס רייסט זיך אלעמאל ביי אן אנדערן ארויס.

ביים "קורא" ווייזן זיך טרערן אין די אויגן, זיי לייכטן ביים ליכט און ער ווישט זיי נישט אפ... טיילמאל קאפעט אים א טרער אראפ אויף דער קינה און זאפט זיך איין אין ספר. נאר ס׳ארט אים נישט.

מיטאמאל ווערט ער שטיל, די טרערן ווערגן אים, דאס הארץ קלעמט, די אויגן ווערן אים פארשטעלט און ער זעט נישט מער ווייטער צו לייענען. דעמאלט נעמט ער ארויס די רויטע פאטשיילע פונעם בוזעם, ווישט זיך אויס די אויגן און לייענט ווייטער.

נאכן זאגן "זכור ה׳ מה היה לנו" איז זיך דער עולם צוגאנגען א היים, נישט ריידנדיק קיין ווארט איינער מיטן אנדערן, ווי אמתען אבלים.

אזעלכע תשעה־באב׳ן האבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון און איך טראג זיי מיט זיך אויף אלע מיינע נע־ונד׳ן...

תשעה באב

איינגעקאַרטשעט פון צרות און מורא,
הערט זיך ערגעץ שטיל א טרויעריק ליד,
תפילות זינגט אזוי צום בורא.
אין תשעה־באב דער גלות ייד.

ס׳קלינגען, ווי פון פאַריושמטע גלעקער א נגון,
פון צייטן פאַרגאַנגענע טויטע,
ס׳הילכט דאס בת־קול ווייט פאַרטראָגן.
ווי וויינען ס׳וואלט דאָרט א חוטא.

ביי די תפילות רינען טרערן,
אויף א פנים, מאָגער, בלאס,
ווי אן עכא לאָזט זיך הערן.
די קינה אין דער יידישער גאס.

ער באַוויינט דעם חורבן פון אמאָל,
מיט א צעבראָכן האַרץ, א רחמנות,
פאַרגיסט טרערן אן א צאָל.
אויף די אומשולדיקע קרבנות.

קלאָגט און וויינט אזש ביים האַרץ קלעמט
קרעכצט ביי דער קינה און טראַכט
באַוויינט דאס בית־המקדש, וואס פאַרברענט
האָט דער שונא אין תשעה באב ביינאַכט.

א טבע פון אַ רבין

א טבע אזא פון א רבין, ארומצוגיין מיט אן אפענעם קראק, מיט נישט פארקנעפלטע הויזן און האלטן אין האנט א שטעקן אדער א פאסיק — קיין נפקא־מינה.

און, ווען די חדר־קינדער ארום דעם טיש האבן געזאגט דעם פסוק חומש, פלעגט ער זיצן פארגאפט און סמאטשקען א ווייניקע באמבאנקע... נישט איינמאל האבן די קינדער זיך פריילעך געמאכט איבערן רבין, ווען א מידער ער האט איינגעדרימלט ביים הייסן אויוון אין די ווינטערדיקע בין־השמשות׳ן מיט אפן צעשפּילעטע הויזן...

מיין רבי ר׳ משה שכנה׳ס, א ליכטיקן גן־עדן זאל ער האבן.

נישט ווייט פונעם חדר, האט געוווינט א היגער־סוחר. א חודש פאר פורים האבן שוין ביי אים אין הויף ארומשפאצירט אינדיקעס, פונקט ווי פורים און פסח וואלטן געמאכט געווארן נאר לכבוד זיי.

איינמאל, ווען דער רבי איז איינגעשלאפן ביים אויוון, האבן מיר פארלאזט דאס חדר אין דער שטיל און גענומען טרייבן די אינדיקעס איבערן הויף, זיי איבערגעשראקן און געיאגט פון ארט צו ארט. איין אינדיק איז אריין צו אונדז אין חדר און גענומען ארומלויפן ווי משוגע. מיר חברה זענען געלאפן נאך אים געטריבן אים ארום אין שטוב ביז ר׳האט צעבראכן עטלעכע שויבן און טעלער. די רבצין האט געמאכט א געוואלד. פלוצעם איז דער רבי אריינגעקומען, מיט א בעזעם אין האנט און האט גענומען אונדז שלאגן און האקן ווי אין קרויט אריין.

דאך איז דער חודש אדר מיר תמיד געווען טייער, ווייל ער קומט ווי א פרינץ און ברענגט פריילעכע טעג מיט זיך...

אין חדר האט מען געביטן דעם סדר פון לערנען. אנשטאט גמרא וואס האט געמאטערט מיין קינדישן קאפ א גאנץ יאר, האב איך א הנאה געהאט פון מגילת־אסתר, תרגום־שני און יציאת־מצרים, ווי אויך פון מיין רבינס ארטיסטישע צייכנונגען פון דעם חושן־ואפוד פון דער מנורה פון שולחן, וואס ער האט געמאכט מיט זיין צעבראכענע בליי. דאס איז געווען, ווען מיר האבן געלערנט די פרשיות תרומה און תצוה, דעמאלט זענען מיר שוין געווען פריי פון לערנען ביינאכט. מיינע פיס האבן דעמאלט נישט גערוט אין שטוב, נאר מיט באנדעס יונגאטשעס ארומ־געהוליעט און פלעגן אפטוען מעשים־תעתועים אין בית־המדרש.
גליקליכע יארן זענען דאס געווען.

דער רבי האט איינגעדרימלט

צונעמען

דער מנהג צו רופן א מענטש ביי א נאמען איז אפשר אזוי אלט ווי די מענטשהייט אליין.

אין די גאר אלטע צייטן האבן די נעמען פון מענטשן געטראגן געדאנ־קען וואס זענען פארבונדן מיטן מענטש גופא. לויט דער תורה, האט דער ערשטער מענטש געהייסן אדם, ווייל ער איז גענומען געווארן פון דער ערד־"אדמה" די ערשטע פרוי האט געהייסן חוה, ווייל זי איז די מוטער פון אלע לעבעדיקע "חי".

יעקב אבינו'ס פרוי לאה, האט איר ערשטן זון א נאמען געגעבן ראובן, ווייל גאט האט געזען איר צער־"ראה", רחל די צווייטע פרוי, וועלכע איז א לענגערע צייט געווען אן עקרה, האט איר ערשטן זון גערופן יוסף, ווייל גאט האט אוועקגענומען איר חרפה "אסף".

אין די שפעטערדיקע צייטן האט מען זיך באנוצט מיט די נעמען, וואס האבן שוין עקזיסטירט פון פריער.

אבער דאס זיינען נאר געווען פערזענליכע נעמען. פאמיליען־נעמען און צונעמען זיינען ערשט איינגעפירט געווארן אסאך שפעטער, ווען מ'האט זיך ארומגעזעען, אז בלויז איין נאמען גענוגט נישט צו דערקענען א מענטש פון א גרויסער מאסע. האט מען איינגעפירט צוצוגעבן צום ערשטן נאמען זיינעם דעם נאמען פון זיין מלאכה אדער מסחר, ווייל מלאכות און מסחרים פלעגן פארצייטנס איבערגיין פון עלטערן צו קינדער און דערפאר האט מען דעם זון פון א שמיד נאך אלס ייִנגל גערופן שמיד אדער קאוואלסקי

אין פוילן. אט אזא נאמען פלעגט שוין ביי יענעם פארבלייבן אפילו ווען ער אליין איז נישט פארבליבן ביי דעם פאך און דער נאמען איז שוין אזוי איבערגעגאנגען פון דור צו דור. דערפון טאקע שטאמען די נעמען: ״שניידער״, ״שוסטער״, ״קויפמאן״, ״קרעמער״ און אנדערע.

ביי יידן איז אויך פארציייטנס אזוי געווען. זיינען דאך אונדז באקאנט נאך פון דער תלמודישער צייט אזעלכע נעמען ווי ״סנדלר״ (שוסטער) ״נפחא״ (שמיד, קאוואל) און ״סתת״ (שטיינשניידער) — ״יוחנן הסנדלר״, ״יצחק נפחא״, ״פנחס הסתת״.

אפטמאל האט מען מיט געוויסע נעמען געזוכט צו באצייכענען דאס אויסזעען פון א מענטש, ווי ״שווארץ״, ״קליין״, ״רייך״, ״גליקלעך״ א.א.וו.

אין די שטעטלעך פון פוילן, רוסלאנד, גאליציע, פלעגט מען רופן מענטשן לויט זייערע פאכן אדער געשעפטן, ווי ״חיים מילכיקער״ (א מילך הענדלער), ״אהרן טערק״ (א נאר, א לא־יוצלח), ״אלטער מארשאליק״ (א בדחן אויף חתונות), בערל שלייכער (א שדכן) און ענלעכע.

טיילמאל טרעפן מיר א געבוירענעם א ווילנער, וואס טראגט דעם נאמען ״בערלינער״; א שניידער מיטן נאמען ״שומאכער״; א הויכן מענטש, וועלכער הייסט ״קליין״; אן ארימאן, וואס רופט זיך ״רייך״; א בלאנדן, וועמעס פאמיליען־נאמען איז גאר ״שווארץ״; צו גאר א נאר, וואס שרייבט זיך אונטער ״קלוגער״ א.א.וו.

אין דער אלטער היים איז כמעט נישט געווען א יחיד אן אזא צונאמען. אין אסאך שטעטלעך פלעגט מען צופאסן נייע נעמען לויט ווי איינער האט זיך אויפגעפירט. אין דער הינזיכט איז פרעמישלאן נישט געווען קיין אויסנאם.

פּעשע האָן!

איך ווייס פּאָרויס, אַז ווען די לייענער פון מיין שטעטל וועלן דערזעען דעם נאָמען „פּעשע האָן" געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס וועלן זיי גלייך נעמען לאַכן; נישט ווייל דער נאָמען איז אַ קיצלדיקער און רייצט צום לאַכן, נאָר ווייל זיי וועלן זיך דערמאָנען יענע פרוי, וואָס דער נאָמען האָן איז געווען אַזוי צוגעפּאַסט פאַר איר.

„פּעשע האָן" איז געווען הויך און זייער דעליקאַט, ממש הויט און ביינער רחמנא לצלן. דער גאַנצער קערפּער אירער איז עפּעס געווען מאָדנע צוזאַמענגעשטעלט: איר קאָפּ איז געווען גרויס און פלאַטשיק, מיט משונה גרויסע אויערן; מיט גרויסע, גרינע אויגן ווי גראָז; מיט אַ נאָז ווי דער שנאָבל פון אַ פויגל. אַנקוקנדיק זי אין אַ קאַלטן ווינטער טאָג אין איר לאַנג, שטוב קלייד, האָט מען געקענט מיינען, אַז דער גייסט פון הונגער איז אַראָפּ אויף אונדזער ערד, אָדער עפּעס אַ סטראַשידלע איז אַנטלאָפן פון אַ פעלד.

זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ מלחמה־אינוואַליד, אַ בלינדן אויףביידע אויגן נעבעך.

פון דער רעגירונג האָט פּעשעס מאַן באַקומען אַ גרויסע פּענסיע און אויך אַ דערלויבעניש פאַר אַ הויפּט־טראַפיק, אַזוי, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט איז ער נתעשר געוואָרן מיט אַן אייגענער מויער אין מיטן שטאָט. פּעשע האָן האָט זיך דאַריבער שוין געהאַלטן פאַר אַ גרויסער יחסנטע און האָט אפילו אָנגעהויבן רעדן יידיש געמישט מיט פּוילישע ווערטער און אויך אַמאָל דייטש, אַז ס'איז אַזש געוואָרן כמעט אוממעגלעך זי צו פאַרשטיין.

פעשע האָן, האָט איר גאַנץ לעבן, נישט פאַר קיינעם געדוכט, געליטן אויפן מאָגן און דערפאַר פלעגט זי יעדן זומער פאָרן קיין קרעניץ זיך קורירן. אַמאָל גראַד צוריקקומענדיק פון קרעניץ האָט זיך ביי פעשען איר קראַנקער מאָגן, נעבעך, צושפּילט. און מ׳האָט טאַקי תיכף געמוזט ברענגען צו איר דעם ד״ר בראַנדווייך, וואָס האָט שטודירט אין ווין און מערסטנס גערעדט דייטש.

גוט מאָרגן, מאַדאַם, — האָט דער דאָקטאָר זי געגריסט אַריינקומענדיק צו איר אין שלאָפצימער. — וואָס איז עפּעס ביי איהנען פאַר אַ נייעס? פעשע האָן האָט נאַטירלעך קיין דייטש נישט געקענט, זי האָט אָבער דאָך געוואָלט ווייזן, אַז פאַר אַ רייכער פרוי פאַסט עפּעס נישט צו רעדן סתם יידיש, ווי יעדער שוסטערקע. ס׳מוז פאָרט זיין עפּעס אַן אונטערשייד...

אַך מיין ליבער דאָקטאָר! — ענטפערט פעשע, — דאָס איז אַלץ פון די יידישע שפּייזן. אַזוי ווי נעכטן איז געווען שאַבאַס (שבת) האָב איך מיך צוגעכאַפּט צו די פאַש מיט צאַבאַלע (פיש מיט ציבעלעס). האָב איך מיר קאַליע געמאַכט די לופט (דעם מאָגן). דערצו האָבן זיך מיר אָפּגערופן די אַלטע צאָרעס (צרות) מיט מיינע צימעס פּלייש...

אַזוי ווי זי האָט נעבעך געליטן אויך אויף דער ברוסט, אָבער דעם נאָמען ברוסט, האָט זי פּשוט פאַרגעסן און אַנרופן דעם טייל קערפּער אויפן פּראָסטן לשון האָט איר דאָך נישט געפּאַסט. אַ פּראָסט וואָרט באַנוצט מען אויף אַ קו, נישט אויף אַ רייכע יידישע פרוי, אַ מאַדאַם! האָט זי זיך דער־מאָנט, אַז אַ גוט שטיקל ברוסט־פלייש לייגט מען אַמאָל אַריין אין צימעס... נאַטירליך האָט ד״ר בראַנדווייך זי גוט פאַרשטאַנען ווען ער האָט געקריגן באַצאָלט און איז צופרידן אוועקגעגאַנגען.

אָבער פון דעמאָלט אָן, האָט שוין פעשע אַריינגעמישט אַזעלכע ווערטער אין איר רייד, אַז, ס׳איז שווער געווען זיך משער צו זיין, וואָס זי מיינט. למשל, ווען דער וואַנטזייגער איז ביי איר געבליבן שטיין, האָט זי דעם זייגערמאַכער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ׳דאַרף אַריינשטעלן אַ נייע "פּיראַמידע", ווייל ס׳האָט זיך אויסגעלינקען די ספּראַזשינע. האָט זיך אין שטוב צובראָכן אַ שטול, האָט זי דעם סטאָליער געהייסן צומאַכן אַ נייעם "שעמעל". וואָס זי האָט דערמיט געמיינט איז נישט קלאָר, און דער סטאָליער האָט מסתמא אויך נישט געוווסט...

ווען אין אירע שיך האבן זיך די קנאפל אפגעטראגן, האט זי פונעם שוסטער פארלאנגט, אז ער זאל מאכן א נייעם "שרונט"!

— אך זא, מערקווירדיק!! איך רוועט מען נאך קענען אין אים שלעפעזירן.

אין די ווערטער "אירען" איז זי פשוט געווען פארליבט.

זי האט אמאל גענאשט דעם אויסדרוק "מיט רעספעקט צו זאגן", וואס הייסט אויף יידיש, "איך בעט איבער אייער כבוד" און האט זיך מיט דעם באנוצט ביי יעדן שמועס.

אמאל האט זי דערמיט געוואלט מאכן א קאמפלימענט איר פריינדין, וואס איז געקומען אויף באזוך צו איר. ביידע זענען ערשט נישט לאנג צוריק געווען אויף א חתונה.

אך רעגינא, — האט זי צו איר געזאגט, — זי האבן אויף דער האכצייט אין נייעם קלייד, מיט רעספעקט צו זאגן, די האכצייט זער פארשיינט. אלע יונגע דאמען זענען געווארן "פארשעמירט". מיר איז די האכצייט ארויס באקאם, ווייל עס איז געווען זער שוונג, און איך האב די גאנצע צייט זער שוויצירט. (געשוויצט) . . .

ווען א לערער האט אמאל געהאט א לעקציע ביי איר אין הויז מיט איר מיידל איבער פוילישער היסטאריע און עפעס געלייענט פון מיצקיעוויטשן, איז פעשע פונקט פארבייגעגאנגען און זיך אפגעשטעלט. כדי דער לערער זאל וויסן מיט וועמען ער האט צו טון, האט זי אויסגערופן, — זי טוען גוט, הער לערער, וואס זי לערנען מיט איר דיזע זאכן. איך ביטע איהנען, לערנען זי מיט איר שטענדיק פון מאשקעוויטש. דאס איז זער א נוצליכע זאך פאר א מעדכען. — און דאס זאגנדיק, האט זי זיך שטאלץ ארויס־געשארט; אוודאי טראכטנדיק ביי זיך, — זאל ער אויך וויסן, אז איך בין אין פוילישן א גרויסע בריה. — אט דאס איז געווען פעשע האן. הלואי וואלט זי געלעבט! — — —

מאדריט

געווען אמאל אין פרעמישלאן א שפאניע־מאכער, וואס פלעגט מאכן עטרות צו טליתים. אויף די עלטערע יארן איז ער, נעבעך געווארן עובר־בטל און פלעגט תמיד זיצן הינטערן אויוון אין בית־המדרש.

א געוויסער עושר און א גרויסער לץ פלעגט דעם זקן דעם שפאניע־מאכער נישט לאזן צורו, ממש די יארן אים דאגאנגען, גערודפט אים, ווען נאר ער האט אים באגעגנט אין בית־המדרש. ר׳האט אים אויך א צונאמען געגעבן — ״מאדריט״ ווי ס׳הייסט די הויפשטאט פון שפאניע.

דרייט זיך אבער דאס רעדל און דער עושר דער לץ ווערט אליין א יורד. פשוט, די קינדער זיינע האבן ביי אים אוועקגענומען דאס פארמעגן, אזוי, אז אויך ער איז געווארן אן אפטפער גאסט אין בית־המדרש.

אסאך מענטשן פלעגן אים דערמאנען די צרות, וואס ער האט אנגעטון דעם אלטן שפאניע־מאכער, און דערפאר קומט ער איצט אפ — — — אז ער האט אזעלכעס דערהערט, פלעגט ער אויפשפרינגען פאר כעס און אנהויבן שלאגן יעדן איינעם, וועלכער ס׳האט נאר פרובירט א לאך טון.

ווי דער שטייגער איז, האבן ייגגע חברה דאס באמערקט און אים אנגעהויבן רופן מיטן באקאנטן נאמען ״מאדריט״.

ער האט ליב געהאט זיך צו טשעפן צו יעדן איינעם, קוקן הינטער־וואלעכטס, ווי א נערוויסטע פערד און ווארפן בייזע בליקן צו דער חברה ייגגווארג. יעדער איינער איז ביי אים געווען אונטער א פארדאכט...

— איר ווילט אייך שוין ווידער טשעפען? פלעגט ער פרעגן כמעט יעדן איינעם. זיין שוואכקייט איז געווען א סווישטש, און קען מען דען א סווישטש אויסמיידן, א סווישטש אין שמועסן אדער אפילו אין דאווענען?

טאקי ווי קען מען עס, אז אויף יעדן צווייטן צי דריטן ווארט פאלט אויס א "שין" א "סמך" און אז מ'וויל, איז דאך א "תוו" אויך מעגלעך ארויסצוריידן מיט א סווישטש! פלעגן מיר, קינדער, טאקי זיך פריילעך מאכן מיט "מאדריטן" אין אזעלכע היימלעכע פארנאכטן.

דאס בעסטע מיטל ארייִנצוברענגען "מאדריטן" אין כעס פלעגט זיין א פייף אדער א סווישטש, וואס האט געזאלט באדייטן, אז ער איז א בהמה, און צו א בהמה פייפט מען. — — —

א חוץ דעם האבן נישט געפעלט נאך אנדערע מיטלען, ווי רופן אים משוגענער "בולאן". דער נאמען "בולאן" האט געהאט א טרויריקן הינטערגרונט.

אין זיינע יונגע יארן פלעגט ער די וואליע בעלי־בתים רופן "בולאן" און אויף זיין זקנה, ווען ר'איז געווארן עובר־בטל, האט אים א וואליע יינגל הערש בילאק אנגעהויבן צו רופן מיט זיין אמאליקן אויסגעטראכטן נאמען "בולאן".

נאך א צונאמען האט ער געהאט — "יהודית'ל". אזוי האט געהייסן זיין ווייב, מיט וועלכער ער האט זיך שלעכט געלעבט. מיט דעם נאמען "יהודית'ל" איז ממש געווען א סכנה אים צו רופן.

כ'געדענק ווי אמאל האבן זיך אלע בית־המדרש בחורים אויפגעהויבן פון טיש און ארויסגעלאפן אין גאס, דערהערנדיק "מאדריטס" געשרייען. עטלעכע עלטערע בחורים האבן אים ארייִנגעפירט צוריק אין בית־המדרש אריין און פרובירט אים איינשטילן. לכתחילה האט מען אים געגעבן ציגארעטן, דערנאך האט מען איינגעטענה'ט מיט אים, אז ער זאל זיך מער נישט אויפרעגן, ווען מ'רופט אים מיט אזעלכע נעמען.

— מער נישט, — האט ער געזאגט, — מער וועט מיך נישט ארן...

— אז מ׳וועט דיך רופן ״משוגענער״? — ס׳ארט מיך נישט!

— ״משוגענער״ ״מאדריט״! — ס׳ארט מיך נישט!

— און אז מ׳וועט דיך רופן ״משששוגענער״, ״מאדריייייט״, ״בולאאאן״

— ״יהודיתתת׳ל״.

דא האט ביי ״מאדריטן״ געפלאצט דאס געדולד — — — ער איז צוגעלאפן צום אויוון, געכאפט א שייטל האלץ און מיט הימל־שרייענדיקע קולות געלאפן פון טיש צו טיש געהאקט און געשלאגן וועמען ר׳האט נאר געפאקט. און אין בית־המדרש איז ווידער געווארן לעבעדיק!

נישט געשטויגן
און נישט געפלויגן

ווער האט נישט געקענט הערשעלע דולזאק פון פרעמישלאן? דאס גאנצע שטעטל האט דאך געקלינגען מיט דעם תכשיט! אליין איז הערשעלע געווען אן עלטערער בחור, מיט אסאך מלאכות; א טענצער, א פויקער און א שטובן־מאלער.

מיט די ערשטע צוויי מלאכות פלעגט ער זיין פארנומען א גאנצן ווינטער. האט אפגעדונגען דעם געמיינדע זאל אין שטעטל, וואס דארויף האט ער געהאט א חזקה פון יארן. און אהין פלעגן קומען די בחורים און מיידלעך זיך לערנען טאנצן און אמוזירן אין ווינטערדיקע אוונטן.

קליין און גרויס האבן זיך אמוזירט מיט הערשעלען אין שטעטל. ער האט געהאט א טבע אויסצוטראכטן כלערליי קונצן און אפצוטון פאר־שיידענע שפיצלעך; און אז ר׳האט זיך אונטערגענומען עפעס אויפצוטון, האט שוין יעדער איינער געוווסט, אז ס׳וועט זיין צו זען און צו לאכן.

פון ערב־פסח אן פלעגט ער שוין זיין באשעפטיקט מיט שטובן־מאלעריי. מ׳האט אים געקענט זעען ווי ער גייט מיט גאוה צו דער ארבייט, טראגנדיק די לייטערס אויף דער פלייצע אויסגעצויגן, ממש ווי א סאלדאט. א טערקיש רויט מיצל האט אים באצירט דעם קאפ, א פיפקע אין מויל און געטראגן געקסטלטע רייט הויזן, מיט געלע שטיוול, אזוי, אז זיין קליינע פיגור האט געמאכט דעם איינדרוק פון א קאמעדיאנטשיק אין א צירק.

אמאל אין א מיטוואך אין דער פרי האט הערשעלע דערציילט אין מארק, אז דעם קומענדיקן פרייטיק וועט ער אראפשפרינגען פון דער שפיץ

מויער, ווו לייב צלאל׳ס, דער שטאטישער גביר וווינט, און וועט פליען אין דער לופטן ווי א פויגל. די נייעס האט מען אויפגענומען מיט ערנסקייט כאטש ס׳זענען געווען אזעלכע, וואס זענען געווען מסופק אין דער מעגלעכ־קייט צו באווייזן אזא קונץ. דאך האבן זיי זיך געריכט, אז הערשעלע וועט יא באווייזן עפעס א קונצשטיק. געוועגלעך האט ער תמיד מקיים דבור געווען וואס ער האט געזאגט.

די נייעס איז גיך מפורסם געווארן אין גאנצן שטעטל פון מויל צו מויל. פרייטיק אין דער פרי האט מען שוין געקענט זעען ס׳גאנצע שטעטל ביי לייב צלאל׳ס הויז, יידן און ווייבער; אפילו קיין קינד אין דער וויג איז נישט געבליבן אין דער היים.

ווי דער שטייגער איז פון א גרויסן מאן, וואס ווייסט, אז מ׳ווארט אויף אים מיט אומגעדולד, האט הערשעלע געלאזט דעם עולם אביסל ווארטן.

פלוצעם האט ער זיך באוויזן אויפן דאך, פארנייגט פארן עולם און אויפגעהויבן א האנט אין דער הויך, בעטנדיק, אז ס׳זאל זיין שטיל, ווייל ער האט עפעס צו זאגן. דער עולם איז געווארן שטיל און ערנסט.

מיטאמאל האט זיך הערשעלע צעלאכט אויפן קול. וואס לאכסטו משוגענער? האט מען גענומען פרעגן מיט כעס.

— איך לאך, — האט הערשעלע אויסגעשריגן הויך, האלטנדיק זיך ביי די זייטן און קאטשענדיק זיך פון לאכן, — איך לאך וואס א גאנצע שטאט משוגעים זענען זיך צונויפגעלאפן זעען א זאך, וואס ס׳איז אומ־מעגלעך — — — וויאזוי קען איך פליען? וואס בין איך דען א פויגל צי אן עראפלאן?

איך האב אייך בלויז געוואלט ווייזן ווי משוגע איר זענט אלע און נאר איך אליין בין דער איינציקער נארמאלער מענטש — — — אוי האב איך אייך שוין אפגענארט! כע־כע־כע, משוגעים, א היים גייט, א היים זאלט איר גיין! בלויז נאראנים גלויבן אין זאכן, וואס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

יענקעל הוש

משוגעים, רחמנא לצלן, פעלן נישט, דוכט זיך, אויף דער גאנצער וועלט און יעדע שטאט האט איר אייגענעם משוגענעם. אבער אזא מין משוגענעם, ווי יענקעל הוש, האט די וועלט זעלטן ווען געבוירן.

פון וואנען ער האט זיך גענומען, האט קיינער נישט געוווסט.

ווען איך בין נאך געווען א קליין יינגל, געדענק איך ווי דער בית־המדרש שמש האט דערציילט שבת ביים דאווענען, אז מיטוואך פארטאג, בשעת אין דרויסן האט געברענט א מוראדיקער פראסט און ער איז געקומען איינהייצן דעם אויוון, כדי ס׳זאל זיין ווארים צו שחרית, האט ער פלוצעם דערהערט א שטארקן קלאפ אין דער טיר. ער האט אויפגעעפנט און דערזעען פאר זיך א נידריק־פעטן אפגעריסענעם בחור מיט א לייוונטענער טארבע איבערן אקסל.

דער פארשוין איז גלייך אריין אין בית־המדרש און תיכף צוגעלאפן צום אויוון. האט זיך אנידערגעזעצט אויף דער באנק און אנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן אן אן אויפהער. אלע בייזע חלומות צו זיין קאפ! נאדיר גאר א משוגענעם צום טיש, ער פעלט אונדז נייטיק אויס, האט זיך א טראכט געטון דער שמש. אבער דא האט ער זיך דער׳מאנט אין דער קעלט אין דרויסן, און רחמנות געקריגן אויף דעם אורח. פון וואנען איז א ייד? — האט ער אים געפרעגט, געבנדיק אים "שלום עליכם". דער אורח האט געקוקט אויף אים, געפינטלט מיט די אויגן און גארנישט געענטפערט. — ס׳איז א פנים א ביטערע קעלט אין דרויסן, — האט דער שמש ווייטער פרובירט פארפירן א שמועס מיט אים, — איר ציטערט, נעבעך. פון וואנען קומט איר? — איך קום פון יענער וועלט! — האט דער אורח אים געענט־

פערט, און האט ווידער א פינטל געטון מיט די אויגן. "ער" לאזט אייך גריסן און ועט, מסתמא, קומען צו אייך געוואר ווערן...

דער שמש האט נשתומם געקוקט אויף אים, ווידער פרעגנדיק, — ווער האט מיך געלאזט גריסן? און ווער וועט עס צו מיר קומען? — "ער", מיין פריינט, דער מלאך־המות, — האט ער אין איין אטעם געגעבן א רעד ארויס און אויפסניי צו געפינטלט מיט די אויגן. פלוצעם האט ער זיך אויפגעשטעלט אויף דער באנק, א קלאפ געטון מיט די הענט און אנגעהויבן קרייען ווי א האן...

אין אנפאנג האט דער שמש זיך דערשראקן, נאר באטראכטנדיק דעם פארשוין, האט ער באקומען רחמנות און אים געלאזט פארבלייבן אין בית־המדרש. פון דעמאלט אן איז יענקעל הוש פארבליבן א פרעמישלאנער תושב.

איינמאל א שבת ביים שלש־סעודות, אין מיטן זמירות־זינגען, האט זיך דער אורח אונדזוערער, זיצנדיק אזוי הינטערן אויוון, געגעבן א שטעל אויף אויפן טיש, וואס איז געשטאנען נעבן אויוון, א קלאפ געטון מיט די הענט און אנגעהויבן קרייען. היות אין דרויסן איז געווען א שטארקער פראסט און אין בית־המדרש ווארים, האבן זיך אלע יונגאטשעס און קליינע לאבוזעס פארזאמלט אין בית־המדרש אריין; די בעסטע צייט צו יונגאטשעווען.

דערהערנדיק דאס קרייען, האבן אלע ווי מיט איין קול, אנגעהויבן שרייען "הוש, הוש"! געגנוי ווי ווען מ'שרייט אוועקצוטרייבן א הון. קליינווארג האבן זיך מיט דעם שטארק משמח געווען. עטליכע בעלי־בתים זענען צוגעגאנגען צו אים און מיט א שטיקל הערינג פונעם שלש־סעודות אים איינגעשטילט.

פון דעמאלט אן האט ער באקומען דעם פארדינטן נאמען הוש, און קינדער האבן מיט אים געפירט אן אייביקן קאמף; אין בית־המדרש ביים דאווענען, אין גאס און אומעטום, ווו נאר מ'האט אים דערטאפט. ער פלעגט זיי נאכיאגן, ווארפן שטיינער, שייטלעך האלץ און וואס ס'איז אים נאר אונטערגעקומען צו דער האנט. ער פלעגט אויך שרייען און קוויטשען ווי א משוגענער הונט.

יענקעלע הוש איז נישט געווען דער איינציקער משוגענער אין אונדזער שטעטל.

יענקעל הוש

שוין זייט א לאנגער צייט, עפעס א יונגער מאן,
פלעגט זיך ארומדרייען אין בית־המדרש, זיך פארטיפן,
ליב געהאט רעדן צו זיך אליין.
"יענקעל הוש" האט יעדער אים גערופן.

פון וואנען ער איז געווען,
האט נישט געוווסט קיינער,
אז ר'איז משוגע האט מען געזעען
געקענט האט אים יעדער איינער.

מ'פלעגט אים זען אפט ארומיאגן,
אין בית-המדרש בייטאג און ביינאכט,
מיט די קינדער זיך ארומגעשלאגן,
ווען גערופן אים "הוש", אדער געלאכט.

ווען די רויטע זענען אנגעקומען,
האט לאנג נישט געדויערט,
תיכף נאכן באפרייען.
יענקלען קיין רוסלאנד פארפירט.

דער פורים־רב!

לייזער פורים־רב, ווי מ'האט אים ביי אונדז אין שטעטל גערופן, איז געווען, א חוץ א קברן אין דער חברה־קדישא, אויך א "טעלער־לעקער" ווי מ'זאגט. אויף אלע חתונות און ברית'ן פלעגט ער זיין, און ביי יעדער שמחה אריינכאפן עטלעכע זלאטעס, ר'איז געווען א קליין יידל, מיט אן אויסגעפליקט בערדל און איינגעפאלענע קליינע כיטרע אייגעלעך.

זיין ווייב, בינע ריווע די מארק־זיצערן, איז געווען א יידענע מיט א פנים, וואס ס'איז געווען געשטשיפלט, געפינטלט און געפלעקט, ווי יעקב אבינו'ס שעפעלעך, און מגושם־גראב.

איר נאז האט געהאט א געשטאלט ווי אן ענגליש פייקעלע אן דעם ציבוכל: איר שטערן — ווי די לבנה אין חצי־חודש, נאר צוגעשפיצטער. דערצו באשפריצט מיט עטלעכע קאווע־פלעקן, וואס איך בין מסופק אויב פרומע יידן וואלטן אזא געפלעקטע לבנה מחדש געווען... ואחרי כל אלה א פאר שורות ציין — נאר וואס ציין? צוויי שורות יאסלעס, וואס דא אין דארט האט זיך פארשטעקט א פניאק, מפוזר ומפורד, ווי פארגעסענע שטאכעטן פון אן איינגעפאלענעם פלויט... דערצו האט זי געהאט א מויל ווי אויף שרויפן. איבעראל איז זי פול געווען. איעדן אין שטעטל האט זי געקענט און אלע האבן זי געקענט.

אין הויז איז זי קיינמאל נישט געזעסן. גאנצע טעג פלעגט זי זיצן אין מארק פארקויפן בייגל, זעמל און פארשיידענע געבעקסן. אין אוונט פלעגט זי איבערזיצן ביי די שכנים און בארעדן יעדן איינעם פונעם שטעטל. און רעדן האט זי געקענט, אז א כפרה בלעם מיט זיין אייזל! אויב ס'איז אמת, אז ווייבער האבן ניין מאס רייד, האט בינע ריווע אוודאי דערפון געהאט

אכט און א האלבע מאס. דערצו האט זי אויך געהאט א כח־השמיעה און א חוש־הריח, להבדיל ווי א שפיר־הונט. זי האט געוווסט פון אלע סודות און קיין באהעלטעניש איז פאר איר נישט געווען.

האט זיך א ווייבל צעווערטלט מיט איר מאן, אדער איז ביי עמיצן דאס עסן אונגעברענט געווארן, האט בינע ריווע זיך תיכף דערוווסט און פלעגט דאס תיכף צעטראגן צו אלע שכנים און מאכן פון יעדן ווארט א קווארט...

לייזער פלעגט ציטערן פאר איר קוק. נישט איינמאל האט לייזער זיך געבעטן ביי איר נישט צו בארעדן די שכנים, ווייל דאס ברענגט אים אסאך היזק.

איינמאל אין אן ערב פורים, אין א קאלטן רעגנדיקן טאג, איז בינע ריווע א היימגעקומען אביסל פריער ווי תמיד פונעם מארק, זייער אויפגע־רעגט, נישט האבנדיק געלייזט קיין גראשן געלט. האט זי גענומען אויסגיסן איר כעס אויף לייזערן. לייזער, נישט האבנדיק קיין חתונות און נישט קיין לויות, איז זיך געזעסן אין שטוב און געווארימט ביים אויון.

— לייזער, וואס וועט זיין? אפשר וואלסטו ארויסגעגאנגען אין מארק אריין זיך זען עטלעכע זלאטעס און נישט זיך זיצן און ווארמען ביים אויון? ווייסט דאך, אז היינט איז פורים און כ׳האב נישט קיין גראש ביי דער נשמה! — — — האט בינע ריווע זיך אנגערופן צו לייזערן.

— און אז איך וועל ארויסגיין אין מארק, קלערסטו איך וועל עפעס אויפטון? ס׳איז דאך ערב פורים. קיין חתונות איז היינט נישטא, קיין לויות אויך נישט, טא לאז מיך בעסער זיצן אין שטוב און פארגעסן אביסל אין די צרות.

זאגנדיק דאס איז לייזערן אין דער מינוט איינגעפאלן א געדאנק, אז מיט אביסל שכל קען ער היינט נאך מאכן א שיין ביסל געלט.

— בינע ריווע, האסט עפעס געלט? — האט לייזער פאר שמחה אויסגעשריגן.

— דו ווייסט דאך! אז כ׳האב נישט, געווען היינט א שלעכטער טאג, כ׳האב אינגאנצן געלייזט זעקס זלאטעס.

— זייער גוט, בינע ריוועלע, זייער גוט! גיי און קויף שלח־מנות!

— ביסטו משוגע, צו באדאפסט ערשט ווערן? גיין קויפן שלח־מנות, ווען די קינדער זענען הונגעריק! מער פעלט דיר נישט, נאר שלח־מנות?

— טענה נישט קיין סאך, און גיי ווו כ׳שיק דיך — האט לייזער א געשריי געטון, נאר מיט א שמייכעלע אויף זיינע ליפן, חלילה נישט ארויס־צוברענגען בינע ריוועז פון די כלים...

ווייזט אויס, אז בינע ריווע האט זיך פארשטאנען אויף זיין שמייכעלע, אז דאס שמעקט עפעס מיט א שפיצל, ווייל זי האט טאקי תיכף געכאפט די שאל און איז בייז ארויסגעגאנגען פון דער שטוב.

אין א האלבע שעה ארום איז זי צוריקגעקומען אן אויפגערעגטע און א נידערגעלייגט אויפן טיש: א בייטל מיט עפל, מאראנצן און צוויי ביליקע טארטן.

— אבער לייזער, געדענק ס׳זאל זיך לוינען, — און געקוקט אויף אים מיט פייערדיקע אויגן, ס׳זאל נישט קומען צו כפול שומנהדיקע פעטש...

— קוק און שוויג, בינע ריוועלע! — האט ער איר געענטפערט. — איך בין געפאלן אויפן שכל! ס׳וועט שוין זיין אויף פורים, און אפשר אויף פסח אויך. — האט לייזער זי געטרייסט...

אזויווי נאר ס׳איז אביסל פינצטער געווארן, האט לייזער אויסגעלייגט אויף א טעלער עטלעכע עפל, עטלעכע מאראנצן, צוויי שטיקלעך טארטע, איבערגעדעקט מיט א טיכל און איין אוועקגעגאנגען.

בינע ריווע האט אים נאכגעקוקט דורכן פענצטער און געקוועטשט מיט די פלייצעס.

אריינקומענדיק צום שטעטישן גביר הערש נתן, האט לייזער דעם שלח־מנות איבערגעגעבן און דערביי געזאגט:

דער רב האט איך געשיקט שלח־מנות און ווינטשט איך א פריילעכן יום־טוב.

הערש נתן האט א קוק געטון אויפן טעלער און מיט א שמייכל זיך אנגערופן:

— דער רב דערמאנט מיך, אז היינט איז פורים.

נאט אייך פינף זלאטעס פאר אייער טרחה... און די צען זלאטעס זאל איר אזוי גוט זיין און איבערגעבן דעם רב פורים־געלט!

אריינלייגנדיק דאס געלט אין קעשענע, האט לייזער גענומען דעם ליידיקן טעלער און זיך געלאזט ארויסגיין.

— ווארט׳ס! — האט צו אים הערש נתן געזאגט. — איך וועל דעם רב דורך אייך צוריקשיקן שלח־מנות. פייגע, האט זיך הערש נתן געווענדעט צו זיין פרוי, — גיב דעם שלח־מנות טרעגער צוויי פלעשער וויין און א טארטע שלח־מנות פארן רב.

א היימקומענדיק, האט לייזער ווידער אנגעלייגט אויף א טעלער עטלעכע פירות און טארטע און אוועק צו אן אנדערן שטאטישן גביר, מארקעל אקערמאן, מיט דעם זעלביקן פזמון אז ער קומט אין שליחות פונעם רב און פון דארט אויך א היימגעקומען אנגעלאדן.

ר׳איז אזוי ארומגעלאפן צו אלע נגידים פונעם שטעטל ביז שפעט אין דער נאכט. ווען ר׳איז צום לעצטן מאל אהיימגעקומען, האט ער געזאגט:

— געננוג בינע ריווע, איצט לאמיר מאכן א שטיקל חשבון, — און האט אפגעווישט דעם שווייס, וואס האט גערונען איבער זיין פנים. — מזומן האב איך דריי און ניינציק זלאטעס, דערצו ניין זיידענע טיכלעך א חוץ פיר טישטעכער. טארטן און פירות האבן מיר ביז פסח און וויין, בראנפן און ליקער אויף א גאנץ יאר. וואס זאגסטו, בינע ריווע? אמת דעם פורים האבן מיר שוין פארשפעטיקט, אבער א פסח וועלן מיר האבן, אזא יאר צו מיר!

בינע ריווע האט נאך אלץ געקוועטשט מיט די פלייצעס. — אבער לייזער, — האט זי אויסגערופן — איך הויב נאך אלץ נישט אן צו פארשטיין, וויאזוי האסטו דאס געמאכט?

— מיט שכל, בינע ריווע, — האט ער איר געענטפערט — נאר מיט שכל! מער זאלסטו מיך נישט פרעגן!

בינע ריווע האט ווידער פארקוועטשט מיט די פלייצעס, אבער מער נישט געפרעגט. זי האט שוין אליין פארשטאנען, אז זי קען זיך אויף איר לייזערן פארלאזן. בינע ריווע האט אבער קיין סוד נישט געקענט איינהאלטן און טאקי צומארגנס איז זי אריינגעגאנגען צו א שכנות׳ע מיט א זיידן טיכל אויפן קאפ.

דערזעענדיק דאס זיידענע טיכל אויף בינע ריוועס קאפ, האט די שכנותע אנגעהויבן זי אויסצופרעגן, ווי און ווען זי האט דאס געקויפט. בינע ריווע האט נישט געקענט זיך איינהאלטן און אלץ דערציילט צו דער שכנותע. דעם אנדערן טאג, האט דער שכנותעס מאן דאס דערציילט אין מארק פון מויל צו מויל ביז דאס גאנצע שטעטל איז געווואר געווארן פון דעם סוד. אזוי ארום איז לייזער געקרוינט געווארן מיט דעם נאמען פורים־רב.

א סדר נאכט אין דער היים

א פארגעניגן אין שטוב איז אלץ ארומגעפוצט, ריין אין אלע ווינקעלעך. אלעס איז אויסגעשייערט און שפיגלט ווי ניי. נייע וועש, נייע כלים, אפילו נייע מלבושים, וואס דער שניידער האט זיי געבראכט ערשט א האלבע שעה פאר ליכט בענטשן.

אין הארץ, טיף אין דער נשמה איז אויך עפעס אלץ ניי, פריש, קלאר און ליכטיק, ווי די ליכט אין די מעשענע לייכטער, וואס שטייען אויפן ווייס געדעקן טיש. א פארגעניגן!

דער טאטע — א מלך, און די מאמע — א מלכה. אין מיינע אויגן בין איך א גאנצער בן־מלך, אן אמת׳ער פרינץ, וואס פילט עס אין אלע גלידער מיט אלע נערוון.

איך בין פריי ווי א פייגעלע: קיין מלמד, קיין חדר!... איך און דער טאטע זיצן אנגעשפארט אויף וויכע, שניי־ווייס באדעקטע קישנס, ווי מלכים, און די כוסות זענען אנגעפילט מיט רויטן־וויין. דער טאטע אין א ווייסן קיטל מאכט קידוש מיט א זינגענדיקן סקארבאוון נוסח. שטאלץ, געלאסן און באטעמט רעדט ער ארויס די ווערטער: "אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון" בשעת איך פריי מיך אין הארץ און האב גרויס הנאה, וואס כ׳בין געבוירן א ייד...

ווי שיין האבן אויסגעזעען די קערה מיט די מינים, דאס איי, דער מרור, די פארדרייטע זרוע, דאס כרפס, חרוסת און חזרת!

אין מיינע אויגן זענען זיי געווען סימבאלן און רמזים, וואס האבן א טיפע באדייטונג. א חוץ דעם פראסטן פשט ליגט אויך אין יעדער מין עפעס א טיפער סוד...

ס׳ווערט שטילביים טיש. דער טאטע זיצט ערנסט און באטראכט די מינים צי ס׳פעלט עפעס נישט, חלילה, פון זיי. די מאמע שיינט פון נחת. און קוקט אויף מיר מיט ליבשאפט... איך הויב אן פרעגן די קשיות הויך אויפן קול.

— מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות...

דער טאטע ענטפערט ערנסט, פונקט ווי ר׳וואלט צום ערשטן מאל געהערט די פיר קשיות און אומגעריכט, זיין תירוץ קלינגט אויך ווי ר׳וואלט אים גראדע איצט איינגעפאלן:

"עבדים היינו לפרעה במצרים". — — —

ווי גליקלעך פיל איך מיך, וואס גאט האט אונדז ארויסגענומען פון מצרים! ווען נישט דער נס, וואלט איך דאך איצט געווען א קנעכט, געשלעפט ליים און ציגל, קריגנדיק ביטערע קלעפ פון די שוטרים פון מצרים...

כ׳ווער נתפעל פון דער מעשה מיט רבי אלעזר בן עזריה, וואס סך־הכל צו אכצן יאר האט מען אים שוין אויפגענומען פאר א נשיא; און ווייל מ׳האט פון אים געקענט אפלאכן און זאגן, "אויך מיר א נשיא"!, האט הקדוש ברוך הוא באוויזן א נס און אין איין נאכט איז אים אויסגעוואקסן א לאנגע ווייסע בארד! — — — "הרי אני כבן שבעים שנה", איך זע גאר אויס ווי זיבעציק יאר אלט, אבער אין גאנצן בין איך בלויז אן אכצן־יעריקער. אוי ווי איך האב מיר געווינטשן אט אזא נס זאל מיר געשען, אז אין איין נאכט זאל ביי מיר אויסוואקסן א לאנגע בארד! עפעס א מחיה צו האבן א לאנגע, ווייסע בארד...

ווען מיר קומען צו די ארבעה בנים, צום "רשע מה הוא אומר", בײלט זיך ביי מיר מיין קינדערישע פויסט. ס׳ווילט זיך מיר אויסברעכן דעם רשע די ציין...

— דו רשע איינער, — קלער איך מיר, — דו מנוול, וואס איז דאס פאר א מין לשון "מה העבודה הזאת לכם"? וואס הייסט דאס עפעס "לכם" דו ליידאק! איך ווער מלא כעס און וואלט אים אויף שטיקער צעריסן... אבער מיין צארן פארבייט זיך באלד אין א געלעכטער, ווייל אט האלטן מיר שוין ביים "ושאינו יודע לשאול".

איר האט שוין אמאל געזעען אזא מין לעמעשקע? אזא חמור? וואס ווייסט גארנישט. כאטש פרעג אים בחרם וואס פסח איז?

און איך מאל מיר אים אויס אין מיין מחשבה: א גולם, מיט אן אפן מויל, מיט צוויי נארישע קעלבערישע אויגן און א פאר לאנגע אויערן...

מיט וואס פאר א תענוג איך מיטן טאטן ציילן די חסידים, וואס גאט האט מיט אונדז געטון, אויסרופנדיק נאך יעדן חסד "דיינו" עפעס א קלייני־קייט, גאט האט דעם ים געשפאלטן און אונדז אריבערגעפירט אויף דער טריקעניש. ס'דוכט זיך מיר, ווי איך אליין וואלט אריבערגעגאנגען דעם ים. אויך מיר א קונץ ביים רבונו־של־עולם א ים צו שפאלטן... טראכט איך ביי מיר אזוי...

כ'זע ווי בפועל־ממש פרעה'ן מיט זיין קאוואלעריע ווילן אונדז כאפן און ווי זיי לויפן אין גאלאפ נאך אונדז... אין דא־פלוצעם־טוק! דער ים קערט זיך אום און ס'איז א ביטערער סוף צו זיי...

און היינט ווי די יידן האבן געלעבט פערציק יאר אין דער מדבר מיט מן. מ'איז אויפגעשטאנען אין דער פרי און געפונען דעם מן פארטיק אויפן פעלד. וואס פאר א טעם מ'האט נאר געוואלט, האט מען געפילט אין אים...

ווער האט דארטן באדארפט נייען קליידער אדער מאכן שיך? זיי האבן זיך דאך געהאלטן גאנץ פערציק יאר לאנג. ס'האט געמוזט זיין א לעבן אן זארג, אן קאפ־דרייעניש, אז מ'האט נישט געדארפט זוכן פרנסה, ווי דאס איז דער פאל ביים טאטן...

אפשר איז אייך נאך דאס צו ווייניק, האט אונדז דער אויבערשטער צו דעם אלעמען געגעבן זיין בעסטע מתנה דעם הייליקן שבת מיט אלע זיינע תענוגים.

און ווען דער רבונו של עולם גיט אונדז בלויז דעם שבת אליין, וואלט דאך אויך שוין געווען "דיינו". האט ער אונדז דערצו נאך געגעבן א תורה!

איך קען עס מיר גארנישט פארשטעלן אין מיין קינדערישער מחשבה וויאזוי מיר וואלטן געקענט לעבן אן דער תורה... ווי קען עס א מענטש לעבן אן א הארץ?

אט איז שוין האלבע נאכט, און מ׳עפענט די טיר פאר אליהו־הנביא דער טאטע שטעלט זיך אויף און רופט אויס מיט גרויס כבוד.

— ברוך הבא!

אמת כ׳האב אליהו הנביא מיט די אויגן נישט געזען, אבער געפילט מיט אלע אברים, ווי ער קומט אריין אין שטוב, ווי זיין לאנגע ווייסע בארד רירט אן דעם טיש און ווי ער נעמט זיין כוס. איך האב געפילט זיין ליבן, פריינטלעכן בליק, וואס ס׳איז געפאלן אויף מיר פון זיינע גוטלעכע, קלארע אויגן. א ציטער איז מיר אדורך געלאפן דורך אלע גלידער.

איך האב דעמאלט געפילט ווי אליהו הנביא האט געברענגט מיט זיך אין שטוב אריין דעם אטעם פון אן אנדערע וועלט; פון א וועלט, ווו ס׳לעבן בלויז מלאכים און נשמות אן גופים.

איך האב דעמאלט אין אלעם געגלויבט...

אוי, וואס פאר א שיינע סדר־נעכט ס׳זענען דעמאלט געווען אין די קינדער יארן! — — —

הנצנים נראו בארץ...

מ׳הערט שוין פייגל זינגען,
אויף די בוימער אין וואלד,
ווי א קאנצערט טוט קלינגען.
זייער געזאנג אין פעלד.

ניי־געבוירענע פול מיט כח,
שפראצן פון דער קאלטער ערד ארויס,
וואקסן אויס שטארק און הויך.
פון זייער מוטערס שויס.

דאס זענען יונגע גבורים,
וואס זענען געשלאפן לאנג,
הויבן ערשט אן צו לעבן.
און זינגען שוין א פריי געזאנג.

צום נייעם לעבן וועקן זיי,
ווערן נישט אפגעשוואכט מיד,
אלעס לעבט אויף ווי ניי.
און זינגט א חרות ליד.

יענקעל לאשאק

א שטילע פסחדיקע נאכט. די שטערן מיט דער לבנה שפאצירן שטאלץ, באגיסנדיק די ערד מיט א זיס כשוף־ליכט. ביי יענקעל לאשאק אין שטוב איז שוין יום־טובדיק, אין יעדן ווינקעלע שפיגלט פון ריינקייט.

אויבנאן אויף צוויי בענקלעך איז א הסבה־בעט פון דריי ווייסע קישנס. אויפן געכשר'טן טיש, באדעקט מיט א ווייס טישטעך, שטייען טעלער, כוסות, א פלאש ווײַן און די קערה מיט די מינים.

יענקעל קומט פון קלויז א פריילעכער, מיט א לוסטיק הארץ, עפנט די טיר און גיט אפ א פריילעכן "גוט יום־טוב".

— א גוט יום־טוב — ענטפערט אים זיין ווייבל חנה, מיט וועלכע ער האט ערשט נישט לאנג חתונה געהאט, נאך דעם ווי ער האט פארלוירן זיין ערשטע ווייב אין קימפעט.

יענקעל זעצט זיך אויפן הסבה־בעט און בעט חנה'ן זי זאל אים דער־לאנגען א פלעשל ייִן שרף של פסח און מישט דאס אויס מיטן ווייַן צוליב כמה טעמים. ערשטנס, קומט דער י"ש מיט א הכשר פון ירושלים, צווייטנס, איז י"ש די ראשי־תבות "ש"י" עולמות ווי אין פסוק שטייט: "להנחיל אוהבי יש" דריטנס איז בראנפן גלאט א גוטע זאך, וואס ברענגט צו התלהבות און טאקי צוליב דעם לעצטן טעם, איז אים פשוט פריי־לעך אויפן הארץ.

יענקעל נעמט זיך צום סדר, גיסט אן די כוסות און מאכט קידוש. ער טרינקט אויס דעם ערשטן כוס, דאס זעלביקע טוט חנה און זיין זונדעלע איציקל. (פון דעם ערשטן ווייב).

לכתחילה איז דער סדר געגאנגען אויסגעצייכנט. איציקל האט געפרעגט די פיר קשיות הויך אויפן קול, און אין שטוב איז געווען מחיה׳־דיק ווארים ווי אין א גן־עדן. נאר באלד ביים צווייטן כוס זענען חנה און איציקל, נעבעך, אנטשלאפן געווארן, זיצנדיק ביים טיש...

יענקעל האט זיך געזאגט די הגדה ווייטער און, וואס נענטער ער איז געקומען צום דריטן כוס, אלץ פריילעכער איז ער געווארן. ווען ר׳איז געקומען צו ״שפוך חמתך״ האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ פון דער הגדה, אויסגעשטרעקט די האנט און געוואלט אויפוועקן חנה׳ן, אבער ער האט אויף איר רחמנות געקריגן. נעבעך זיך שווער אנגעארבייט און שוין צוויי וואכן האט זי רעכט נישט געשלאפן.

יענקעל עפנט אליין די טיר און הויבט ווייטער אן צו זאגן, נאר א שלאף צעגיסט זיך אויף זיין גאנצן קערפער און די אויגן זיינע נעמען זיך שליסן. טאפנדיק מיט דער רעכטער האנט מיט כמעט פארמאכטע אויגן, נעמט ער דעם דריטן כוס, מאכט די ברכה און טרינקט אויס.

אין קאפ מישן זיך אים כלערליי זאכן, ער נעמט מישן די הגדה און שלאפט איין.

באלד חלומ׳ט זיך יענקלען ווי ער פארט מיט זיין פערד אין וואגן אנגעלאדן מיט תבואה (יענקעל לאשאק איז געווען א תבואה סוחר) און אין מיטן וועג בלייבן די פערד שטיין, און ס׳גייט נישט ווייטער.

ער שפרינגט ארונטער פונעם וואגן, שפארט אים אונטער מיט די אקסלען און שטופט מיט אלע כחות. — — —

פונעם טיש זענען אראפגעפאלן די כוסות און די קערה מיט די מינים דער טיש קערט זיך איבער און יענקעל פאלט אויף דער ערד. חנה און איציקל שפרינגען אויף און דערזעען דעם חורבן.

חנה גייט אריין אין קיך און פלוצעם הערט מען א געשריי, שלימזל! גולם! שטיי אויף!

יענקעל האט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, זיך אויסגעריבן די אויגן און אריינקומענדיק אין קיך איז אים פינצטער געווארן פאר די אויגן. קעץ זענען אריין אין קיך ווען יענקעל האט אויפגעמאכט די טיר און זי פארגעסן צו צומאכן. און האבן ארויסגעשלעפט ס׳גאנצע פלייש פון די טעפ...

יענקעל האט שוין זיין פסק געקריגן פון חנה׳ן ווי ס׳געהער צו זיין. דערביי האט ער אויך געלערנט א מוסר השכל, אז ווייז טאר מען נישט מישן מיט בראנפן, אפילו ווען דער בראנפן קומט מיט א הכשר פון ירושלים...

די פארלוירענע מכה

ביי מנשה נאס אין הויז איז יום־טובדיק. די שטוב איז אויס־געווייסט די דילן געוואשן און באדעקט מיט קאצן, ס'איז ליכטיק אין יעדן ווינקעלע. פלעמלעך פינקלען פון די ליכט, וואס ברענען זיך אין די מעשענע גלאנציקע לייכטער.

א גאסט איז געקומען, דער פסח איז דא!

דער טיש איז געדעקט מיט א שניי ווייס טישטעך און אנגעשטעלט מיט כל־טוב. ווײַן, מעד, שליוואוויץ, געקאכטע אייער, אגעבאקענע זרוע, חרוסת; מיט איין ווארט פון כל־טוב.

אויבנאן זעט מען דעם פריוואט־שלאס פונעם פסח'דיקן מלך, זיין מאיעסטעט מנשה נאס, העלד פון דער סדר־נאכט. דער שלאס איז געבויט פון דריי מצות, איינע אויף דער אנדערער. דערביי, אויפן הסבה־בעט, ליגן אנגעגרייט די בגדי־מלוכה — א קיטל מיט א יארמולקע. אלץ איז פארטיק צום פאראד.

גיטל, מנשה'ס ווייב, איז אויך שוין אויסגעפוצט אין אירע יום־טובדיקע קליידער, מיט א ווייסער פאטשיילע אויפן קאפ, שטייט אין קיך און רייבט כריין אויף מרור און ווישט זיך כסדר די כריין טרערן מיטן קלאר־ווייסן פארטעך אירן.

באלד האט זיך די טיר געגעבן אן עפן און מנשה מיט זיין מיזיניק אברהם זענען אריין געקומען אין זייער גאנצער פראכט און גלאנץ. די

פאות ביי מנשה׳ן זענען געווען געקרייזלט. און פון אונטער זיין לאנגער שווארצער בארד האט מען געקענט זען א ווייס־קלארן קאלנער פונעם העמד. זיינע שטיוול האבן געגלאנצט און די זיידענע בעקעשע מיטן ברייטן קאפעלוש פריש און ניי.

— גוט יום־טוב, גוט יום־טוב! האבן זיי אפגעגעבן גיטלען, אריינקומענדיק מיט פריילעכע פנימער.

— גוט יום־טוב, גוט יום־טוב דיר מיין מלך! גוט יום־טוב מיין זונדעלע! גאט זאל געבן א כשר׳ט און פריילעכן פסח אונדז און אלע יידן! האט זי זיי באגריסט.

— ווי מיינסטו, מנשה, האב איך שוין גענוג כריין אנגעריבן אדער זאל איך אנרייבן נאך אביסל?

— גיטל! כ׳בעט דיך! — האט מנשה איר געענטפערט — פארוואס אז סקומט נאר צו א מצוה ווערסטו באלד קארג? הויבסט אן וועגן און מעסטן. פאר דיר אליין האסטו גארנישט געזשאלעוועט. האסט, ברוך־השם, אנגעבאקן, אנגעקאכט און אנגעגרייט וויפיל דיין הארץ האט נאר געגלוסט דארויף ביסטו נישט געגאנגען זיך מיישב זיין... נאר ווי נאר ס׳קומט צו דער נשמה ווערסטו קארג. מיר האבן דאך ברוך־השם, דערלעבט פסח איביינעם און מיט געזונט, פארוואסזשע זאלן מיר אים טאקי נישט אפגעבן א דאנק פאר אלעס כאטש מיט א גרויסן כזית מרור? זאל די נשמה אויך א הנאה האבן פון א גרויסן יום־טוב.

איר קענט זיך שוין פארשטעלן פון דעם שטיקל ווארימען מוסר, אז מנשה איז נישט געווען קיין פשוטער ייד, ווען ס׳איז געקומען צו מצות אכילה. טאקי שוין א בן־ששים, אבער נאך א געזונטער ייד.

א קוק טוענדיק אויף מנשה׳ן בשעת ער איז געגאנגען אין בית־המדרש אריין דאווענען, האט מען געקענט מיינען, אז א רב גייט דא.

קיינעם וואלט נישט איינגעפאלן, א חוץ באקאנטע און ידידים, אז דאס איז גאר א ייד, וואס פארט ארום איבער די דערפער און קויפט אפ תבואה ביי די פויערים. עס איז געווען זיין לאנגע, שווארצע בארד אין פאות, זיין

היכער פיגור און הדרת־פנים, וואס האבן אים געגעבן די ענלעכקייט צו א רב. אוודאי וואלט אים בעסער געפאסט צו זיצן אויף א כסא־של־אליהו ווי א סנדק, איידער אויף א קעלניע מיט א בייטש אין דער האנט און פארן א גאנצע וואך איבער דערפער צווישן גוים.

ס׳קען קיין ספק נישט זיין, אז מנשה איז געווען באשטימט צו ווערן א רב, נאר דער מלאך הממונה על הטפה האט גראד אין יענער רגע, אויף מנשה׳ס שלימזל, געטראגן צוויי נשמות: איינע א בעל־עגלה׳שע אנגעטשעפעט אין א בייטש און די אנדערע א רבנישע איינגעוויקלט אין א שטריימל און צוגעדעקט מיט א סמיכה... ס׳איז דאך ידוע, אז איין מלאך קען נישט טון קיין צוויי שליחות מיטאמאל, איז מעשה שטן, אין דער איילעניש און כאפעניש, האט ער די צוויי נשמות פארביטן און צו מנשה׳ן איז אריינגעפאלן די בעל־עגלה׳שע נשמה מיט דער בייטש און צו יענעם בעל־עגלה איז ווי פונעם הימל אראפגעפאלן א שטריימל מיט א סמיכה...

ממש פארבלאנדזשעט. מחמת דעם טאקע איז מנשה פארבליבן דער זעלבער רב אפילו ווען זיצנדיק אויף דער קעלניע.

דערפאר האט מנשה געזוכט צו פאריכטן דעם חסרון פון נישט קענען לערנען דורך טון מצוות, און וועלכע ער איז געווען א גרויסער זהיר.

למשל לכבוד שבת פלעגט ער זיין א מהדר אויף יין־חזק... זיין רביעית איז געווען דער גרעסטער אין שטעטל. און ער פלעגט זיך נוהג זיין צו טרינקען ביזן דנא.

— וואס עפעס א רוב כוס? — פלעגט ער זאגן — א רוב כוס איז מען יוצא בדיעבד, אבער לכתחילה מוז מען אויסטרינקען דעם גאנצן כוס!

לחם־משנה פלעגט ער שניידן ביידע חלות מיטאמאל, חלילה קיינמאל נישט פארפעלט קיין סעודת־מצוה. ערב־פסח איז ער געווען א בכור און פלעגט טועם זיין פון יעדן סיום און אויך אהיימברענגען א חלק פאר זיין גיטלען. — ס׳איז א מצוה, דאס איז פון א סיום — פלעגט ער איר געבן צו פארשטיין. בקצור, ר׳ מנשה איז געווען, אין די הינזיכטן, א ייד מיטן פולן מויל. אויב אין שטעטל איז אים נישט געלונגען ארויסצווייזן לומדות האט ער זיך באגנוגנט מיט דעם, וואס גיטל האט אים געהאלטן פאר א תלמיד־חכם און למדן.

גיטל האט אים טאקי אפגעגעבן גרויס כבוד, געשטאנען פאר אים מיט דרך־ארץ ביי זיין אריינקומען, אים קיינמאל נישט אריינגעפאלן אין זיינע רייד און אפטמאל אויך פרעגן ביי אים א דין. — — —

אויך אברהם האט זיך פארשטאנען אויף זיין פאטערס לומדות.

— קען מען זיך שוין נעמען צום סדר? — האט מנשה א פרעג געטון גיטלען.

— פארוואס נישט? דוכט זיך, אז אלץ איז פארטיק.

מנשה זעצט זיך אויפן "טראן" טוט זיך אן די בגדי מלוכה און אברהם זעצט זיך ביי זיין לינקער זייט טיש. מנשה נעמט זיך צו דער קערה און וויזט דא ארויס זיין גאנצע ידיעה אין "תכסיסי־מלחמה".

פון דריי מצות בויט ער אויף א פעסטונג, לייגנדיק איין מצה אויף דער אנדערער, אין מזרח זייט שיט ער אן א באטערע פון מרור, שטעלנדיק אויף רעכטס א קאנאן א פארדארטע זרוע... לינקס לייגט ער אוועק א "באמבע" א געבאקן איי... פון אונטן איז "געמינעוועט" מיט א ציבעלע און פארוואקסן מיט גרינס און כריין. א צווייטע — "באטעריע" חרוסת...

און ווען אלץ איז שוין אויסגעשטעלט ריכטיק אין קריגס־ארדנונג, דעמאלט דארף מען ערשט וויסן ווי זיך צו באגיין, פון וועלכער זייט איינ־צוברעכן די פעסטונג; וואס פריער אנרירן און וואס שפעטער, ווען דארף מען עפעס צודעקן און ווען אויפדעקן, וואס דארף מען שיילן און וואס טונקען. עפעס א קלייניקייט א יידישער סדר? זאל נאר א מאן עפעס פאר־פעלן אדער נישט טון ריכטיק ביים פראווען דעם סדר, וועט די ווייב זיינע אים דאס קיינמאל נישט מוחל זיין. ער קען ממש פארלירן ביי איר דעם גאנצן כבוד זיינעם.

— קדש! — מנשה גיסט אן א פולן בעכער פונעם בעסטן וויין. ס'זעלביקע פאר גיטלען און אויך פאר אברהמען. הויבט אן מאכן קידוש מיט א ניגון, אנשפארנדיק זיך אויף דער לינקער האנט, און טרינקט אויס דעם ערשטן כוס "בלגימה אחת" ס'שפארן טרערן אזש פון די אויגן ארויס. על פי טעות האט ער גאר אנגעגאסן שליוואוויץ, — אווא! אווא! אט דאס הייסט יין חזק. הלואי איבער א יאר אין ארץ ישראל!

אברהם האט אינמיטן קידוש געוואלט כאפן דעם טאטנס קידוש־ניגונדל, נישט גלאט אזוי, וואכנדיק אפזאגן. און אט־אט, דוכט זיך, האט ער שוין דערטאפט דעם קנייטש פונעם ניגון, נאר ווי אויף צו להכעיס האט ער איבערגעהיפט א שורה. מנשה האט אים באלד ארויסגעהאלפן אין תוך כדי דבור געהייסן גיטלען אויסטרינקען איר כוס. גיט׳ל האט געווארט ביז איר זונדל אברהם וועט ענדיקן און דערנאך געמאכט א ברכה מיט אים. גענומען דעם בעכער צום מויל און געטון א טיפן זיפ, זי האט זיך אזש פארהוסט מיט טרערן.

— אוי! א וויטיק איז מיר! אוהא, וואס פאר א ווין איז דאס עפעס? אוהא! אוהא! ס׳ברענט דאך ווי בראנפן, גארנישט צום טרינקען, אוהא! — אוהא!

— גיטל, מאך דיך נישט נאריש, טרינק אויס דעם כוס! קיין שלעכטס זאל וויטער נישט זיין, ס׳איז יין חזק, נו וואסזשע? הלואי איבער א יאר אין ארץ ישראל און פון אן אייגענעם ווינגארטן! אדרבה, ס׳איז נאך מער מצוה. נו, מאך נישט קיין שהיות, גיטל, און טרינק אויס ביז א רוב כוס.

זי כאפט קוים אפ דעם אטעם.

— אוי, שלעכט איז מיר! ס׳ברענט דאך מיר אויס די געדערעם, אוי, פינצטער איז מיר! וואס איז דאס פאר א ווין? קוילע מיך, מנשה, איך קען מער נישט טרינקען.

— פון א מצוה שטארבט מען נישט... אט זע; איך און אברהם האבן אויך געטרונקען אזוי גוט ווי דו. און פארוואס שאדט עס אונדז נישט? אויף דעם איז דאך דאס יין חזק, נו, איז וואס, אז ס׳דרייט זיך אביסל דער קאפ?

— מיר דרייט זיך אויך דער קאפ, — זאגט אברהם אוןווישט זיך די אויגן.

— ״ורחץ״. — גיטל דערלאנגט וואסער. מנשה און אברהם וואשן זיך די הענט.

— ״כרפס״ — מנשה נעמט א שטיקל גרינס און טונקט עס איין אין זאלץ־וואסער און עסט. אברהם און גיטל טון אים נאך.

— "יחץ" — מנשה ברעכט אפ א האלבע מצה און באהאלט זי פארן "אפיקומן".

— "מגיד". — אברהם פרעגט די פיר קשיות און מיט קוראזש נעמט מען זיך צו "עבדים היינו".

מנשה איז נישט געווען קיין גרויסער מדקדק אין עברי. האט ער געמאכט א גרייז, האט ער דאס ווארט שוין נישט פאררי‌כט. א ווארט ארויף א ווארט אראפ, די ווערטער האבן ביי אים געטאנצט, וויאזוי ס'איז אויס־געפאלן...

— ברוך המקום ברוך הוא, — האט מנשה געזאגט מיט קוראזש, אברהם און גיטל טון אים נאך. — אחד חכם, ואחד רשע, ואחד תם, ואחד שאינו יודע לשאול. אוי! טאטע דאס זענען דאך די מכות!

— וואס פלוידערסטו, נארישער באק? ווייסט נישט, אז די מכות קומען געדיכט און דאס קומט שיטער, צעווארפן?

— דארפסט מיך גארנישט פרעגן, — ענטפערט מנשה. — ווען כ'וועל האלטן ביי די מכות, וועל איך אייך צו וויסן געבן! דארטן דארף מען דאך טונקען... זאגטס ווייטער, שטייט נישט.

העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה... — און מ'האט גענומען קלאפן ווייטער אן א הפסקה.

— איך וועל אייך אנזאגן א בשורה; זיי זעען זיך שוין! גיט פלוצעם ר' מנשה א זאג.

— ווער טאטע?

— זיי, די מכות טאקי, מער נישט, נאך א שטיקל האט איר זיי שוין... ויוציאנו ה' ממצרים. — — —

מנשה האט געהאט א חזקה, אז עפעס ביי א ברעג דארף זיך געפינען די צוויי ווערטער: צי ביים אנהויב "דם צפרדע" אדער ביים סוף "מכת בכורות". און מתוך ספק האט ער גערעכנט "דם צפרדע" פאר איין מכה און "מכת־בכורות" אויך פאר איין מכה.

— "ואלה הן עשר מכות שהביא הקדוש ברוך הוא על המצרים במצרים ואלו הן" און אברהם אין גיטל טונקען און ציילן...

— זע גיטל! וואס טוט זיך דא? איך האב אפגעציילט נישט מער ווי ניין מכות!

אברהם, וועלכער האט נאכגעזאגט דעם טאטן ווארט ביי ווארט, איז אויך פארוואונדערט געווארן.

— האסט רעכט מנשה, — האט גיטל געזאגט. — ביי מיר האט זיך אויך אויסגעציילט נאר ניין מכות. ווייסט וואס, לאמיר נאכאמאל איבערציילן, אפשר האבן מיר זיך טאקי טועה געווען.

— איך וועל ציילן, — זאגט מנשה — און דו צייל אויף די פינגער; און דו אברהם, צייל אויך.

— "דם־צפרדע". האסטו? יא, איז איינס.

— "כנים". האסטו? יא, איז צוויי.

— "ערוב". איז דריי.

— "דבר". איז פיר.

— "שחין". האסטו? יא, איז פינף.

— "ברד". נו, איז זעקס.

— "ארבה". איז זיבן.

— "חושך". האב איך, איז אכט.

— "מכת־בכורות". איז דאך טאקי נישט מער ווי ניין מכות!

— וואס טוט מען איצט? — פרעגט מנשה. — ווייסט דאך, אז דאס איז א מיאוסע מעשה.

וווּשע האט געקענט אהינקומען די צענטע מכה? פרעגט אברהם.
— גיטל, מיר זענען פארפארן אין א גרעבלע!

— דיין כפרה איז זי! וואלט זי געווען, וואלטן מיר זי געטונקען! רופט זיך אן אברהם.

— נו טאקי, — זאגט גיטל, מיר וועלן דאך איבער איר נישט אפשטיין א גאנצע נאכט. לאמיר ווייטער זאגן.

— גיטל, — ענטפערט איר מנשה, — דו שפילסט דיך עפעס מיט א מכה? מיינסט א מכה איז א קלייניקייט? אסאך וואכן נאך פאר יום־טוב ווינטשט איין ייד דעם אנדערן "א כשרן פסח", נו, ווי מיינסטו, ווערסט שוין האבן א פיינעם, כשר'ן פסח מיט ניין מכות?...

גיטלען, האט נעבעך, געחלשט דאס הארץ. א קלייניקייט, אפגע־הארוועט ערב־יום־טוב פון אין דער פרי ביז שפעט פארנאכט, געפאסט דעם גאנצן טאג, און צום סוף, אז מהאלט שוין נישט ווייט פון די קניידלעך, סטאפ איין מיטן דרינען! אן אקס האט געבראכן, א ראד האט געפלאצט, א מכה איז פארפאלן געווארן... און ווי קען זיין א סדר אויף ניין מכות?

זי האט, נעבעך, פרובירט איינטענה'ן מיט אים, איבעררעדן אים מיט גוטן, — ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגן מנשה? אפשר האט טאקי דאריבער אונדז דער "די הענט נישט געוואשן" געגעבן צוויי סדרים? וואס ווייסטו? אפשר גאר ביז מארגן וועט גאט דיר צושיקן די מכה...

— מיר זאגט דאס הארץ, אז זי וועט זיך אפגעפינען זאגט אברהם.

— און אפילו, אז נישט, — רופט זיך ווידער גיטל אפ, — האסט דאך מארגן א גאנצן טאג צייט, וועסטו דיך זען מיטן רב און ער וועט דיר שוין אן עצה געבן.

ביי מנשה'ן האט דער ערשטער כוס גענומען ווירקן. ער האט זיך צוהיצט און אנגעהויבן שרייען, — וואס זאגסטו מיר עפעס צוווארטן ביז מארגן!

— וואס ווייס איך וואס מארגן וועט זיין... איך וויל אפילו נישט פון מיין מויל ארויסברענגען. מיין טאטע, מיין זיידע און מיין עלטער זיידע האבן אויסגעלעבט זייערע יארן מיט צען מכות, וועל איך זיי נישט פאר־שעמען. איך וועל נישט אוועקגיין פון דער וועלט מיט ניין מכות!... די מכה זאל מיר זיין! איר הערט?

דאס האט שוין גיטלען און אברהמען אויך פארדראסן. ס'טייטש, וואס וויל ער פון זיי האבן מיט דער מכה! זיי ווייסן, אז זיי זענען נישט שולדיק אין דעם.

— זאג מיר נאר, מנשה, — האט גיטל געגומען טענה׳ן, — וואס האסטו דיך דא אנגעשטשעפעט אין אונדז? נאך אונדזער חתונה איז שוין, ברוך השם, א יאר פערציק, און דו האסט די אלע יארן געהאט דיינע מכּות אין גאנצן. טשעפע איך זיי אדער רירט אברהם זיי אן? וואס ווילסטו האבן פון אונדז? אדרבה, ביסט דאך א מאנסביל א למדן, האסט א הגדה מיט קליינע אותיותלעך פון אונטן, קענסטו דיר שוין גאר קיין עצה נישט געבן?

מנשה׳ן זענען די ווערטער אריין אין דער נאז. מער ווי דאס פעלט אים שוין נישט, אז ער זאל פארלירן זיין "רבנות" ביים ווייב און זון אויך. האט ער טאקי פארקנייטשט דעם שטערן און גענומען איבערקייען יעדעס ווארט באזונדער. צום סוף איז ער ווידער געווארן פריילעך, עפּעס ווי מיט א נייער הויט באצויגן געווארן.

— "יגעתי ומצאתי" אז מזוכט געפינט מען... הערט, גיטל און אברהם, וואס כ׳האב אייך געוואלט זאגן. ס׳איז דא א פלאן, און מיר דוכט זיך, אז כ׳האב זי דערטאפט. נאר איך וויל נאך האבן אייער הסכמה דערצו אויך. מיר ווייזט זיך אויס, אז "ר׳ יהודה" איז אויך א מכה. וואס זאגט איר דערצו?

— אזא יאר אויף מיר, ווי געדעכט דו ביסט. פרעגסט נאך?

— ר׳ יהודה שטייט מיר טאקי ווי א ביין אין האלז, טאטע, זאגט אברהם, ס׳איז א מכה. לאמיר זי טונקען! שרייט גיטל פאר פרייד. מ׳האט טאקי באלד איבערגעזאגט די מכות נאכאמאל כסדר:

"דם־צפרדע",

"כנים",

"ערוב",

"דבר",

"שחין",

"ברד",

"ארבה",

"חושך",

"מכת־בכורות",

"ר' יהודה".

דאס מאל האט זיך די צענטע מכה אפגעזוכט.

א שפאציר מיטן רבין

די מעשה איז שוין זייער לאנג. כ׳בין דעמאלט אין גאנצן אלט געוועזן אכט יאר. געלערנט האב איך דעמאלט ביי ר׳ וואלף קאדעט זיין אמתער נאמען איז געווען וואלף וויינטרויב, ס׳איז אבער געווען אזא מאדע אין פרעמישלאן צו רופן נישט ביים אמת׳ן נאמען, נאר מיטן נאמען פון דער שטאט פון וואנען מ׳איז געקומען. ווי למשל יאסעל יאריטשווער, ישראל ראזלער, יצחק סטאלעוויטשער א.א.וו. אדער אין פאל ווען ר׳איז נישט געווען פון אן אנדערן מקום, האט מען אים גערופן אויך אויף דער מאמעס נאמען. ווי למשל: יאסעלע ראשעס, חיים בינטשעס, אלטער דבורה־לעס א.א.וו. פארשטייט זיך, אז א חוץ די נעמען האט כמעט א יעדער איינער געהאט א צונאמען, ווי איך האב שוין אין אנפאנג דערציילט. נאר נישט דאס בין איך אויסן. מיין רבי ר׳ וואלף קאדעט, איז געווען א ייד קרוב צו חמשים. מ׳האט אים אין שטעטל געהאלטן פאר אביסל אויפגעקלערט, ווייל ער פלעגט דאוונען און זיין א בעל־קורא אין דוד פוקס פאריין, ווו דאס רוב פון די מתפללים זענען געווען ציוניסטן, און ער אליין איז אויך געווען א ציוניסט. שלאגן פלעגט ער, דאס הייסט ער זאל כאפן א שטיק האלץ אדער אשטעקן אזוי ווי אנדערע מלמדים פלעגן צו טון — דאס נישט. אבער א רוק טון מיט א פויסט אונטער דער זיבעטער ריפ, אדער א קניפ געבן, ווי פארצייטנס פלעגט מען האלטן די האנט בשעת א שבועה — מהיכא תיתי.

שוין אפגערעדט צו ציען ביי די אויערן, וואס דאס איז געווען זיין שוואכע זייט. און רייסן די אויערן איז געווען, ב״ה, פאר וואס.

געלערנט האט ער מיט אונדז תנ״ך מיט דעם דייטשן איבערזעץ. מיינט נישט, חלילה, יידיש־דייטש. הס מלהזכיר! טאקי מיט דעם אמתן

דייטש. ווי למשל: קרבן — איין אפפער, ניחח — וואהלגערוך, הכוס — דער קו־קו. מילא, דאס איז נאך געווען צום אויסהאלטן. אבער כחומר מים רבים — "געטהורמעטע וועלען אונד געקעמפפענדע פפלוטהען" איז נישט זייער גרינג צו געדענקען און ארויסצורעדן, ווי א געבוירענער דייטש. וואסזשע איז פאר א ווונדער, אז נאך אזעלכע "פפלוטהען", פלעגט רינען פון די אויערן בלוט ווי וואסער.

געלערנט האט מען דעם גאנצן טאג אן אן הפסקה: אין א חסידיש חדר ווי ביי ישראל קעלבעלע אדער יעקב לייזער דעם שוחטס האט מען כאטש געהאט אלע מאל א יאר־צייט נאך עפעס א רבין, א סעודת־מצוה, א גוטער ייד איז געקומען און אנדערע יומא־דפגרא׳ס. ביי אונדז אבער האט מען די צונג ארויסגעשטעקט ביז מ׳האט דערלעבט עפעס א שטיקל יום־טוב.

ויהי היום אין איינעם פון די טרויעריקע ספירה־טעג, איידער מיר זענען זיך צעגאנגען פון חדר א היים, האט דער רבי צו אונדז געזאגט בזה הלשון:

— מארגן איז דער ערשטער טאג פון די "שלשת ימי הגבלה". ברענגט מיט א יעדער צו צען גראשן, וועלן מיר פארנאכט גיין שפאצירן אויסער דער שטאט. פאר די צענער גראשן וועל איך אייך עפעס קויפן אויפן וועג... די שמחה פון אונדז איז געווען אין לשער, א קלייניקייט שפאצירן גיין — דער טעם פון ל"ג בעומר איז אונדז נאך געלעגן אין זכרון.

אזויווי כ׳בין נאר א היימגעקומען, נאך איידער כ׳האב עפעס טועם געווען, האב איך אנגעהויבן בעטן ביי דער מאמען די צען גראשן. די מאמע איז געווארן אין כעס:

— מ׳הערט נישט מער, זאגט זי, נאר שפאצירן גיין און געלט! ווי לאנג איז דען פון ל"ג בעומר. ווייניק הוצאות אויף שבועות? — א האלבער פסח! — ס׳איז דעמאלט דוכט זיך. אויסגעפאלן שבועות מיטוואך און דאנערשטיק. איך האב געהאלטן גאר שמאל. דער טאטע אבער האט זיך ארייגעמישט און האט מיר געגעבן די צען גראשן.

די נאכט איז געווען צו לאנג. כעלות־הבקר בין איך אויפגעשטאנען אנגעטון זיך און תיכף נאכן פרישטיק גלייך געלאפן אין חדר. יעדער איינער פון אונדז האט זיך באמיט צו זיין גוט, כדי דער רבי זאל, חלילה, נישט אין כעס ווערן. דאס לערנען אבער איז גארנישט געקראכן אין קאפ אריין. איין גליק איז געווען, וואס דער רבי אליין איז אויך געווען אין א גוטער שטימונג. אים, ווייזט אויס, האט זיך אויך געגלוסט פטור צו ווערן אויף עטלעכע שעה פונעם תנ״ך און צו זעען דעם בלויען הימל אויסער דער שטאט. קוים מיט צרות האט מען דערלעבט זייגער פינף נאכמיטיק.

דער רבי האט אונדז געהייסן אויסשטעלן אויפן חדר הויף און געזאגט מיר וועלן גיין אויף דער וואליע. ר׳האט אונדז אנגעזאגט צו גיין שטיל, נישט מאכן קיין רעש ביז מיר וועלן דורכגייען דאס קלויסטער און די שולע. מיר האבן זיך אויסגעשטעלט צו צוויי אין א שורה און אנגעהויבן צו גיין. פון די געוועלבער און פון די שטובן איז מען ארויס קוקן אויף אונדז ווי אויף א בייז וואונדער, ווי מ׳זאגט. און יעדער האט מיט א חדוש געפרעגט: וואס זענען זיי משוגע געווארן? אין א מיטן העלן טאג גייען זיי גאר שפאצירן! מיר זענען געגאנגען טריט ביי טריט און האבן זיך געשעמט די אויגן אויפצעהויבן, אזא מין קוקעריי איז געווען פון אלע זייטן. ליידיקגייערס און סתם פלאץ יינגלעך זענען אונדז נאכגעגאנגען און וואס אמאל איז די חברה געווארן גרעסער.

מיר האבן זיך אריינגעדרייט אין שול געסל. אנגעשפארט נעבן דער שול טיר איז געשטאנען שבתאי מאצעלאפ, דער שטאט שמש, און האט געפינטלט מיט די אויגן. ר׳האט, ווייזט אויס, זיך אויך געוואונדערט, וואס איז דאס עפעס א מין גיין אן א לויה. דורכגייענדיק נעבן באד איז מארקי דער באד גוי ארויס מיט א שעפל אין דער האנט. לייב שטיוועלעס מיט די טעכטער זענען ארויס און האבן זיך געשטעלט קוקן. און מיר גייען אראפגעלאזט די קעפ און אודאי רויט ווי פייער די פנימער פאר בושה. בקצור מיר זענען שוין נעבן טשעבאנס הויז, נעבן אלטן בית־עולם האט אונדז דער רבי געהייסן אפשטעלן און זיך אפרוען.

פאר אונדז איז א פריי פעלד, פיל מיט גרעזלעך און פעלד בלומעלעך פון פארשידענע פארבן. זומער פייגעלעך פליען פון איין בוימעלע אויפן אנדערן. ס׳איז א רעש א טומל אלץ לעבט.

דער רבי האט אונדז געגומען דערציילן פון דעם אלטן בית־עולם. מ׳רופט דאס, דאס אלטע הייליקע־ארט, ווייל מ׳לייגט שוין אויף אים נישט קיין מתים איבער הונדערט יאר. דאס בית־עולם איז געווען אויף א גויש פעלד זאפלאטינסקי האט ער געהייסן, געווען א גרויסער שונא־ישראל. אויף דעם בית־עולם איז געלעגן ר׳ מאירל הגדול ד.ה. ר׳ מאירל פרעמיש־לאנערס זיידע. אויפן קבר פונעם צדיק איז געשטאנען א גרויסע שווארצע מצבה וועלכע איז געווען אריבערגעבויגן איבערן צוים פון דעם גוי׳ס פעלד. ס׳האט אונדז ארומגענומען עפעס א מין פחד. פונעם אלטן בית־עולם פלעגט מען הערן שרעקלעכע מעשות דערציילן. אלע ייגגלעך האבן זיך פארזאמלט נעבן רבין. דער רבי האט אויסגעטון די קאפאטע, האט זיך אפגעווישט דאס פנים פונעם שוויס און א זאג געטון מיט גאוה: אט אזא בית־עולם האט קיין שום שטאט נישט אויף דער וועלט, אט דא ליגן גאונים און צדיקים איינער אויפן אנדערן, אדירי התורה, זייער זכות זאל אונדז ביישטיין. אט די גרויסע קרומע מצבה ווו דער רבי ר׳ מאירל הגדול דעם רבי ר׳ מאירל׳ס זיידע ליגט. און האט אונדז דערציילט ווי דעם גוי׳ס זיידע וואס דאס בית עולם איז אויף זיין פעלד, האט זיך אים אמאל פאר־גלוסט צו טשעפן מיטן צדיק׳ס קבר. ר׳האט איינגעשפאנט צוויי פערד און געוואלט אקערן איבער די קברים. ווען ר׳איז צוגעקומען צום צדיק׳ס קבר איז ער אנייגעם מיט די פערד געלעמט געווארן און זיך נישט געקענט אוועקרירן פונעם הייליקן ארט. זיין זון איז אוועק צום רבין ר׳ מאירל, געפאלן אים צו די פיס ער זאל אויף זיין פאטער רחמנות האבן און צוגע־זאגט, אז ער וועט שוין מער נישט איבערטרעטן דאס הייליקע ארט. דער רבי האט תיכף געשיקט זיין שמש, מיטגעבנדיק אים זיין שטעקן. און ווי נאר דער שמש האט אויפגעהויבן דעם שטעבן אין דער הויך האבן זיך די פערד צעלאזט מיט א שנעלקייט, מיטשלעפנדיק דעם גוי מיט זיך. תיכף נאך דער מעשה האט דער זעלביקער גוי געלאזט מאכן א פלויט און דאס בית עולם אפגעזונדערט פון זיין פעלד. א קעלט איז אונדז דורכ־געלאפן אין דיביינער, ווען דער רבי האט אונדז דערציילט די מעשה פון א בעל־תשובה, וואס ליגט נישט ווייט פונעם רבינס קבר. דעם בעל תשובה׳ס קבר איז א לאנגע צייט געווען אן א מצבה, אזוי, אז מ׳האט שוין כמעט נישט געקענט דערקענען ווו זיין קבר איז.

מיט איינמאל האט מען דערזען א נייע מצבה מיטן בעל־תשובה׳ס נאמען אויסגעקריצט. דער שטעטישער מצבה שלעגער האט פון דעם נישט

געוווסט. נאר דערציילט האט מען, אז די מצבה איז פון זיך אליין ארויס־געוואקסן פון דער ערד מיטן נאמען אויסגעקריצט. קיינער פון אונדז האט דאס מויל נישט געעפענט, מ׳האט נאר געהערט, ווי די בלעטער פון די בוימער אויפן אלטן בית־עולם רוישן. און מיר האט זיך געדוכט, אז איך זע און הער טויזנטער נשמות פון הייליקע צדיקים.

— דאס איז אלץ געווען אמאל, האט א זאג געטון דער רבי.

— רבי, פארוואס געשענט היינט נישט אזעלכע נסים ? — האט א פרעג געטון זלמן ציבעלע. (אייגנטלעך איז זלמן געווען א דאר יינגל פון א יאר צוועלף לאנג, הויך ווי עוג מלך מבשן, האט מען אים גערופן בלשון סגי־נאור ציבעלע).

— ווען ס׳וואלטן תמיד געווען אזעלכע צדיקים זי״ע, — האט דער רבי געענטפערט וואלט דאך די וועלט קיין קיום נישט געהאט.

דער רבי האט זיך געזעצט אויפן גראז און האט אונדז דערלויבט אביסל צו לויפן, אבער נישט ווייט. די גדולה פון אונדז קינדער איז אומעג־לעך צו באשרייבן. ווען מיר וואלטן זיך נישט געווען שעמען, וואלטן מיר געווען געקושט יעדעס גרעזעלע, יעדעס בלימעלע. אונדזער שמחה קען נאר פארשטייען א מענטש, וואס איז געזעסן צווישן מויערן יארן לאנג און ווען ער באקומט פרייהייט. אונדזער פארגעניגן קען זיך פארשטעלן דוכט זיך מיר, נאר א יידיש חדר יינגל, וועלכער האט חדשים לאנג קיין בלום נישט געזעען פאר זיינע אויגן. מיר האבן געשפרונגען געטאנצט, ווי יונגע ציגן, קאזיאלקעס געמאכט, געריטן איינער אויפן אנדערן.

די שמחה איז אבער גיך פארשטערט געווארן. דעם גוי׳ס בנים האבן געזעען פון דער ווייטנס א מחנה יידישע קינדער, האבן זיי אנגעהויבן צו באווארפן אונדז מיט שטיינער, אנגערייצט דעם הונט אויף אונדז און געשריגן זשידע פארכע יידע. א היים! האט א געשריי געטון דער רבי און מיר זענען זיך צעלאפן כהרף־עין.

אויף צו מארגן אין חדר, האט דער רבי א יעדן איינעם אפגעגעבן זיינע צען גראשן...

אין חדר. (ל. קרעסטין.)

בטחון

כ׳געדענק עס נאך ווי היינט: כ׳בין אינגאנצן ד׳עמאלט אלט געווען צען יאר. געלערנט האב איך שוין ביים גמרא מלמד ר׳ משה שאכנעס וועלכער האט געוווינט נישט ווייט פונעם רינק. איינמאל פרייטיק מיטיקצייט, א היימקומענדיק פונעם חדר, האב איך פלוצעם געהערט א געשריי מאמע! מאמע! צוקומענדיק נענטער האב איך דערזעען אסאך מענטשן נעבן יעקב לייזער שוחט׳ס באראק און יעקב לייזערן רעדן מיטן דאקטאר, געבענדיק אים עפעס אין דער האנט אריין. דער דאקטאר האט מיטן קאפ געשאקלט, אזוי ווי פארצווייפלט און איז זיך אוועק־געגאנגען.

יעקב לייזערס פנים איז געווען ווייס ווי קאלך, ר׳איז די גאנצע צייט ארומגעגאנגען ווי א שאטן און תהלים געזאגט.

אין שטוב איז געווען שטיל, די קינדער זענען געשטאנען אין קיך און געוויינט אין דער שטיל, כדי די מאמע זאל נישט הערן, אז זיי וויינען.

— אייער מוטער איז היינט א געפערליכע חולה, — האט יעקב לייזער געזאגט צו זיינע קינדער. דער אויבערשטער זאל זיך אויף איר מרחם זיין...

די מוטער איז געלעגן מיטן פנים ארויף. אפילו א טראפן בלוט האט מען נישט געקענט זעען אין איר פנים. אירע ליפן זענען געווען ווייס ווי קאלך און דאס פנים מיט די הענט ווי וואקס געל, ס׳האט אויסגעזעען אז ס׳זענען שוין אפגעשטארבן אלע אירע גלידער, נאר אירע שווארצע אויגן האבן נאך געבלישטשעט.

אין דרויסן האט אלץ געלעבט, גריך זענען געווען די בוימער און די פייגעלעך האבן די פרילינג נאטור באזונגען.

די שטראלן פון דער זון האבן זיך אויף דער קראנקערס בעט געשפילט. מאירעלע דער עלצטער זון איז נעבן זיין קראנקער מאמען אויף א שטול געזעסן.

מיטאמאל האט די קראנקע א שווערן זיפץ געטון און מיט א שוואכער שטימע גערופן:

— מאירעלע, נחום׳ל, לייבעלע!

— די קינדער זענען תיכף צוגעלאפן צו איר און טרערן האבן זיך פון זייערע אויגן געגאסן. נאר נישט געוויינט אויפן קול, כדי די מאמען נישט מצער צו זיין.

— הערט קדישים מיינע! איך וויל אייך עפעס זאגן...

די קינדער האבן זיך צוגעבויגן צו איר צו הערן, וואס זי וועט זאגן. קינדער מיינע... די וויטיקן האבן איר אנגעכאפט און א טרער האט זיך אראפגעקייקלט פון אירע אויגן. מער האט זי קייןווארט נישט ארויס־גערעדט...

— זי גוסס׳ט האט מאירעלע א געשריי געטון און איניינעם מיט זיינע ברודער אנגעהויבן צו רופן מאמע! מאמע!

דאס געשריי פון די קינדער איז נישט צו באשרייבן, מ׳האט געהערט אין זייער וויינען:

— אונדזער מאמע שטארבט! פארוואס? זי איז דאך נאך יונג! גאט איז דאך א גוטער, פארוואס לאזט ער זי שטארבן?... מיר וועלן בלייבן יתומים, ווי איז צו אונדז — האט זיך מאירעלע צושריגן און טרערן האבן זיך געגאסן פון זייערע אויגן. אויך די וואס זענען דארט בעת־מעשה געשטאנען האבן זיך צעוויינט.

— קינדער מיינע! האט יעקב לייזער זיי געטרייסט, וויינט נישט! מ׳מוז האבן בטחון אין אויבערשטן, ער קען נאך העלפן אין די לעצטע מינוט! זעצט אייך צו און זאגט די קאפיטלעך תהלים, — אנווייזנדיק מיטן פינגער,

און די קינדער מיטן טאטן האבן זיך צולאזט אויפן קול, מ׳האט געקענט זעען די בלעטער פונעם תהלים׳ל זענען געווארן נאס פון זייערע טרערן...

די זון האט געהאלטן ביים אונטערגיין, אירע לעצטע שטראלן האבן אפגעגילדט די שפיצן פון די גרינע בוימער. אט ווערט באלד פינצטער האב איך געטראכט, וואס פאר א פארשטערטער שבת דאס וועט זיין?...

שווארצע שאטנס האבן זיך אנגעהויבן צו פארציען אויף די ווענט און אויף דעם בעט, מ׳האט אנגעצונדן ליכט.

איך האב זיך דעמאלט דערמאנט אין דער מעשה, וואס איך האב געהערט פון מיין רבין, וועגן דעם ״מלאך־המות״, דער מלאך־דומה און חיבוט־הקבר.

אט, אט, האב איך דערווארט צו זעען דעם מלאך־המות מיט זיין שארפער שווערד...

דאס געשריי אין צימער איז דערוויל געווארן גרעסער... מיינע אלע גלידער האבן אנגעהויבן צו ציטערן. די שיין פון די ליכט האבן זיך אפגעשפיגלט אויף דער גוסס פנים... אירע אויגן האבן ווי געקוקט אויף אירע קינדער וועלכע זענען געשטאנען אריבערגעבויגן איבער איר... אבער זיי האבן זיי שוין מער נישט געזען. און טאקי תיכף האט מאיר׳לע דער עלצטער זון אירער, איר צוגעמאכט די אויגן אויף תמיד...

יעקב לייזער מיט זיינע זין און די אנדערע מענטשן, וואס זענען דארט געשטאנען בשעת־מעשה זענען אריין געגאנגען אין קיך.

יעקב לייזער האט אנגעצונדן די שבת־ליכט און געפרעגט צו ס׳איז דא א מנין?

אין דער עולם האט אנגעהויבן מקבל שבת זיין...

געשטארבן א יונגע מוטער

אין שטוב איז מרה־שחורה׳דיק,
טויט אין בעט זי ליגט,
אין א ווינקל שטייען די קינדער טרויעריק.
דער פאטער מיט רחמנות אויף זיי קוקט.

זיין פנים ווי די וואנט בלאס,
מיט א יאמער קלאגן די קינדער,
ביי דעם פאטער די אויגן פון טרערן נאס.
אפגעשטארבן א יונגע מוטער, נישט קיין ווונדער.

דער פאטער מיט א טרויעריק געזיכט,
האט געהייסן אין קיך אריינגיין,
אנגעצינדן די שבת ליכט.
און זיך גענומען מקבל שבת זיין.

טויבעלע

איינמאל, זומער גאנץ פרי, איז קאפל דער שניידער, וואס האט געוווינט נעבן בית־המדרש, ארויסגעגאנגען פון זיין שטוב, האט ער דערזעען א שרעקלעכע זאך: אויף די טרעפ פונעם בית־המדרש איז טויבעלע די משוגע׳נע געלעגן און האט צו איר ברוסט צוגעטוליעט עפעס איינגעוויקלט אין א טלית.

ער איז צוגעגאנגען נענטער צו איר, האט זי זיך אויף אים געווארפן, מיט א ווילדער רציחה, שרייענדיק, דו מלאך־המות דו האסט צוגענומען מיין דוד׳לען איצט ווילסטו צונעמען מיין שלמה׳לען, וואס איך זייג אן... אין די הענט האט זי געהאלטן א גמרא איינגעוויקלט אין א טלית.

אין שטעטל האט זיך תיכף אנגעהויבן צו רעשן פון דער מעשה. נאכן דאווענען פלעגט מען תיכף פארשליסן דאס בית־המדרש, און מאמעס האבן מער נישט ארויסגעלאזט די קינדער ביינאכט.

משוגע איז טויבעלע געווארן, ווען זי האט איר זעקסט קינד פאר־לוירן. זעקס קינדער האט זי געבוירן און אין משך פון א יאר, אדער צוויי, זענען זיי געשטארבן, אן א שום סבה. האט נעבעך די געשלאגענע מאמע איינגערייסן וועלטן, ארומגעפארן צו גוטע יידן. און פלעגט א גאנצע צייט די ברכות שעפטשן איבערן קינד... איינמאל דערזעט טויבעלע, ווי דאס געבענטשטע קינד ווערט נישט מיטאלעמען. דער רופא איז תיכף געקומען און האט דעם קינדס העלזל אנגעשמירט און אים אן איינשפריצע געגעבן. פרייטיק אין דער פרי איז דאס קינד געשטארבן.

האט מען זי געראטן, זי זאל דאס קינד נישט באוויינען און זאל דאס אנעמען באהבה. דאס איז א סגולה פון א גוטן ייד. טויבעלע האט נעבעך קיין זיפץ נישט ארויסגעלאזט פון איר מויל, נאר אין הארץ האט זי געטראגן א גרויסן ווייטיק.

נאך דעם ווי זי האט נעבעך אנגעווירן איר פינפט קינד, אין עטלעכע חדשים שפעטער איז נעבעך איר מאן משה־לייב געשטארבן, איבערלאזנדיק זי מיט א זעקס חדשים׳דיק קינד אויף די הענט. איינמאל אין א ווינטער־דיקן בין־השמשות זיצט זיך אזוי טויבעלע מיט איר איינציק אויסגע־וויינטן שלמה׳לען ביי אויוון־קוקט זיך צו, ווי דאס קינד שפילט זיך און פארטראכט זיך אויף איר פינצטערן מזל. טראכטנדיק אזוי, דערהערט זי פלוצעם א משונהדיק געשריי פונעם קינד און דערזעט ווי דאס קינד האלט דאס קעפל פארווארפן אויף א זייט, די אויגעלעך פארגלאצט, פונעם מיילעכל זעצט א שוים און דאס גאנצע קערפערלווארפט זיך און ציטערט...

ווי א צעמישטע, איז זי ארויס אין גאס מט א געוואלט מענטשן זענען זיך תיכף אנגעלאפן און זי גענומען שטילן. דוד צעבוך האט דאס קינד אוועקגעלייגט אויף דער ערד איבערגעדעקט מיט א גרויס שיסל און געטון עטלעכע קלעפ אין דער שיסל דערנאך אויפגעהויבן דאס קינד אין גאנצן פארענדערט נישט צו דערקענען.

ווען דער רופא איז געקומען, האט ער געזאגט אז דאס קען זיין די געפאלענע קראנקייט.

פון יענעם טאג איז שלמה׳לע געבליבן אין וויגל א קראנקער. אנגע־ווירן דעם אפעטיט צום עסן, זייער זעלטן געוויינט און ווען ר׳האט יא אמאל געוויינט, איז דאס נישט געווען קיין נארמאל וויינען פון א קינד, נאר עפעס רחמנות׳דיק, ווי ס׳וואלט זיך געבעטן מ׳זאל עס ראטעווען.

ווען דער רופא איז געקומען געוואר ווערן, האט ער געצויגן מיט די אקסלען און געקלערט, וואס צו זאגן דער מוטער. וויסנדיק, אז ער קען גאר־נישט טון פאר אים. פון טאג צו טאג האט דאס קינד געצאנקט ווי א ליכטל.

טויבעלע איז די גאנצע צייט געזעסן נעבן וויגעלע נישט צוגעמאכט אן אויג, געהאלטן אין איין שפעטשן א תפילה צו גאט, אז ער זאל איר די

איינציקע טרייסט איבערלאזן אין זכות פון די פינף קרבנות אין זייער פאטער. נאר טויבעלעס תפילה און טרערן זענען אומזיסט געווען.

דעם אכטן טאג איז שלמה׳לען שוין נישט געווען צו דערקענען געלעגן בלאס און געכרופעט, ווי ס׳וואלט אים עפעט געשטיקט אין האלז. טויבעלעס צער איז געווען שרעקלעך און איר קאפ האט דאס נישט געקענט איבערטראגן.

אין דער פרי איז די שטוב שוין געווען פול מיט מענטשן, שלמה׳לע איז שוין אויף דער ערד געלעגן איבערגעדעקט מיט א שווארץ מלבוש. טויבעלע איז געזעסן אין דרויסן אויף א שטיין מיט א ווילדן קול געיאמערט און מיט די הענט געקלאפט אין קאפ.

אלע שכנים און שכנות האבן מיטגעוויינט בשעת מ׳האט דאס קינד פון דער שטוב ארויסגעטראגן. שכנות האבן אפילו טויבעלען איינגע־נומען צו זיך אין שטוב בשעת מ׳האט דאס קינד אוועקגעטראגן. טראכ־טנדיק, אז ווען טויבעלע, וועט נישט זיין דערביי, וועט זי זיך צעביסלעך בארויקן און צוריק ווערן א מענטש.

פון יענער צייט אן איז טויבעלע נישט מער אריינגעקומען אין איר שטוב. זי פלעגט זיך ארומדרייען טאג אין נאכט אין די אונטער גאסן און געשלאפן אין דרויסן. איר שטוב פלעגט תמיד זיין פארקלאפט מיט ברעטער די טירן מיט די פענצטער. נישט איינמאל פלעגט זי נעבעך ארומלויפן אין גאס מיט א פעקל שמאטעס אין די הענט שרייענדיק אויפן קול, ראטעוועט: דער מלאך המות לויפט מיר נאך. פלעגט אויך אמאל אריינכאפן זיך אין בית־המדרש אין די ווינטערדיקע קעלטן און זיך באהאלטן אונטערן אויוון ביז דער שמש האט זי דערזעען, דעמאלט פלעגט ער זי ארויסטרייבן. ווען די רוסן האבן פארנומען פרעמישלאן, האבן זיי זיך אויף טויבעלען מרחם געווען און זי פארשיקט צוזאמען מיטן שטאטישן משוגענעם יענקעל הוש צו די ווייסע בערן...

יונג געשטארבן

א קינד צי האבן איז א נחמה,
חלילה א קינד געשטארבן,
אויף דער וועלט ווייניקער א נשמה.
ביי די עלטערן א חורבן.

אלע קלאגן איינינעם,
ברעכן די הענט,
אפילו נאנטע שכנים.
וואס האבן אים געקענט.

ווען מ׳שטארבט פריצייטיק,
גרויס איז דער שמערץ,
פאר די עלטערן א ווייטיק.
און א צעבראכן הארץ.

ס׳איז אמאל בעסער אפילו,
פארן אנהויב דער סוף,
איידער אן אפגעהאקט לעבן, חלילה,
בעסער אמאל דער אייביקער שלאף.

די יונגע מוטער (יוסף איזראעלעס)

אַ לעבעדיקער מת אין בית־המדרש

איך בין דעמאלט אלט געווען באלד אכט יאר, אבער דאך איז דאס מיר פארבליבן אין מיין זכרון ביזן היינטיקן טאג!

ווען דער עולם האט אפגעדאווענט מעריב די ערשטע נאכט פון שבועות און פאלאזט דאס בית־המדרש, האט נחמיה שמש, וואס איז געווען בלינד אויף איין אויג, צוגעשלאסן די טיר און איז אויך אוועק א היים.

ווי דער שטייגער איז, האט מען תיכף נאך דער סעודה זיך גענומען צום תקון־שבועות און האלב נאך צוויי, ווען ס'האט שוין אנגעהויבן צו טאגן, האט מען זיך גענומען פארזאמלען אין בית־המדרש אריין, כדי צו פארענדיקן דעם תקון ליל שבועות מיט אביסל לערנען. אבער אזיוויי דאס בית־המדרש איז נאך געווען צו געשלאסן, האט דער עולם דערווייל געווארט אין דרויסן אויפן שמש, וועלכער איז טאקי באלד געקומען. ער האט ארויס גענומען די שליסל פון דער קעשענע, אנגעקלאפט דריי מאל אין דער טיר, ווייל אזוי זאגט מען, ביינאכט זענען די מתים מתפלל; און די דריי קלעפ אין טיר זענען אן אנזאג צו די מתים אפצוטרעטן פונעם מקום קדוש...

ווי נאר "נחמיה־שמש", האט אויפגעעפנט די טיר און אריין געקומען אין בית־המדרש, האט ער געגעבן א געשריי און איז אנידערגעפאלן אויף דער ערד. דער עולם האט גענומען פרעגן, וואס ס'איז געשען, אבער נחמיה, ווייס ווי די וואנט מחמת שרעק, האט קוים מיט א ציטערנדיקער שטימע ארויסגערעדט, — א מת געפינט זיך אין בית־המדרש!

דאס האט אויפן עולם אנגעווארפן א פחד. און קיינער האט שוין זיך נישט געוואגט ארייינצוגיין אין בית־המדרש. עטלעכע יידן האבן יא געוואגט ארויפצוגיין אין דער עזרת־נשים און אראפצוקוקן דורך די פענצטערלעך. אין גאנצן ליכטיק איז נאך נישט געווען, אבער מ׳האט געקענט זעען ווי איינער שטייטביים עמוד מיט א טלית איבערן קאפ, די הענט אין דער הויך, געגוי ווי א כהן ביים דוכנען, און שאקלט זיך...

באלד איז געווארן א גרויס שטופעניש ביי די פענצטערלעך פון דער עזרת־נשים. און א טויט־שרעק איז אלעמען באפאלן. וואס טוט מען? דער עולם האט פחד ארייינצוגיין.

עטליכע יידן זענען תיכף געלאפן צום גבאי ר׳ שלמה כץ, אים דער־ציילט, וואס עס טוט זיך אין בית־המדרש און, וואס זאל מען טון?

אזוי ווי דער גבאי אליין איז געווען א כהן און האט דאריבער נישט געטארט אריינקומען ווו ס׳געפינט זיך א מת, האט ער געהייסן רופן שבתאי מאצאלאפ, דעם שמש פון דער חברה־קדישא און ער זאל זיך מיט אים מתעסק זיין!...

דערווייל איז מען אין גאנצן שטעטל געוואר געווארן פון דער מעשה און פאר נייגעריקייט איז יעדער איינער געלאפן זעען, וואס דא וועט זיין.

אויסהערנדיק די רייד, האט זיך שבתאי־מאצאלאפ אנגערופן, אז ער ווייסט ווער דער בר־מינן איז... אזויווי ערשט נישט לאנג צוריק איז געשטארבן איינער פון לייבצי גנב׳ס תלמידים, האט ער זיך אוודאי אריינ־געכאפט אין בית־המדרש אריין, ווייל ס׳איז היינט מתן־תורה און ער האט אוודאי קיין מנוחה נישט אין קבר. וויל ער א פנים נישט אפפטרעטן ביז ער וועט באקומען א תקון...

— אבער איך וועל אים שוין משלח זיין! נאר איצט, רבותי, וואס וועל איך האבן דערפאר?... נישט אום יום־טוב גערעדט.

— וואס רעדט איר ר׳ שבתאי? איר קענט נישט ר׳ שלמה כץ, דעם גבאי פונעם בית־המדרש? מיר קומען דאך אין זיין שליחות, ער וועט אייך שוין גוט באצאלן, אבי קומט! — האבן דעם גבאי׳ס שליחים געטענה׳ט.

שבתאי מאצאלאפ איז טאקי תיכף מיט זיי מיטגעגאנגען, מ׳האט אפילו געמיינט, אז ער וועט געפינען א תירוץ און חרטה האבן אין מיטן

וועג, אבער, נייך. ער איז געגאנגען ביז צו דער טיר פונעם בית־המדרש, האט אנגעקלאפט דריי מאל — אן אנזאג צום מת אפצוטרעטן פונעם מקום־קדוש.

פון דערוויטנס איז געשטאנען דער עולם אין פחד, נישט וואגנדיק זיך צו דערנענטערן. נאר אין דער עזרת־נשים ביי די פענצטערלעך איז געווען קאפ אויף קאפ, פון דארטן האט מען געקענט זעען ווי שבתאי גייט צו צום עמוד און דער מת לאזט אראפ די הענט.

דערזעענדיק דאס, איז שבתאי געפאלן צו דער ערד, און דער מת מיטן טלית איז איבער אים אריבערגעשפרונגען און געלאפן צו דער טיר.

ארויסלויפנדיק אזוי, האט זיך אים דער טלית פארטשעפעט אין דער קליאמקע פון דער טיר און פון אונטערן טלית איז ארויסגעלאפן א ייד מיט א צעשויבערטער בארד און צעריסענע הויזן...

די מעשה דערפון איז אזוי: קיין פרעמישלאן פלעגן קומען כלערליי ארימע לייט און זיך אויפהאלטן אין הקדש־שטיבל. נאר אזויווי אין שבועות פאלט אויס דער יארצייט פון ר׳ מאירל פרעמישלאנער, פלעגן זיך אנקומען אסאך אביונים, כדי נהגה צו זיין פון ר׳ מאירל׳ס חסידים, וואס זענען געקומען פון אלע סביבות.

אט דער בר־מינן אונדזערער איז, לא־עלינו, נישט געווען ביי די קלארע געדאנקען. און, ווי ס׳האט זיך דערנאך ארויסגעוויזן, האבן די אנדערע ארימעלייט אים נישט געלאזט שלאפן אין הקדש־שטיבל.

אזוי־זשע איז ער געקומען אין בית־המדרש אריין, ווו ער האט זיך פארשטעקט הינטערן אויוון און, ווען דער שמש האט צוגעשלאסן די טיר נאכן דאווענען, איז אונדזער אורח איינגעפאלן אזא משוגעת איבערצושרעקן דעם עולם...

וויפיל דער גבאי האט באצאלט שבתאי מאצאלאפ פארן ארויס־טרייבן דעם מת, ווייס איך נישט.

ויתר דברי שבתאי השמש וגבורותיו אשר עשה בפרעמישלאן, הלא הם כתובים בספר דברי הימים לספר השמשים.

נחת פון אציג

דאס קלענסטע שטיבל ביי אונדז אין שטעטל איז געווען לייביש בענדיט׳סעס, אין גאנצן איין מעטער הויך פון דר׳ערד. מיט א צעפוילטן דאך פון שינדלען. דאס שטיבל האט געהאט צוויי צימערן. איין צימער, וואס האט תמיד אריינגערעגנט האט געדינט אלס קאמער און אין אנדערן צימער האט לייביש מיט זיין ווייב מלכה זיינע צוויי בנים און צוויי דערוואקסענע טעכטער געוווינט.

דאס שטיבל איז געשטאנען נעבן דער שטאטישער באד, נישט ווייט פונעם הקדש־פלאץ, וו ס׳האט זיך געפונען דאס שעכט הויז און דאס בית־הכסא.

די גאס, וו דאס שטיבל איז געשטאנען, איז גאר קיין גאס נישט געווען. נאר עפעס א גרויסער לאך מיט גרויסע שפאלטן פון לויטער שלשלת׳ן:

צוצוקומען צום שטיבל, האט מען באדארפט דורכגיין איבער טאלן און בערג קאלוזשעס און גריבער, אזוי אז מ׳האט געקענט ברעכן רוק און לענד.

איך פלעג מיך תמיד חדוש׳ן וויאזוי יידישע ווייבלעך קומען א היים בשלום, ווען זיי גייען פארנאכט אין באד אריין. מ׳מוז צוגעבן, אז אונדזערע יידישע טעכטער האבן געמוזט געווגוג יסורים ליידן איבער זייער מקוה. היינט וואס פאר א לופט פלעגט דארטן זיין, וו יידן פלעגן זיך מאכן ריין לכבוד שבת און יידישע טעכטער כשר...

איך בין דא נישט אויסן צו באשרייבן די חסרונות פון דער גאס אדער פון אונדזער באד, וו פאר צוואנציק גראשן פלעגט מען באקומען א

שעפעלע, וואס האט געדרונגען פון אלע זייטן און פאר נאך פינף גראשן א בעזעמל מיט פיר צווייגלעך און דריי בלעטלעך און אריינקומענדיק אין באד אריין, האט מען געמוזט פארקאטשען די פאלעס און טראגן א פאר טיפע שטיוול. וואס איך וויל דערציילן איז, ווי לייביש בענדיטס׳עס שטיבל איז מיט אמאל אויפגעלעבט געווארן.

אמת לייביש׳עס שטיבל איז טאקי געווען דאס קלענסטע אין שטעטל און אויסגעזעען פון דערוויטנס ווי א חורבה. דערפאר אבער, ווען מ׳איז אראפגעקומען אין שטיבל אריין; איך זאג אראפגעקומען, ווייל בכדי אריינצוקומען אין שטוב, האט מען געמוזט ארונטער גיין ווי אין א גרוב אריין.

אין שטוב גופא איז געווען פארפוצט אויפגערוימט, אזוי, אז ס׳וואלט קיינעם גארנישט איינגעפאלן, אז ער געפונט זיך אין א גרוב. מלכה, לייבישעס ווייב, איז טאקי געווען א בריה, אבער די טעכטער און ספעציעל די עלטערע טאכטער חנה איז געווען א בריה־נפלאה. מ׳האט זי כמעט תמיד געקענט זען רייניקן און פוצן אין שטיבל. כאטש דאס שטיבל האט אויסגעזען ווי א לאך, זענען זיי דאך געווען צופרידן, ווי זאגט מען פארט אן אייגן ווינקעלע!

ווינטער צייט פלעגט לייביש פארזארגן די בעלי־בתים מיט האלץ צום הייצן און פון דעם פלעגט ער מפרנס זיין זיין בני־בית.

מאכט זיך א מעשה, איינמאל א מאנטיק אין א יאריד טאג, שטייענדיק אזוי אין מארק, דערזעט לייביש א פויערטע מיט א ציג און עטלעכע סוחרים ארום איר.

טראכט ער ביי זיך אזוי, אז ס׳וואלט געווען א גוטער איינפאל צו קויפן די ציג און זאל זיין אביסל מילך אין שטוב. לייביש האט טאקי לאנג נישט געקלערט, געמאכט דעם מקח, גענומען ביי דער פויערטע דעם שטריק און א היימגעפירט די "מציאה".

מלכה׳ן איז אפילו דער מקח נישט געפעלן, נאר ווען לייביש האט איר געגעבן צו פארשטיין, אז מ׳וועט מער נישט באדארפן קויפן קיין מילך און מיט קיין גרויסע הוצאות איז דאס נישט פארבונדן. האט מלכה, אנגעבונדן די ציג אין אנדערן צימער, וואס האט געדינט אלס קאמער און ארום איר האלז אנגעבונדן א רויט בענדל פאר א סימן, ארומגעדרייט זי זיבן

מאל ארום דער שטוב און דערביי געזאגט: אזויווי דאס שטיבל רירט זיך נישט פונעם ארט — אזוי זאלסטו זיין צוגעבונדן צו דער שטוב.

לייביש׳עס בנים פלעגן ברענגען אביסל גראז, בלעטער און מלכה פלעגט איר צו געבן די אפשיילעכץ פון קארטאפל און אלץ וואס ס׳איז איבערגעבליבן פונעם עסן. דערצו נאך פלעגן די חדר־יינגלעך, ווען זיי זענען געווארן, ברענגען ווער א צווייג, ווער עפעס סתם פון דער היים דערטאפט. און די קינדער האבן דערפון גרויס הנאה געהאט.

ויהי היום, מאכט זיך א מעשה. אין שטעטל איז געווען א בחור א מזיק, וואס נישט איינער אין שטעטל האט געליטן צרות דורך זיינע משוגענע איינפעלע. און אט דער בחור — שלמה׳לע שראגער, האט ער געהייסן, — איז געווארן געווארן פון דער ציג. און טאקי תיכף זיך מטריח געווען און באזוכט לייביש׳עס שטיבל. ר׳האט לאנג נישט געקלערט, האט אויפגע־עפנט דאס קאמער פענצטער און די ציג איז נעלם געווארן.

א שטארקע שנאה האט זיך געטראגן ביי לייבישן אין שטוב צו דער ווייסער ציג מיט די שווארצע פלעקן.

פון יענעם טאג ווען זי איז געווארן א פרייער פויגל, האט זי ווו ערגעץ א גארטן אויפגעפרעסן די אוגערקעס, צעטרעטן די בייטן, אנגעמאכט, א חורבן אין אלע שכנותדיקע גערטנער.

מלכה פלעגט נאר שעלטן די פויערטע, וואס פאר א מציאה זי האט איר פארקויפט. און לייביש פלעגט ווערן אין כעס און נישט איינמאל זאגן, אז ער וואלט געדאנקט גאט ער זאל קענען פון איר פטור ווערן...

פיינט האט מען זי געהאט דערפאר, וואס זי איז געווען א מזיק, מ׳זאל אפגעהיטן ווערן. אין דער קאמער האט מען זי מער נישט געזען.

די חדר יינגלעך פלעגן זיך ארומיאגן נאך איר, נאכווארפענדיק איר שטיינער, נישט איינמאל א שויב ביי עמיצן צעבראכן. און די שכנים האבן זיך אנגעהויבן צו קריגן מיט לייבישן.

זי פלעגט נישט איינמאל אויסכאפן פון די שכנותדיקע קינדער דאס ברויט פון דער האנט און די קינדער פלעגן מאכן געוואלדן. ווו זי האט

געגעכטיקט האט קיינער נישט געוווּסט, אַלע מאָל אין אַ פריש אָרט. אין שכנותדיקע שטאַלן, ערגעץ אין אַ סטאָדאָלע. און איבעראַל אַנגעמאַכט שאָדנס.

אַפילו אין ווינטער צייט, אין די גרעסטע פרעסט, פלעגט זי זיך אַרומדרייען אין די זייטן גאַסן און ווען עמיצער האָט איר עפּעס עסן אַרויסגעוואָרפן, האָט זי דאָס געכאַפּט, דערביי האָט זי פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט און שנעל אַנטלאָפן.

מיטאַמאָל איז זי אין גאַנצן נעלם געוואָרן. עטלעכע וואָכן צייט, האָט מען זי נישט געזען.

ערב שבועות, נאָך האַלבן טאָג, האָט זיך פּלוצעם פונעם גלח׳ס סטאָדאָלע די ווייסע ציג מיט די שוואַרצע פלעקן באַוויזן און מיט איר זעקס יונגע שוואַרץ ווייסע ציגעלעך און נאָך זיי אַ מחנה קינדער מיט אַ קווי־טשעריי ביז צו לייבישעס שטיבל.

מלכה, דערהערנדיק די קולות, האָט אויפגעמאַכט די טיר און דערזע־ענדיק די אבדה, האָט זי פאַר שמחה גענומען שרייען אויפן קול:

חנה! דרייזל! די מציאה האָט זיך אָפּגעזוכט!

זי האָט זיי תיכף אַריינגעלאָזט אין קאַמער אַריין אונטערגעבעט אַביסל היי און איר געגעבן צו עסן.

נאָכן דאַווענען ווען לייביש מיט זיינע בנים זענען געזעסן אַרום דעם טיש ביי דער סעודה, האָט מלכה אַריינגעבראַכט די יולדת מיט די בנים און דאָס גאַנצע בני־בית האָט געשעפּט נחת.

שטעטל מיינס!

...א, שטעטל מיינס!

איך האב געמיינט, אז איך וועל דיך געפינען א לעבעדיקס, אבער דו האסט מיך אנטוישט...

כ׳האב געמיינט, אז דו וועסט אויפלעבן אין מיר און אומקערן מיר מיינע אלטע קינדעריארן...

כ׳האב געהאפט... אבער דו ביסט מאכטלאז געלעגן, ווי א בר־מינן.

איך ווייס דו ביסט נישט שולדיק אין דיין חורבן...

דאך קען איך נישט געפינען אין דיר מיין טרייסט.

דו וועסט מיך מער נישט ארומנעמען אין דיינע ארמעס און מיך איינוויגן...

אבער איצט!

שטיי אויף מיין שטעטל, שטייט אויף איר איינצל־פארבליבענע כאטקעס, און לאמיר רייסן קריעה אויף אלץ, אלץ, וואס איז שוין טויט...

אַ צוקער קראַנקייט

איך דערמאָן זיך, ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, פלעג איך נישט איינמאל הערן פון די עלטערע יידן די ווערטער ״טוב שברופאים לגיהינם״. נאָר געמיינט האָבן זיי די פּראָסטע רופאים (די צערולניקעס), נישט די וואָס היילן קראַנקע און פאַרשטייען אַ קרענק. נאָר די, וואָס גאָלן יידישע בערד און פּאות און ווערן אויף אַזאַ אופן שותפים אין די פינף לאו׳ין פון דער תורה, וואָס דער בעל־עברה׳ניק איז עובר... און קיין איינ־ציקער גאל־ישראל׳ניק, וועט זיך נישט פּטר׳ן אין יום־הדין דערמיט, וואָס ער איז מצער די בעלי־עברה׳ניקעס מיט אומריינע האַנטעכער און נישט גוט געשאַרפטע מעסערס: און מ׳וועט אויף אים נישט מלמד זכות זיין דערפאַר, וואָס ער שניידט נישט איינמאל די בערד און די וואָנסערלעך מיט דער הויט אינאיינעם. ווייל דערמיט טוט ער נאָך ערגער, דורך דעם קומט שוין דער בעל־עברה׳ניק אַפּ אויף דער וועלט, וואָס ער דאַרף אָפּקומען אויף יענער וועלט. סיי ווי סיי האָבן אונדזערע דעמאָלטיקע יידן קיין דאָקטוירים דערמיט נישט געמיינט.

אמת טאַקי אַסאַך דאָקטוירים זענען ביי אונדז נישט געווען בעסער פון די רופאים (שערערס). ס׳איז אָבער פאַרט געווען אַזעלכע מומחים, וואָס פלעגן אפילו פאַרשרייבן אַ רפואה נאָך איידער ר׳האָט געוווסט די קרענק. און מיט דעם פאַרטרייבן נישט איינמאל די היץ פונעם חולה. ס׳איז אַמאָל אפילו געווען צו אַ רפואה און ״אונס רחמנא פּטריה״. אפילו דעם רבינס איי׳ניקלעך האָבן געהאַלטן מיט די דאָקטוירים טיילמאָל.

למשל, ר׳ נפתלי ז״ל איינער פון די אייניקלעך האָט זייער געהאַלטן פון דאָקטאָר שוט. דאָקטאָר שוט איז אפילו נישט געווען מזרע אברהם,

יצחק ויעקב און אויך נישט פון די חסידי אומות־העולם, אבער יידישע קראנקע האט ער ליב געהאט און האט זיי מקרב געווען.

איך וועל אייך דערציילן א מעשה שהיה, וואס ס׳איז אמאל ביי אונדז אין שטעטל פארגעקומען מיט ר׳ יהודה הערש א ייד נישט קיין עושר נאר א בעל־פרנסה און א אגרויסער בעל־בטחון דערצו.

איינמאל איז דער ייד פלוצעם ארויס פון זיין קו־הבריאות... ר׳האט לגמרי דעם אפעטיט צום עסן פארלוירן. אזוי אז אין משך פון עטלעכע וואכן איז אים דאס פנים אויסגעטרוקנט געווארן און דאס לייב איז אים געל געווארן ווי מיט א פארמעט איבערגעצויגן.

ער וואלט זיך אפילו גארנישט געווען געמאכט פון אזעלכע זאכן, מאלע איז אמאל א מענטש נישט בקו־הבריאות, מאכט זיך אבער א מעשה.

שניידנדיק זיך ערב־שבת די נעגל, איז ער ארייגעפארן מיטן מעסער׳ל אין דער הויט און זיך געמאכט א קליינע וואונד. ר׳האט תיכף צוגעלייגט שפינוועבס, ס׳האט נישט געהאלפן: ר׳האט אויך געפרוווט פארקלעבן מיט מארקן פאפיר אבער דאס בלוט האט אלץ גערונען, ר׳האט אפילו געפאלגט די עצה פון זיין אשת־חיל און האט צוגעלייגט א פלאסטער, אבער ווי אויף להכעיס האט זיך די וואונד נישט פארהיילט.

בקצור, מ׳האט געשיקט רופן דעם שטאטישן פעלדשער אברהם בילקע און ער האט געראטן תיכף צו שיקן נאכן דאקטאר. דער דאקטאר איז נישט געווען צופרידן מיטן אויספרעגן וועגן זיין געזונט עד סוף כל הדורות, מיטן באקוקן זיין צונג טאפן דעם דופק, נאר תיכף געהייסן שיקן צו אן אנדערן דאקטאר א מומחה דעם קראנקנס וואסער פאר א בדיקה, ער זאל זעען צי האט ער נישט צו טון מיט צוקער קראנקייט.

פארשטייט זיך אויב אזוי, מוז מען שוין פרעגן דעם רבין. מאיז טאקי מיט אים תיכף אריבער צום רבין. דער רבי אויסהערנדיק דעם ענין האט געשמייכלט.

— זאג נאר יהודה הערש, — פרעגט אים דער רבי — דו פרעסט צוקער ?

חס־ושלום — ענטפערט אונדזער חולה, — וואס איז, א ייִנגעלע בין איך?

— און וויפיל שטיקלעך צוקער לייגסטו אין טיי אריין?

— איך לייג גארנישט — ענטפערט יהודה הערש — איך בייס צו.

— פון וואנען זשע קומט צו דיר צוקער? אונדזער חולה האט געזען בחוש, אז ס׳איז אין גאנצן א שטות געוועזן...

און וואס איז דען מאכט ווייטער דער רבי, אז מ׳האט צוקער? א שלעכטע זאך צוקער? צוקער איז דוכט זיך זיס? הא? און אונדזער חולה איבערצייגט זיך נאך, אז דער דאקטאר איז פשוט א שאינו יודע לשאול.

און דער רבי ווערט שוין אביסל ערנסטער און זאגט:

— ווייסטו וואס יהודה הערש, האסט ביז א הער נישט געוווסט, וואס דו האסט אינעווייניק, ווייס ווייטער נישט...

אונדזער חולה איז א היימגעקומען פונעם רביך, האט שוין קיין דאקטאר נישט גערופן און אין א קורצע צייט ארום איז ער פלוצעם אוועקגעפאלן און נישט פאר קיינעם געדוכט — געשטארבן.

און וואס מיינט איר וואלט געווען, ווען ער זאל יא געוועזן וויסן אז ער האט צוקער? ער וואלט נאך אפשר פריער געווען געשטארבן פאר שרעק.

ס'העלפט נישט
ווען יידיש איז פרעמד

איינמאל אין א שיינעם זומער טאג נאכמיטיק זיצנדיק אויף א באנק נעבן דער באן סטאציע, האב איך ארויסגענומען פון דער קעשענע א יידישע צייטונג (דער מאמענט) און האב אזוי אריינגעקוקט.

אויף דער זעלבער באנק אביסל אפגערוקט פון מיר איז געזעסן א יידישע רייכע פרוי פון א יאר פערציק (איר נאמען וועל איך נישט דער־מאנען) מיט א קליין יינגעלע פון א יאר צען.

נישט ווילנדיק האב איך א קוק געטון אויף מיינע צוויי שכנים, האב איך געזען ווי דאס יינגעלע האלט אין איין קוקן, דא אויף מיר, דא אויף דער צייטונג.

נאך זיין קוקן איז מיר געווען לייכט צו דערקענען, אז די צייטונג איז אים פרעמד. ער האט אזעלכע אותיות קיינמאל נישט געזען. יעדער קוק זיינער האט קינדעריש פארוואונדערט געפרעגט, וואס איז דאס אזוינס? עפעס נישט קיין פויליש און נישט קיין רוסיש...

באלד האב איך דערהערט, ווי ער פרעגט די מאמען אין פויליש. מאמושו, צא טען פאן טשיטא? (מאמע וואס לייענט דער הער).

איך האב א קוק געטון אויף דער מוטער און דערזען, ווי איר פנים איז געווארן רויט און איר לאנגע נאז האט זיך פארקרומט אין א זייט. און תיכף נאכדעם האב איך דערהערט א קורצן בייזן ענטפער.

ניץ! (גארנישט: אין יידיש).

דאס ייגגעלע אבער, ווי א רייך געפעסטעטע קינד, האט זיך איינגעשפארט און דוקא געוואלט די מאמע זאל אים זאגן, וואס איך לעז אזוינס.

די מוטער האט מיט כעס געשארט די ערד מיט איר שירם, זיך געבייזערט אויף אים און בשום אופן נישט געוואלט זאגן, אזויווי זי וואלט מורא געהאט מיטן אויסזאגן איר מויל טמא מאכן.

דאס הארץ האט מיר שטארק אנגעהויבן קלאפן, עפעס אן אלטע וווּנד האט זיך מיר אפגערופן און האט מיר זייער ווי געטון.

פלוצעם האט זיך ביי מיר ווי מיט געוואלט ארויסגעריסן אן ענטפער.

טא יעסט זשידאווסקא גאזעטא! (אין יידיש: דאס איז א יידישע צייטונג)!

און איידער כ׳האב צייט געהאט זיך אומצעקוקן וואספאר א רושם מיין ענטפער האט געמאכט, איז שוין די פרוי מיטן ייגגעלע ווי פארשווונדן געווארן.

א האלבע שעה שפעטער אויפן וועג אהיימגייענדיק, דערזע איך אין דער זייט פונעם פאלווארק דאס זעלביקע ייגגעלע, וואס איז געזעסן מיט זיין מאמען נעבן מיר אויף דער באנק שפילט זיך מיט אן אנדער ייגגעלע אין פערד.

שפרינגט ארום פארשוויצט און דאס אנדערע ייגגעלע טרייבט אים מיט א בייטש.

דאס פערד האט זיך אפגעשטעלט. איצט זאגט דאס ייגגעלע — וועל איך זיין דער אנטרייבער און דו א פערד.

גוט!

זיי האבן זיך איבערגעשפאנט — א קנאק מיט דער בייטש און דאס פערד צעבריקערט זיך ממש ווי אן אמת׳דיק פערד.

און בשעת מעשה טראכט איך ביי מיר אזוי, ווי גליקלעך זענען די קינדער — א לעבן אן קנאה, אן שנאה...

דערווייל איז אבער אנגעקומען א חברה גרעסערע קינדער און האבן דאס פארל פארהאלטן. באטראכטן דאס געשפאן. פלוצעם האט איינער פון דער חברה אנווייזנדיק אופן אנטרייבער אויסגערופן.

דאס איז א יידל!

— א־הא!

העי! האבן זיי זיך אנגערופן צום יינגעלע דעם פערד, שפיל דיך נישט מיט קיין ייד!

דאס יינגעלע דאס פערד האט זיך אפגעשטעלט, נישט וויסנדיק וואס צו טון. האט אראפגעווארפן פון זיך די לייצן און אפגערוקט זיך אין א זייט.

דאס יידישע יינגעלע איז געבליבן ווי פארשטיינערט. אויף זיין פנים האט זיך געביטן די פארב.

קודליי! קודליי! (א צונאמען פאר א ייד) האבן די חברה שקצים אנגע־הויבן שרייען. דערווייל האט איינער דעם יינגעלע אראפגעווארפן דאס היטל פונעם קאפ.

זשידזשאק! יידל! איז געווארן א געשריי.

דאס יינגעלע האט אויפגעהויבן דאס היטל און האט זיך אנגעהויבן אפצערוקן.

קודם אונטערוויילעכטס פאמעלעך, וואס אמאל גיכער, דערנאך זיך אויסגעדרייט און געמאכט פלטה א היים.

די חברה שקצים זענען אים נאכגעלאפן מיט א געשרייערײ:

זשידזשאק! קודליי! בי גא! (יידל! שלאג אים).

פארשטייט זיך זיי האבן אים געכאפט און גוט אנגעשלאגן. עטלעכע עלטערע פאליאקים זענען אפילו געשטאנען דערביי און מיט גרויס הנאה זיך צוגעקוקט.

ווען כ'האב זיך געווענדעט צו זיי, פארוואס זיי האבן געלאזט דאס יידישע יינגעלע אומזיסט שלאגן?

האט זיך איינער פון זיי מיט חוצפה אנגערופן: די יידן ווילן קיינמאל נישט דאנקבאר זיין, וואס מלאזט זיי נאך ביי אונדז וווינען.

א חופה מיט לעבעדיקע שטאנגען

ביי אונדז אין שטעטל איז אמאל אין א טאג פון א חתונה פארשוווּנדן געוואָרן די חופה.

מיינט נישט חלילה קיין שלעכטס! ס׳האט א יבם געוואלט נעמען די יבמה, ווי אין דער תורה שטייט: ס׳האט להכעיס דער תורה א כהן א גרושה געוואלט נעמען, ס׳האט נישט געזאלט זיין א חתונה אן די עלטערנס וויסן, ס׳איז אויך חלילה נישט געווען א חופה צום פארכאפן צו דער צייט... ס׳איז אפילו א פארליבעניש נישט געווען. ס׳איז געווען א כשרע יידישע חתונה: די כלה פון פרעמישלאן און דער חתן פון בויבעריק. נישט ער האט זיך איר, נישט זי האט זיך אים געחלומט. אן אמתער זיווג מן השמים ווי מ׳זאגט.

בערעלע שלייכער דער שטאטישער שדכן, האט צונויפגעפירט ביידע מחותנים און ווען מ׳האט זיך משוה געווען מכח נדן, קעסט, מלבושים און מתנות, האט מען געשריבן תנאים און מגביל געווען דעם זמן החתונה.

צו דער צייט האט מען געמאכט אלע הכנות, מ׳האט אויך באשטעלט כלי־זמר מיט א מארשאליק (בדחן). דער חתן איז אויך געקומען צו דער צייט. אלעס איז געווען כדבעי.

אין טאג פון דער חתונה, ווי נאר דער חתן איז אנגעקומען און פאר־פארן צו דער שיינאוועס אכסניה, האבן זיך באלד דערוויסט די גאנצע כלי־קודש, געקומען אים מקבל־פנים זיין און אויך עפעס נהנה זיין.

דער חתן האט זיי אלע צופרידן געשטעלט, א חוץ שבתאי מאצאלאפ דעם שול שמש, וואס האט געהאלטן די נדבה פאר צו קליין און איז מיט א נישט צופרידן פנים ארויסגעגאנגען.

גייענדיק אזוי א היים, איז אים אויפן וועג איינגעפאלן אפצעטון א שפיצל דעם חתן פאר זיין קליינער נדבה.

ר׳איז טאקי תיכף אוועקגעגאנגען אין שול און באהאלטן די חופה מיט די שטאנגען אויפן שול־בוידעם.

דער עולם איז געזעסן ווי אויף שפילקעס, געווארט מ׳זאל ברענגען די חופה. די כלה איז שוין געווען באדעקט, די ווייבער האבן שוין אויס־געוויינט אלע טרערן, אויסגעזיפצט אלע קרעכצן און לויפן ארום מיט רויטע טריקענע אויגן.

אלטער מארשאליק דער שטאטישער בדחן, האט שוין אויסגעשאטן אלע זיינע גראמען מיט ראשי־תיבות און לפק״ן און שטייט שוין ווי אן אויסגעליידיקט פאס און הייזעריק ווי א האלץ.

די כלי־זמר האבן שוין צום דרייצנטן מאל אנגעהויבן דעם ״שטייגער״, אז ס׳איז שוין פון דער הויט ארויסצושפרינגען און קיין חופה איז נאך אלץ נישטא.

נאר ווו זאגט מען דאס, ווי תורה דא חכמה!

ר׳ משה דאווידזאן א בעלזער חסיד, א למדן, וועלכער איז אויך געווען א גאסט אויף דער חתונה. זעענדיק וואס ס׳טוט זיך, האט תיכף געשטילט דעם עולם און געגעבן אן עצה.

פיר יידן האבן זיך ארויפגעשטעלט אויף פיר שטולן און יעדער פון זיי האט אנגענומען איין עק פונעם טלית און תוך כדי דיבור איז געווארן א חופה מיט לעבעדיקע שטאנגען. און דאס פארל האט חתונה געהאט אין א מזלדיקער שעה.

וועלוועלע שלום משה׳ס

וועלוועלע שלום משה׳ס אדער ווי מהאט אים גערופן ביי אונדז אין שטעטל וועלוועלע שלום־פויש איז געווען א מאדנע בריאה איינער פון די עשרה בטלנים, ער פלעגט זיצן אין בית־המדרש פון אין דער פרי ביז שפעט ביינאכט און זיך צוהערן צו פארשיידענע מעשות, וואס אנגעקומענע אורחים פלעגן דערציילן הינטערן אויוון.

ווי אויסגעטראכט, ווי משונה מאדנע א מעשה זאל נישט געווען זיין, האט זי אויף אים געמאכט א שטארקן רושם, אלץ האט ער אנגענומען ערנסט, און טאקי צוליב דעם האט מען אין שטעטל אים געהאלטן פאר א שטיקל פארדרייטן...

אמאל אין א מאנטיק איז וועלוועלע שלום פויש אריינגעקומען אין בית־המדרש איינגאנצן א פארענדערטער. זיין רעכטער האלבער קאפ מיט דער פאה איז אים געווען אפגעשוירן ביז צום לייב, ווי א מאשין וואלט אים די האר אראפגענומען. דער אנדערער האלבער קאפ מיט דער לינקער פאה איז, ווי תמיד, ביי אים געווען ווילד פארוואקסן און צושויבערט. גראד האט מען געהאלטן ביי קריאת־התורה, האט וועלוועלע געבעטן דעם שמש ער זאל אים געבן אן עליה, ווייל ער איז א חיוב. נאך דער צווייטער ברכה האט ער געבענטשט גומל מיט טרערן אין די אויגן.

פארשטייט זיך, אז ווי נאר מ׳האט געענדיקט דאס דאווענען האט דער גאנצער עולם זיך א לאז געטון צום גומל־בענטשער מיט קשיות, וואס ס׳האט מיט אים פאסירט.

— רבותי, — האט וועלוועלע אנגעהויבן צו דערציילן, — איר האט מיך איצט א געפונענעם! ס׳האט געפעלט איין כהרף־עין, וואלט פון מיר

קיין שריד־ופליט נישט געבליבן; איר וואלט אפילו גישט געוווסט ווו מיין געביין איז אהינגעקומען... נאר ס׳איז מיר באשערט א נס, בין איך טאקי ניצל געווארן מיטן לעבן. נאר זכות־אבות זענען מיר דא בייגעשטאנען.

הערט א מעשה! פאר צוויי וואכן האב איך באקומען א מתנה פון מיין כלה זאל לעבן. זי האט מיר געשיקט א פיין טאבאק פושקעלע און א פאר ברילן. אין בריוו האט זי מיך געבעטן איך זאל מיך לאזן מאטאגראפירן (פאטאגראפירן) און איר שיקן מיין בילד, אין דאס וועט ביי איר זיין די בעסטע מתנה.

האב איך מיר אזוי באקלערט: הלמאי טאקי נישט? מיין כלה פערל־יענטע, זאל לעבן, האט זיך דאס כשר פארדינט, אז איך זאל איר שיקן מיין בילד. דערצו האבן נאך מיין מאמע און מיין שוועסטער צוגעהאלפן; ס׳טייטש פארוואס זאלסטו נאך קלערן? יעדע כלה וויל האבן איר חתנ׳ס א בילד, מסתמא וויל זי עס ווייזן פאר אירע חברטעס, כדי זיך צו רימען מיט איר חתן... נעם און גיי תיכף אריבער צום נייעם מאטאגראפטשיק (פאטאגראפטשיק) און לאז דיר ארונטערנעמען דיין בילד, און שיק עס איר תיכף. דאס וועט זיין ביי איר זייער אנגעלייגט.

כך הוה: כ׳בין טאקי תיכף ארויס אין גאס אריין און ביי אונדזער שכן יאשע אזשענעס געוואר געווארן ווו דער נייער מאטאגראפטשיק (פאטאגראפטשיק) וווינט. אויב דו ווילסט א גוטע מאטאגראפיע (פאטא־גראפיע) האבן האט ער מיר געזאגט, זאלסטו גיין מיט דער גרויסער גאס ארויף ביז צו דער ראגאטקע. דארט וועסטו זען א גרויסע קראם, וואס אין פענצטער זענען אויסגעשטעלט מאטאגראפיעס (פאטאגראפיעס) און פאר־טרעטלעך. אט דארט וווינט דער נייער יידישער מאטאגראפטשיק (פאטא־גראפטשיק), ער וועט דיר נישט רעכענען טייער. און וועסט זיכער האבן א פיין בילד.

קיין גולם בין איך דאך נישט, האב איך מיך ארומגעוואשן פארדרייט די פאות און מיר אנגעטון די שבתדיקע קאפאטע מיטן נייעם קאפעלוש און בין מיר אוועק צום מאטאגראפטשיק (פאטאגראפטשיק).

איך גיי מיר מיט דער גרויסער גאס, קוק אין די טירן און אין די פענצטער צו געפינען דעם סימן, וואס מיין שכן יאשע האט מיר געזאגט.

אפגייענדיק אזוי כמעט א פירטל שעה, דערזע איך א גרויס הויז מיט א קראם, וואס אויף דער טיר זענען געהאנגען צווי פאטרעטן — א זכר און א נקבה. אין פענצטער זענען אויך געווען אויסגעשטעלט פאטרעטן פון זכרים און נקבות משונהדיק מאדנע געקליידט.

דארף איך לאנג קלערן? דאס איז דאס, טראכט איך מיר, און עפן אויף די טיר. כ׳בין אריין אין א פארפוצטן זאאל, וואס א שררה וואלט געמעגט אין אים וווינען. טייערע סאמעטענע שטולן מיט עפעס מאדנע מאשינען זענען געווען אויסגעשטעלט ארום אין ארום. אויף די ווענט זענען געהאנגען די טייערסטע פאטרעטן. און אין אלע זייטן זענען געשטאנען שיסלען זיך צו וואשן די הענט, מיט האנטעכער זיך אפצווישן. היינט זענען דארט אנגעשטעלט פלעשלעך, מסתמא מיט בראנפן, ווו מ׳האט זיך נאר געקערט האט געשמעקט א ריח גן־עדן.

אין אנהויב בין איך אינגאנצן צוטומלט געווארן און געוואלט מאכן פלטה, הויבן פיס, געמיינט, אז איך האב דא פארבלאנדזשעט. ס׳איז עפעס צו פיין פאר א יידישן מאטאגראפטשיק). נאר ווען כ׳האב געזען אונדזער בית־המדרש בעל־הבית, הערש בוימוואלד ארויסגיין פון דארטן, איז מיר געווארן אביסל לייכטער אופן הארץ.

— גוט, זעצט איך. און ער ווייזט מיר אן א שטול, ווו זיך צו זעצן. ס׳איז מיר אויסגעקומען צו זיצן פונקט אקעגן א שפיגל.

— ווי ווילט איר איך זאל אייך ארונטערנעמען, אינגאנצן?״

אוודאי אינגאנצן, האב איך אים גענטפערט. — אויב געמאכט, דארף זיין געמאכט. און אין הארץ פריי איך מיך שוין, וואס כ׳האט דא צו טון מיט א ייד.

— איך וועל אייך ארומפוצן, אז איר וועט אויסזעען מיט צען יאר יונגער!

— א שיינעם דאנק אייך, — האב איך אים געענטפערט, איך וועל אייך נישט קריוודזשענען, איך וועל אייך באצאלן כפי טרחתכם.

ער האט פון ערגעץ א שופלאד ארויסגענומען עפעס א מין ווייסן קיטל און אים מיר אנגעטון. דאס איז מיר באלד נישט געפעלן... מער ווי דאס,

טראכט איך מיר, פעלט מיר נישט, אז איך זאל אוועקשיקן מיין בילד צו מיין כלה ווי כ׳גיי שוין אין תכריכים! זי וואלט דאך געשטארבן פאר שרעק.

— צו וואס דארף מען דעם קיטל? — פרעג איך אים.

— נישקשה, האט קיין מורא נישט, איך פארדעק נאר אייער שבתדיקע קאפאטע, — האט ער געענטפערט. — צו וואס זאלט איר זי שמוציק מאכן?

ער איז גערעכט, האב איך מיר געטראכט. ער וועט דאך אוודאי נעמען מאלן מיט פארב, קען ער מיר פארשמירן די קאפאטע; טוט ער מיר אן דערווייל דעם קיטל. און אז ער וועט האלטן ביים מאלן די קליידער, וועט ער מסתמא מיר דאס אויסטון. וואס דען האב איך געקענט קלערן?

הכלל, ער האט זיך געשטעלט הינטער מיר, כלומרשט מיר צו פאריכטן דעם קאלנער. מיטאמאל דערפיל איך ווי עפעס א מין קאלטע זאך איז מיר אריבערגעלאפן איבערן קאפ ביז צום אויער און עפעס אזויווי א קיצל געטון. איך פאספייע נישט ארויסצורעדן קיין צוויי ווערטער, אט ווי איך רעד דא מיט אייך, דערזע איך ווי מיין האלבער קאפ האר מיט דער פאה איז ווי דורך א כשוף מיר אראפגעפאלן אויפן קיטל!

וואס זאל איך אייך זאגן, אז איך בין נישט געפאלן חלשות אויפן ארט, בין איך שטארקער פון אייזן.

איך גיב א שפרינג אויף פון מיין שטול און הויב אן צו שרייען און ליארמען:

— גזלן! וואס ווילסטו פון מיין קאפ? וואס האסטו צו מיין פאה?

— וואס הייסט מאכט ער, איר האט דאך מיך אליין געבעטן, אז כ׳זאל אייך ארונטערנעמען אינגאנצן.

— גזלן! שריי איך, ווער האט גערעדט מיט אייך וועגן שערן? איך האב דאך אייך געבעטן איר זאלט מיר מיין בילד ארונטערנעמען!

— וואס מאכט איר אייך פאר א תם? כא־כא־א, — האט ער זיך צולאכט הויך אויפן קול. משוגע זענט איר צי שכור? ווי קום איך ארונטערצונעמען בילדער, אז איך בין נישט מער ווי א שערער!

— אזוי גאר, איר זענט נישט מער ווי א צירולניק, פארוואסזשע האט איר ארויסגעשטעלט די פאטרעטן אויף דער טיר און אין פענצטער, צו פארפירן מענטשן?

— די פאטרעטן אויף דער טיר איז מיין שילד, מיין רעקליאמע. — מאכט ער. איר זעט דאך, אז דארטן אויף דער טיר שטייט אויסגעמאלן ווי אזוי מ׳גייט היינט געשרוירן די האר. און אין פענצטער האב איך אריינגעשטעלט די בילדער פון די פארשטעלער פון טריאטער (טעאטער). און אז איר זענט א בית־המדרשניק, ווערזשע איז אייך שולדיק?

— זעט, האט רחמנות, האב איך מיך ביי אים גענומען בעטן, גיט מיר בעסער אן עצה, וואס איך זאל איצט טון? וויאזוי ווייז איך מיך אין גאס, מ׳וועט דאך פון מיר לאכן...

— אט אזוי רעדט איר ווי א מענטש. זעצט אייך אנידער, וועל איך אייך קאנטשען אפשערן און אראפנעמען די אנדערע פאה אויך.

— משוגע זענט איר צו שכור? — מאך איך צו אים. לא די, וואס איר האט מיר איין פאה ארונטערגענומען, ווילט איר מיך שוין אינגאנצן דערקוילן? די צווייטע פאה אויך ארונטערנעמען? פונקט אזוי ווי אז מ׳שטעכט עמיצן אויס איין אויג, זאל מען אים שוין דאס צווייטע אויג אויך אויסשטעכן, ס׳זאל אים נישט זיין מיאוס מיט איין אויג... נישט דערלעבן וועלן דאס מיינע שונאים! וואס מיינט איר די פאה וועט מיר אראפוועגן דעם קאפ אויף איין זייט? נישקשה, אלע קענען מיך, ברוך השם, און מ׳וועט פארשטיין, אז עס האט מיר א סבה געטראפן.

אויסהערנדיק מיך, צעלאכט ער זיך נאך מער אויפן קול. איך האב מיך געלאזט גיין צוריק א היים. אויפן וועג האב איך געטראפן אונדזער שכן יאשע און האב אים אלץ דערציילט פון דעם אומגליק, וואס האט מיט מיר פאסירט. אויך ער האט זיך צולאכט נאך דעם ווי ער האט מיך אויסגעהערט.

מילא, וואס זאל איך אייך דא דערציילן, איך האב שוין געוואלט אים איבערלאזן און מיר אהיימגיין, האט ער מיך צוריקגערופן און געזאגט, אז ער וועט מיט מיר צוגיין צום מאטאגראפטשיק (פאטאגראפטשיק). ער

האט מיך טאקי אפגעפירט צום אמת'ן מאטאגראפטשיק (פאטאגראפטשיק) און אים געבעטן מיר ארונטערצונעמען מיין בילד, דערציילנדיק אים די סבה, וואס האט מיט מיר געטראפן. ר'האט אים נאך עפעס איינגעשושקעט אין אויער און איז אוועק איבערלאזנדיק מיך מיטן מאטאגראפטשיק (פאטא־גראפטשיק).

— ווי קענט איר אייך איצט לאזן ארונטערנעמען מיט איין פאה? — האט ער מיך געפרעגט.

וואס איז שייך, מאך איך צו אים, דערפאר נעמט איר דאך געלט! איר זענט דאך עפעס א מאלער, איז פונקט ווי איר וועט מיר אפמאלן איין האלבן קאפ, אזוי וועט איר מיר מאכן אויך דעם אנדערן האלבן קאפ.

— א! נייך, דאס קען איך נישט, — ענטפערט ער. וויאזוי דער מענטש איז, אזוי מוז ער ארויסקומען אויפן בילד. קיין קונצן איז דא נישטא.

נאט אייך א פרישן צדיק, טראכט איך מיר, אן אמת'ער מענטש. ער האט געשווירן אויפן בארג סיני אז ער זאל נישט משנה זיין א מענטשנס פנים!

— ווייסט איר וואס, זאג איך צו אים, — מאכט דערווייל פארטיק די בילדער מיט איין האלבן קאפ און אז איר וועט שוין האלטן ביים צווייטן האלבן קאפ, וועל איך אייך ברענגען מיין חבר ישראל לייב. ער האט פונקט אזעלכע האר ווי מיינע, וועט איר דעם אנדערן האלבן קאפ צומאלן פון אים.

איר ווייסט גארנישט וואס איר פלוידערט, — ענטפערט ער. איך וועל אייך געבן א בעסערע עצה; איר וועט אייך זעצן אויף א זייט, אזוי, אז מ'זאל דעם אפגעשוירענעם האלבן קאפ אויפן בילד נישט זען.

וואס זאל איך אייך לייקענען, מיר איז דער איינפאל זיינער געפעלן. דאס פאסט פאר א גמרא־קעפל.

— וויפיל בילדער ווילט איר האבן און ווי גרויס זאלן זיי זיין? פרעגט ער מיך. איך האב אים געוויזן א פארמע אויף א פארטרעט, וואס איז געהאנגען אויף דער וואנט, און האב אים געבעטן מיר צו מאכן זעקס אזעלכע.

— דאס וועט אייך קאסטן זעקס זלאטעס, האט ער געזאגט. א העלפט וועט איר מיר איצט געבן און די אנדערע העלפט אין אכט טעג ארום, ווען די בילדער וועלן זיין פארטיק.

— אזוי גאר, גאנצע אכט טעג וועל איך דא דארפן זיצן ביי אייך אין הויז ביים מאלן די בילדער ?

— סארא בית־מדרשניק איר זענט ! — ענטפערט ער מיר. איר קענט אייך תיכף אוועקגיין, און ווען איר וועט קומען אין אכט טעג ארום וועט איר די בילדער שוין האבן פארטיק.

— טא וויאזוויזשע וועט איר מיך קענען אפמאלן הינטער די אויגן, אויב איר וועט מיך נישט האבן דערביי נאכצוקוקן ? פרעג איך.

— אויף דעם בין איך דאך א מאטאגראפטשיק ! (פאטאגראפטשיק) — ענטפערט ער.

איך האב אים געגעבן דריי זלאטעס, און ער האט מיך געפרעגט אויף מיין נאמען און צונאמען, אזויווי ביים ארויסגעבן א באפרייונג־צעטל פונעם מיליטער. מיט דעם קוויטל, זאגט ער, וועט איר קומען אין אכט טעג ארום, וועט איר טרעפן אייערע בילדער פארטיק. נאר זאגט מיר ווי ווילט איר זיך ארונטערנעמען, זיצנדיק, שטייענדיק, אין קאפעלוש אדער אין דער יארמולקע, אינגאנצן אדער נאר ביז דער העלפט ?

— געוועגלעך, אז איך מאך שוין זעקס בילדער, — זאג איך. — וועט איר מיר מוחל זיין און מאכן איינס זיצנדיק, איינס שטייענדיק, איינס אין קאפעלוש, איינס אין דער יארמולקע, איינס אין גאנצן און איינס נאר ביז דער העלפט.

— א ! דאס דארף אייך צו טייער קאסטן, מיין פריינט, — זאגט ער. איר מוזט מיר זאגן ווי איר ווילט עס האבן און ווי איינס, אזוי וועלן אלע מוזן זיין.

— אויב אזוי, — מאך איך, — וועט איר מיך אפמאלן זיצנדיק, אזוי ווי איך בין איצט אין קאפעלוש.

— גוט, — זאגט ער, זעצט אייך צו א מינוט, איך קום תיכף צוריק אריין. — און ער איז ארויס דורך דער הינטערטיר.

איך האב מיר אזוי געטראכט, וואס זאל איך דא זיצן און באלאקען מיט אים? די סמנים מיינע האט ער דאך שוין ארונטערגענומען, דריי זלאטעס האב איך אים שוין געגעבן, דאס קוויטל האב איך דאך שוין אויך און ביים מאכן די בילדער דארף ער מיך נישט האבן, ווייל ער קען זיי מאכן הינטער מיינע אויגן, האב איך מיך אויפגעהויבן און בין מיר אוועק א היים.

אכט טעג שפעטער קום איך דאך מסתמא, אפנעמען די בילדער...

— סוחר מיינער, זאגט ער צו מיר, ווו זענט איר דעמאלט אנטלאפן?

— וואס הייסט איך בין אנטלאפן? וואס זאל איך דא זיצן און שמועסן מיט אייך? — פרעג איך אים. — איר מיינט א פנים איך האב קיין אנדערע געשעפטן ווי נאר סתם מבטל צו זיין די צייט? דריי זלאטעס האב איך אייך שוין געגעבן, נאט אייך די אנדערע דריי זלאטעס און גיט מיר די בילדער.

— וואס איז דאס פאר א מאדנע ייד? — פרעגט ער. — מאכט איר אייך נאריש אדער זענט איר דאס טאקי? וויאזוי זאל איך אייך האבן אייערע בילדער פארטיק, אז איך האב אייך נאך נישט אפמאטאגראפירט! (אפפאטאגראפירט).

— גאט איז מיט אייך, — זאג איך, — ס'טייטש פארוואס נישט?

— איר האט דאך אליין מיר געזאגט, אז אין אכט טעג ארום וועלן זיי זיין פארטיק און מיך דארפט איר דערביי נישט האבן; איר קענט זיי מאכן הינטער מיינע אויגן.

— נארישער מענטש, — מאכט ער, — פריער מוזט איר זיך לאזן אפמאטאגראפירן (אפפאטאגראפירן) פונעם פאראט, (אפאראט), און דערנאך פארענדיקן, צופוצן וועל איך שוין קענען הינטער אייערע אויגן.

— דאס איז מיר תיכף נישט געפעלן. א מאשין אויף אפצומאלן א מענטש, דאס האב איך שוין גארנישט געקענט תופס זיין. זאגט מיר דעם

אמת, פרעג איך אים, ס׳טוט עפעס ווי בשעת ווען מ׳ליגט אונטער דער מאשין? עפעס ווי דאס הארץ וואלט מיר געזאגט, אז פון א מאשין זאל איך לויפן...

— וואס רעדט איר נארישקייטן? מ׳וועט דאך פון אייך לאכן, — זאגט ער. קומט אריין מיט מיר אין יענעם חדר און איר וועט זיך אוועק־זעצן רויק אויף א שטול קעגנאיבער דער מאשין, און אין איין מינוט וועט איר זיין פארטיק.

דוכט זיך ער האט גערעדט פשוט, גאר ווי אן אמתער מענטש? וואס האב איך געקענט איבערקלערן? גיי, קריך יענעם אין הארץ אריין? מילא, על כל פנים, וואס זאל איך אייך דא אסאך דערציילן, דער מענטש האט אזוי רעדנדיק מיך ארויסגענארט פון דער שטוב און אריינגעפירט אין עפעס א סוכה מיט א גלעזערנעם דאך, ווי נאר ער האט מיך דארטן אריינ־געפירט, האט ער גלייך פארריקט די טיר, אז איך זאל א פנים, נישט קענען ארויסגיין, און ווייזט מיר אן א שטול זיך צו זעצן.

רבונו של עולם! איך ווייס נישט וויאזוי מיין נשמה איז מיר נישט ארויס! שטעלט אייך פאר מיין שרעק, אז איך גיב א קוק, פונקט אנטקעגן מיין שטול, ווו ער האט מיר געהייסן זיך זעצן, שטייט אן ארמאטל אויף דריי הויכע פיס, מיטן מויל אפן נאר אויסצושיסן... ס׳איז מיר פינצטער געווארן אין מיינע אויגן. איך האב קוים כח געהאט ארויסצורעדן א פאר ווערטער:

— זעט, האט רחמנות, לאזט מיך איצט אפ. איך בין א חתן, איך האב א שוואך הארץ, איך וועל קומען אן אנדער מאל. — און אין הארץ טראכט איך מיר, הלואי לאזט ער מיך נאר אפ, וועט ער מיך שוין אזוי זעען ווי ער זעט זיין לינק אויער.

אים איז אבער אויך דער מוח נישט אויסגעדארט. ער האט א פנים פארשטאנען וואס איך קלער.

— ניין, — זאגט ער, — איר וועט שוין פונדאנען נישט אוועקגיין ביז איך וועל אייך אפמאטאגראפירן! (אפפאטאגראפירן) זעצט אייך! —

און נעמט שוין פארציען די פארהאנגען, כדי מיר צו מאכן א פינצטערע מיתה־משונה, רחמנא־לצלן... — נעמט דאס כאטש אוועק פון מיינע אויגן, בעט איך מיך ביי אים, — ווייזנדיק אויפן ארמאטל.

— וואס האט איר מורא, דאס איז דאך די מאשין אייך ארונטערצו־נעמען, רייצט ער זיך נאך מיט מיר. ס׳וועט געדוירן בלויז איין מינוט און איר זענט פארטיק.

— זעט, האט רחמנות, הויב איך מיך אן ווידער צו בעטן. נאר יענער לאזט מיך שוין גארנישט רעדן. איך זע, אז דאס טריפהנע דם זיינס האט זיך אין אים שוין צעקאכט.

— איר זעצט אייך צו ניין? — האט ער געגומען שרייען מיט רציחה, און לויפט צו צום ארמאטל און נעמט אים שוין אנלאדעווען... און דא האב איך מורא, אז מיט בייזן וועל איך נאך ערגער מאכן. קונצן איז דא עפעס? איך וואלט צו אים אויסגערעדט נאך איין ווארט, איז פיף! פארטיק, און מ׳וואלט אפילו נישט געוווסט ווו מיין געביין איז אהינגעקומען.

הכלל, איך האב מיך געזעצט אויף דער שטול, ווו ער האט מיר געהייסן און אין הארץ האב איך נאר געבעטן צו גאט, אז ער זאל מיך פון אים מציל זיין... יענער איז דערווייל צו געגאנגען צום ארמאטל און האט געענדיקט אנלאדאווען. האט זיך אפילו פארדעקט דעם קאפ מיט א שווארצער קאפאטע, מ׳זאל א פנים נישט זעען ווי ער פארקעט זיך דארטן. נאר איך זע אבער ווי די פיס זיינע רוען נישט און ער דרייט אויס דאס ארמאטל מיטן נקב פונקט אקעגן מיין הארץ... איך בין מסתמא קיין נאר נישט, כ׳זע דאך, אז ער האט דעם קאפ פארדעקט. נעם איך פאמעלעך און גיב מיך א רוק מיט דער שטול אין א זייט. טאמער שיסט ער, חלילה, אויס, זאל כאטש די קויל פארביילויפן.

דער ממזר האט עס אבער באמערקט, און איז צוגעלאפן מיט כעס און אוועקגעשטעלט די שטול אויף איר פריערדיק ארט.

— אט דא זאלט איר זיצן, זיך נישט קיין ריר געבן פונעם ארט! — און ער איז צוריק אוועק צום ארמאטל.

מילא, וואס זאל איך אייך דערציילן? איר קענט אייך פארשטעלן ווי מיר איז געווען אויפן הארץ, אז מ׳זעט דעם טויט פאר די אויגן און נאך

דערצו אזא טויט. פונדעסטוועגן האב איך מיך אלץ נישט מיאש געווען, און אזוי זיצנדיק אויף דער שטול גיב איך מיך א רוק אוועק אין א זייט, אזוי, אז כ׳בין געבליבן זיצן אויף א האלבער שטול. דערצו האב איך מיך נאך אויסגעבויגן, אז די קויל זאל מיך בשום אופן נישט קענען טרעפן.

יענער טריפה׳נער ביין האט דאס אבער דערשפירט, דער רוח ווייסט אים וויאזוי. ער איז דאך געווען פארדעקט מיט דער קאפאטע איבערן קאפ... ער לויפט צו צו מיר מיט א כעס.

— איר פארמאטערט דאך מיך, איר נעמט דאך מיר דאס געזונט ארויס. מיט אייער דרייען זיך! איר וועט זיצן אויפן ארט צי נישט?

איר הערט, יידן, איך נעם אים גאר דאס געזונט ארויס... איך ווייס טאקי נישט וויאזוי איך האב איבערגעלעבט יענע מינוט. א מענטש איז ממש טאקי אמאל שטארקער פון אייזן...

ער זעצט מיך צוריק אוועק אויפן ארט, שרויפט מיר עפעס וואס צו אונטערן קאפ, א פנים איך זיל מיך נישט קענען רירן פונעם ארט און שטעלט מיר אויס דאס הארץ פונקט אקעגן דעם נקב פונעם ארמאטל. ווייזט מיר אן ווו איך זאל מיך פארקוקן אין א זייט. מיינע אויגן זאלן, א פנים, דעם טויט נישט זעען.

— זייט נישט דערשראקן, מ׳טוט דאך אייך גארנישט, — זאגט ער נאך, דער גנב. איצט זאלט איר זיצן גלייך, זיך קיין ריר נישט טון מיט קיין גליד, ווייל טאמער וועט איר זיך נאר בלויז איין ריר טון מיט א גליד, גייט איר ארויס א קאליקע... און אזוי רעדנדיק, נעמט ער אן ביי עפעס א פראזשינקע (ספראזשינקע) און וויל שוין אויסשיסן...

ע, טראכט איך מיר, אזא טויט... נישט ביי וועלוועלען.. לאמיך נאך פרווון צום לעצטן מאל. וואס קען איך שוין ערגער מאכן?

כ׳ווייס נישט ווי ס׳האט זיך ביי מיר גענומען אזא גבורה. איך האב מיך געגעבן א הויב אויף פון דער שטול און א ריס געטון די טיר מיט אזא כח, אז איך האב דעם שלאס ארויסגעריסן; און אין איין מינוט בין איך

שוין געווען אינדרויסן. כ׳בין געלאפן גלייך אהיים, נישט אומקוקנדיק זיך פון הונטן. ס׳האט זיך מיר געדוכט אז דער גזלן יאגט מיר נאך.

לויפנדיק, האב איך עטלעכע פארבייגייער אומגעווארפן; געכאפט שיינע עטלעכע קלעפ אין די זייטן פון אזעלכע, וואס כ׳האב זיי מסתמא, לויפנדיק מזיק געווען. נאר ווער קוקט אויף אזעלכע קלייניקייטן בשעת מ׳לויפט פונעם טויט?

נעבן דער היים האב איך געטראפן מיין שכן יאשע, אבער איך האב אים גארנישט דערציילט, אפילו קיין ווארט נישט פון מיין בהלה.

איך האב דאך אליין געזען ווי ער האט זיך געשושקעט מיטן מאטא־גראפטשיק (פאטאגראפטשיק). און ווער ווייסט צי דאס איז אפשר נישט געווען טאקי זיין אייגענער פלאן?...

און אזוי בין איך דא צוריקגעקומען בשלום. די ערשטע זאך האב איך געוואלט אפגעבן א שבח און בענטשן גומל. אם ירצה השם, מארגן וועל איך טאקי תיכף שרייבן א בריוול צו מיין כלה און איר דערציילן פון דעם נס, וואס הקדוש־ברוך־הוא האט מיט מיר געטון...

דער נישט געלונגענער מופת!

ס'איז כמעט נישטא קיין איינציקער ייד, וואס זאל אין גאליציען נישט האבן געהערט פון פרעמישלאן און, וואס זאל נישט וויסן ווי בארימט דאס שטעטל איז אויף דער וועלט:

אין ענגלאנד האט מען אפשר פון דעם שטעטל נישט געהערט, אבער אין פרעמישלאן, מוזט איר וויסן, ווערט ענגלאנד נישט פארעכנט אין דער וועלט...

פרעמישלאנס בארימקייט באשטייט אין צוויי זאכן: ערשטנס, דער גרויסער אוניעווער יריד, וואס ווערט דארט אפגעהאלטן יעדעס יאר און, וואס דויערט נישט ווייניקער ווי צוויי וואכן; צווייטנס, די אייניקלעך פונעם פרעמישלאנער רבין ר' מאיר'ל ז"ל.

געווען ביי אונדז אין שטעטל כמעט א מנין אזעלכע אייניקלעך און אלע האבן געצויגן זייער חיונה פון די פדיונים, וואס זיי פלעגן באקומען פון די דארפסיידן, וואס פלעגן קומען יעדן מאנטיק אויפן יריד.

דער אנגעזעענסטער פון די אייניקלעך איז געווען ר' מאירצי. אבער ר' הערש'ל האט געהאט מער א הדרת־פנים, ס'איז ממש געווען אים צו באוואונדערן. מ'האט באמת אויף אים געקענט זאגן "משכמו ומעלה גבוה מכל העם". ער איז געווען הויך געוואקסן און בכלל געווען א שיינער מענטש. כאטש ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, איז ער אבער געווען א זעלטענער בעל־תפלה, א גוטער מנגן און טאקי אן ערלעכער ייד, אפגערעדט שוין פון זיין יחוס.

דער יריד אין אוניעוו איז געווען איינער פון די גרעסטע, וואס גאליציע האט געהאט. די גאנצע וועלט פלעגט צו קומען אהין, פלעגט מען זאגן. אבער ס׳איז געווען גענוג, אז מ׳איז דארטן אהינגעקומען פון אלע טיילן גאליציע.

האבן קרעמערס געהאט פארלעגענע סחורה, איז מען געקומען צו פארן קיין ״אוניעוו״ זי דארט פארצוקערן. האבן שדכנים געהאט שדוכים אויסצור־פירן, זענען זיי געפארן קיין פרעמישלאן אין דער צייט פונעם יריד.

פון די צוויי וואכן, וואס דער יריד האט אנגעהאלטן, האבן אסאך יידן געהאט פרנסה אויף שיינע עטלעכע חדשים...

נאר צוויי ברכות מיטאמאל גיט נישט זיין ליבער נאמען...

אויב מ׳קען זאגן אויפן אוניעווער יריד, אז ר׳איז געווען דער גרעסטער, קען מען עס אבער נישט זאגן אויף ר׳ הערשלען דעם גוטן ייד.

אמת, ר׳איז טאקי געווען א בעל־מעלות, אפילו געהאט א היפש ביסל דארפס־חסידים און אויך עטלעכע שטאטישע נשים־צדקניות, וואס האבן אים געהאלטן פאר א בעל־מופת און נישט פארגעסן אים צו ברענגען א פדיון יעדן ערב יום־טוב.

ביי אזא געלעגנהייט פלעגט ער זיי בענטשן, אנרופנדיק פארשיידענע שמות און אויך דעם זכות פון זיינע עלטערן ז״ל.

א לץ איז געווען אין פרעמישלאן מיטן נאמען הערץ דיאמאנט א ייד אין די מיטעלע יארן, וועלכער האט נישט געפאלגט אלץ וואס די תורה זאגט, די גמרא, דער שולחן־ערוך און דער רבי...

ער האט קיינמאל נישט געטראגן קיין בארד און פלעגט נישט אפגיסן נעגל וואסער און זיך נישט איינבייגן צו כורעים. ר׳איז אפילו געשלאפן אן א קאפל. אט דער פושע־ישראל, ווי די חסידים האבן אים גערופן, האט אין די ערשטע עטלעכע יאר נאך דער חתונה קיין זכרים נישט געהאט, בלויז מיידלעך. יעדעס יאר האט אים זיין ווייב געבוירן א מיידל, א מתנה, וואס האט אים נישט שטארק געפריידט.

כאטש א פושע־ישראל, אבער א קדיש זאגער האט ער דאך געוואלט האבן.

אמאל אין א חנוכה איז הערץ מיט זיין ווייב אריינגעקומען צו ר׳ הערשלען און פשוט געוויינט, אז ער זאל אים בענטשן מיט א בן־זכר.

דער רבי, האט זיך געהייסן געבן צוויי אין פופציק זלאטעס, כמנין בן און האט זיי געבענטשט מבטיח זייענדיק, אז דאס קומענדיקע קינד וועט בלי־ספק זיין א זכר, ווייל מן השמים האט מען שוין אזוי באשלאסן...

הערץ מיט זיין ווייבל זענען ארויסגעגאנגען פונעם רבין צהלה־ ושמחה, נישט צווייפלענדיק אין דעם רבינס הבטחה...

אסאך מענטשן אין שטעטל זענען געווען נייגעריק צו וויסן צו דעם רבינס ברכה וועט מקוים ווערן.

א טייל פונעם רבינס אנהענגער זענען געווען גאנץ זיכער, אז די ברכה וועט מקוים ווערן און דאס קינד וועט באשטימט זיין א זכר!

הערץ דיאמאנט מצדו איז נישט געשלאפן, געהאפט די ברכה זאל מקוים ווערן.

ויהי היום, דאס צוגעזאגטע קינד האט אנגעהויבן מאכן די נסיעה אויף דער וועלט פונקט אכט טעג פאר תשעה־באב.

ווען די אלטע באבע האט באגעגנט דעם שליח, וואס איז געקומען זי רופן צו דער קימפעטארן, האט זי גלייך אויסגעשריגן, — דער רבי זאל לעבן, ס׳וועט זיין א תשעה־באבדיקער ברית! כ׳לעבן א גליק, כ׳האב נישט קיין כח צו פאסטן.

גייענדיק צו דער קימפעטארן, האט זי די נייעס דערציילט יעדן איינעם, וועמען זי האט נאר באגעגנט, אז דעם רבינס הבטחה איז שוין מקוים געווארן: ביי הערץ דיאמאנט איז געבוירן געווארן א בן־זכר.

נאך איידער דאס קינד האט אריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין מוטערטראכט האט שוין יעדער איינער אין שטעטל געטאנצט פאר שמחה. עפעס א קלייניקייט אזא נס, עפעס א שפאס אזא מופת?

הקצור, ס׳איז געקומען די מינוט און דער צוגעזאגטער איז מיט א קרומער מינע געקומען אויף דער וועלט. ווי נאר די באבע האט דערזען דאס קינד האט זי געגעבן א געשריי אויס. — א זכר איז געבוירן געווארן!

נאטירלעך האט זיך הערץ דיאמאנט זייער געפריידט, אבער א מינוט שפעטער, ווען דאס גאנצע קינד איז שוין געווען אין דער באבעס הענט און אנשטאט א יינגל איז עס גאר ווידער געווען א מיידל, האט די באבע גענומען שרייען, — אן אנדרוגינוס איז געבוירן געווארן!...

די נייעס אין שטעטל וועגן דעם קינד איז געווען פארשיידן. קיינער האט פשוט נישט געוווסט דעם אמת. אטייל האבן געזאגט, אז דעם רבינס הבטחה איז נישט מקוים געווארן, אטייל ווידער האבן געהאלטן, אז די ברכה איז יא מקוים געווארן. נאר דעם רבינס מקורבים און חסידותטעס האבן געגלויבט אז דער רבי מיט זיינע קטרגים האבן זיך אזוי לאנג געראנגלט ביז דער אויבערשטער אליין האט געמאכט א פשרה: ס׳זאל זיין וויביידע צדדים פארלאנגען, און האט באשאפן אן אנדרוגינוס.

דער רבי אליין האט געשוויגן. און דער אבי הילד האט אויך קיין ווארט נישט ארויסגערעדט, נאר אויס פארדרוס האט הערץ דיאמאנטס געוואלט אפטון דעם רבין א שפיצל, אז ער זאל אים האבן צו געדענקען.

תשעה־באב אין דער פרי האט ער געשיקט א שליח צום רבין אים מודיע צו זיין, אז היות, אזויווי, ס׳איז ביי אים געבוירן געווארן א בן־זכר, ווי דער רבי האט אים מבטיח געווען און ער איז היינט א בעל־ברית, בעט ער דעם רבין צו זיין סנדק און די חסידים דעם רבינס, זאלן זיך איינטיילן מיט די איבריקע כבודים...

א גאנצע וועלט מיט שמחה איז באפאלן דאס בינטל חסידים און מקורבים. וואס הייסט דעם רבינס הבטחה איז מקוים געווארן! דעם רבינס נס וועט זיך איצט הערן איבער דער גאנצער וועלט! אפילו די מתנגדים זענען מבולבל געווארן פון די נייעס.

בעת אלע חסידים האבן זיך געריכט אויף א גוט שנעפסל אום תשעה־באב, אויף להכעיס דעם רשע טיטוס...

אין בית־המדרש, איז געווארן ששון ושמחה. א חורבן איז געווארן פונעם גאנצן חורבן. מ׳האט ווידער אויפגעשטעלט די איבערגעדרייטע בענק, די שטענדערס אויסגעגלייכט. אלע קינות זענען פארשוונדן. און אנשטאט תשעה־באב׳דיק איז געווארן יום־טובדיק.

טישן זענען געשטאנען געגרייט מיט וויינען און בראנפנס, א גרויסער עולם האט אנגעפילט דאס בית־המדרש, ווייל דער ברית־מילה האט געזאלט פארקומען אויפן רבינס פארלאנג אין זיין בית־המדרש.

ווי ספירט זיך שוין ביי אזא פאל, האט דער רבי מתיר געמאכט צו טרינקען נאך איידער דער רך הנימול איז געבראכט געווארן.

די חסידים האבן זיך אנגעטרונקען ווי די קאטשקעס, זיך געלאזט טאנצן חסידישע טענצלעך און דער רבי האט פאר שמחה אויך מיטגע־טאנצט.

ס׳איז געווארן ליהודים...

די טיר האט זיך געעפנט און דער בעל־ברית מיטן שמש האבן אריינ־געטראגן דאס קינד. פאראויס איז געלאפן די אלטע באבע, אויסגעפוצט אין אירע שבתדיקע מלבושים, טאנצנדיק ווי א יונג מיידל.

די שמחה איז אויף א מינוט איבערגעריסן געווארן בעת דער רבי האט זיך געזעצט על כסאו של אליהו. דער מוהל האט אנגעשטעלט דעם חלף און פערטיק געמאכט די ליפן. אלע זענען געווען גרייט צו דער מצוה...

ווי ס׳איז געקומען צו דער וויכטיקסטער מינוט, האט א וויי־געשריי פארהילכט דאס גאנצע בית־המדרש און אויפן עולם איז געפאלן א פחד, דאס קינד האט זיך באוויזן צו זיין גאר א מיידל.

דעם רבינס מופת, איז קיין מופת נישט געווען און מ׳האט בחנם מחלל געווען דעם תענית! — — —

דער רבי, האט פארגלאצט די אויגן און אויסגעשריגן; די מלאך הממונה על אנדרוגינוס איך בין אויף דיר גוזר, אז די זכרות, זאל איצט געגעבן ווערן, וואס ליגט אויף מיין שויס בבחינת נקבה!!!

אבער דער מלאך האט זיך נישט גערירט און דער מוהל האט אלץ נישט געהאט וואס צו שניידן...

דער רבי האט אפגעגעבן דאס קינד צום פאטער, געבנדיק אים צו פארשטייען, אז דאס קינד, האט א נשמה פון א זכר, אבער דער גוף, איז פון א נקבה.

דער אויבערשטער אליין, האט מל געווען דעם קינדס הארץ. דערמיט איז מקוים געווארן דעם נביא׳ס רייד.

"ומל ד׳ אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך".

פארשטייט זיך, אז אטייל פון דעם רבינס מקורבים, האבן עס אנגע־נומען פאר אן אמת.

דאס קינד די אנדרוגינוס חנה׳לע דיאמאנט געדענק איך גוט. פאר דער מלחמה איז זי געווען א כלה־מיידל.

דער "אוניעווער" יריד!

אויף דעם אוניעווער יריד פלעגט דאס גאנצע שטעטל ארויס־קוקן, ווי א הונגעריקער אויף א רייכע סעודה. אפילו די איינ־קלעך פונעם רבין פלעגן דערווארטן אויף עפעס פון אים... ספּעציעל ר' פּייוועלע, א קליין שוואך מאגער יידעלע מיט א געל קאזע בערדל, וועלכער פלעגט צו טראגן זומער אין די גרעסטע היצן א ווארימע פּאטשיילע אויפן האלז, האט זיך אויך גערעכט אויף פדיונים פון די אנגעפּארענע סוחרימלעך און דארפס־יידן. ער איז טאקי געווען א גרויסער נצרך. די פּאר זלאטעס, וואס פלעגן אים ארייננפאלן פונעם יריד, האט ער געהאט אויף שיינע עטלעכע וואכן פרנסה...

אויך די שמשים האבן זיך גערעכט אויף די בכבודיקע אורחים. זיי פלעגן קיינמאל נישט דערלייגן צו אזא יריד.

עטלעכע טעג איידער דער יריד האט זיך אנגעהויבן, האט מען אין שטעטל שוין געפילט דעם רעש. אין מארק אויפן רינק זענען געשטאנען יידן מיט האמערס, זעגן, געקלאפּט צוזאמען ברעטער און געמאכט שטעלעכלעך אויסצולייגן זייער סחורה אויפן יריד. די קליינע סוחרימלעך האבן צונויפגעקלאפּט קאסטענעס איבערגעדעקט מיט א לייוונט און אויף דעם אויסגעלייגט זייער סחורה. די סחורה פון די קליינע סוחרימלעך איז באשטאנען פון צוקער־געבעקסן, פארשיידענע צוקערלעך, לעמאנאדעס, עפּל־קוואס, וואס נאר איינער האט געקענט פּראדוצירן, האט ער דאס ארויסגעבראכט אויפן יריד. אלץ איז געווען אן אפּגאנג. אויך פארשיידענע שפּילווארקן, אלערליי בלעכענע אויסארבייטן, ווי צום באקן צום קאכן און סתם פאר דער שטוב...

די גרעסערע סוחרימלעך היימישע און פרעמדע, פלעגן פארקויפן ביליקע שטאפן און פארשיעדענע מינים ווייבערישע זאכן. א טייל האבן געהאט פארטיקע שטיוול, שיך, פעלצן און אזוי ווייטער.

אויפן בית־עולם איז דעמאלט געווען א גאנצער "יריד". פון די ארומיקע שטעטלעך און דערפער פלעגן צו קומען אויך ווייבער, וואס שטאמען פון פרעמישלאן אויף קבר־אבות. אזעלכע, וואס האבן פארלאזט דאס שטעטל נאך דער חתונה האבן ווער א טאטן אדער סתם עפעס א קרוב אויפן בית עולם. איז די ערשטע זאך, ווען זיי פלעגן צו קומען אויפן יריד, פלעגן זיי גיין אויף קבר־אבות... שבתאי מאצאלאפ מיט זיינע בנים אויסגעפוצט יום־טובדיק פלעגן זיין באשעפטיקט די גאנצע צייט פונעם יריד אויפן בית עולם, מאכן אל מלא רחמים׳ס, אנווייזן די קברים פון די קרובים. ס׳פלעגן זיך הערן יאמערליכע קולות פון די פרעמדע ווייבער, וועלכע פלעגן אויסגיסן זייערע פארביטערטע הערצער בעטנדיק פאר זייערע משפחות, פאר געזונט, פאר פרנסה... שבתאי מאצאלאפ פלעגט מיט זיינע בנים ארומגיין צווישן די קברים זוכנדיק אויף די אלטע מצבות די נעמען פון די טויטע קרובים און דערפאר באקומען א שיינע נדבה, ווען ער פלעגט איר ווינטשן זי זאל האבן א גוטן יריד און דערלעבן איבער א יאר ווייטער מיט געזונט זיך צו זען.

ערב יריד איז דאס בית־המדרש געווען פול מיט אנגעקומענע געסט, וועלכע זענען געקומען דאווענען. די איינקלעך אויסגעפוצט אין די שבת־דיקע בגדים האבן זיך געדרייט ארום די אורחים און געכאפט פדיונים דערביי געבענטשט זיי מיט הצלחה. דער שמש האט אויך אפגעלעקט א ביינדל. נאכן דאווענען זענען זיך אונדזערע געסט צעלאפן צו זייערע ביידלעך. דער טומעל אין שטעטל האט געוואקסן פון מינוט צו מינוט.

פון אלע זייטן פון די ארומיקע דערפער קומען אן מחנות פויערים און פויערטעס אויף פירן אויך צופוס מיט עופות, תבואות, קארטאפל, אייער, ציבעלעס און אזוי ווייטער. די פויערים, אטייל אין גרויע וואלענע קאפטא־נעס אין לייווענטע תחתונים. אטייל מיט שעפסענע פוטערס מיט רויטע גארטלען, מיט שווערע שטיוול, ווייסע פונעם שטויב און אטייל־בארוועסע.

די פויערטעס מיט געבלימטע טיכלעך אויף די קעפ און לייווענטע קליידער און אלע פירן אדער טראגן עפעס אויפן יריד.

דא פירט א פויער א בהמה אויף א שטריק און א פויערטע טרייבט זי אונטער מיט א צווייגל. דארט פירט א פויער א געבונדן קעלבל אדער א ציג אויפן וואגן. פויערטעס טראגן קוישן מיט עופות, פלאקס, פוטער אין באבקי־בלעטער. די סוחרים לויפן שוין זיי אנטקעגן און שלעפן זיי אריין אין שטוב, פון וואנען דער פויער גייט שוין ארויס מיט א קעשענע געלט.

די געוועלבן זענען געפאקט מיט פויערים און פויערטעס, נעבן דיביידלעך און טישלעך שטייען זיי ארום און באטראכטן די סחורות. יידן און יידענעס מיט צעפלאמטע פנימער זענען אזש הייזעריק פון שרייען, ווייזנדיק זיי פארשיעדענע מיני סחורות און די קונים כאפן ווי פון א שרפה. נישט ווייט פונעם רינק קלויבן פויערטעס ערדערנע טעפ, קלאפן מיט די פינגער און הערן זיך צו צום קלאנג. אורי משה מילערס פאר־זיכערט זיי, אז די כלי איז גאנץ.

פויערים קויפן לעקעכלעך, לאנגע קארמעלקעס, רוקן דאס אריין אונטערן בוזים.

די זון האלט ביים אונטערגיין. די נאכט איז צוגעפאלן. א העלע לבנה קוקט ארונטער אויפן שטעטל. פון אלע זייטן קומען נאך אן פרישע טראנס־פארטן, אבער זיי גייען שוין גלייך מיט די איבריקע קיין אוניעוו. ביסלעכ־ווייז פארשווינדן די פויערים, אלעס ציט איצט קיין אוניעוו, ווי אין דער פרי פלעגט זיך דארט ערשט אנהויבן דער אמתער יריד. דער יריד דארט האט געדויערט צוויי וואכן. אין דער צייט פלעגט אין אוניעוו אויספעלן וואסער צום טרינקען. דאס דארף איז געווען באדעקט פון די פויערים, פויערטעס און זייער יונגווארג ווי פון א היישעריק.

ווען דער יריד פלעגט זיך ענדיקן, פלעגט די שטילקייט ווייטער הערשן אין שטעטל. און די סוחרים האבן אנגעהויבן צו האפן אויפן קומענדיקן יריד איבער א יאר.

שבעה נאך עפעס א יידענע

ווער האט נישט געקענט בערעלע שלייכער אדער ווי מ׳האט אים ביי אונדז גערופן בערעלע שכור. אין יענער געגנט האט מען געגלויבט באמונה שלמה, אז, ווען נישט בערעלע וואלטן אסאך מיידלעך פארזיצן ביזן גראען צאפ און אסאך בחורים וואלטן געווען געבליבן אן ווייבער ביזן טויט.

בערעלע שלייכער איז געווען א פריילעך יידל, ר׳האט זייער ליב געהאט דעם ביטערן טראפן און טאקי תמיד געווען שכור.

ער פלעגט ארומפארן אין די ארומיקע שטעטלעך רעדן שדוכים און אין וועלכער שטוב ער פלעגט נאר אריינקומען איז תיכף געווארן פריילעך. אפילו אין ארימסטן הויז, האט מען אים באלד מכבד געווען מיט א שנאפס, ווייל מ׳האט געוווסט, אז ווו בערעלע קומט אריין מוז באלד זיין א שמחה׳לע.

געווען אין שטעטל א מלמד ר׳ בנימין איינער פון די גמרא מלמדים. האט זיך ביי אים, ס׳זאל זיך נישט טרעפן, געטראפן א מיאוסע סבה. די פלונית׳טע זיינע חוה־לאה, איז פלוצעם קראנק געווארן און אוועקגע־שטארבן. עפעס א יאר פינף און דרייסיק, האט ער מיט איר אפגעלעבט, געהאט עטלעכע קינדער, וועלכע זענען אוועק קיין אמעריקא נאך ביי דער מוטערס לעבן.

נאך דער קבורה האט זיך ר׳ בנימין געזעצט שבעה ל״ע און זיין שכן און חבר לייבעלע מלמד אויך איינער פון די גמרא מלמדים, האט שוין געזארגט, ס׳זאל אלע טאג זיין א מנין צו דאווענען.

דאס איז געשען סוף זומער. דאס הייסט אין חדש אלול ס׳איז שוין געווען כמעט בין־הזמנים און לייבעלע מלמד פלעגט א היים לאזן די תלמידים זיינע אביסל פריער, כדי ער זאל קענען קומען צו ר׳ בנימינ׳ן לערנען משניות פארן דאווענען.

איינמאל נאך מעריב, ווען די מתפללים זענען זיך א היים געגאנגען און אזויווי ס׳איז געווען דאנערשטיק, האט זיך לייבעלען נישט געגלוסט א היים צו גיין פרי צו זיין פלונית׳טע ווייסנדיק, אז ער האט נישט קיין גראשן אין קעשענע, האט ער זיך אביסל צוגעזעצט און איז געווען גרייט זיך ארייננצולאזן אין א שמועסס מיט ר׳ בנימינ׳ן.

ר׳ בנימין איז געזעסן אויף אן איבערגעקערטער חדר־באנק מיטן קאפ אראפגעבויגן און אלע מאל ארויסגעלאזט א זיפץ.

— המ... צרות, זאגט ר׳ בנימין.

— אוודאי, אוודאי, נו, איז וואס טראכט איר? — איך ווייס? איר האט מסתמא עפעס שוין אין זינען? — האט לייבעלע א פרעג געטון.

— מ׳רעדט נאך גארנישט, — זאגט ר׳ בנימין.

— וואס זשע האט ד׳א געטון בערעלע שלייכער דינסטיק? הערט אויס ר׳ בנימין. א שכור איז ער טאקי בערעלע אבער א קינצלער אין זיין פאך.

— נייך, ער איז גלאט אזוי געזעסן, געקומען מנחם־אבל זייך, זי, ע״ה, האט אים תמיד מקרב געווען.

— אויב אזוי, ענטפערט לייבעלע, — דארף מען טאקי מיט אים רעדן; ער איז א מומחה אין זיין פאך, אט יענע וואך ערשט, האט ער אפגעטון א שפיצל, אפילו מעשה שקץ, אבער אויסגעפירט דאס עסק.

— אזוי? וואס — האט געפרעגט ר׳ בנימין. בערעלע, האט אים ווייזט אויס אנגעהויבן צו אינטערעסירן. — דערציילט מיר, איך בעט אייך, דערציילט.

— דאס איז געווען אין דער שיינאוועס אכסניה, ס׳זענען זיך צענויפ־געפארןביידע צדדים פון צוויי קליינע ארומיקע שטעטלעך, וואס בערעלע האט זיי צעזאמען געפירט. מיט די חתן־כלה איז בערעלע גיך פארטיק

געזוארן, ס׳איז צוגעגאנגען נישט קשהדיק,ביידע זענען זיך געפעלן. נאר מיט די מחותנים, איז געווען בלא מיט א ספאדיק. דער סכסוך איז געווען, דאס דער אבי־הכלה, האט באדארפט מסלק זיין ת״ק דאלאר במזומן, קלאפ און צייל קודם התנאים. נאר, אז דער אבי־הכלה האט דערזעען דעם חתן־בחור, רעדנדיק מיט אים עטלעכע ווערטער, האט אים אויסגעוויזן, אז דער בחור איז נישט קיין סחורה. און דערצו נאך, איז די מזומן, במחילה, אויך נישטא אין גאנצן, האט דער אבי־הכלה אנגעהויבן עפעס אונטערברומען, רעדן וועגן א וועקסעלע. מיין וועקסל טענה׳ט ער — איז אזוי גוט, פונקט ווי אן אנדערנס מזומן. נאר דער אבי־החתן, האט עפעס א דריי געטון מיט דער נאז.

וואס טוט בערעלע? געזעען, אז דאס עסק שטייט שמאל, הויפט ער זיך אויף און גייט אוועק צו ר׳ נפתלי׳, איינער פו דעם פרעמישלאנער רבינס אייניקלעך און איז אים מודיע בזה הלשון. רבי ס׳זענען זיך צוזאמען געפארן צוויי מחתנים, נישט קיין היגע: און אזויווי ביי זיי איז היינט תנאים, טאקי דא נישט ווייט, בעטן זיי אייך, איר זאלט אזוי גוט זיין און זיך מטריח זיין באשיינען זייער שמחה.

ר׳ נפתלי, האט זיך לאנג נישט געלאזט בעטן, טראכטנדיק ביי זיך זייער גוט, אריינכאפן א גוטן פדיון. האט תיכף אנגעטון די שבתדיקע קאפאטע מיטן זילבערנעם שטעקן אין דער האנט, איז ער גלייך אוועק צו דער אכסניה. אריינקומענדיק, האט ער אפגעגעבן מזל־טוב די מחותנים און געווונטשן זיי דער זיווג זאל עולה יפה זיין.

— ווו איז ערגעץ בערעלע דער שדכן? ווו איז ער? לאז מען עפעס טון... זאגט דער רבי. מזוכט דעם שדכן, אבער ער איז נישטא...

— נו, פארוואס שרייבט מען דערווייל נישט די תנאים? ס׳איז א שאד די צייט, דער עסק איז דאך שוין אפגעמאכט. און הייסט דעם חתן זעצן אויבן אן.

דער חתן האט געפאלגט דעם רבין, זיך אוועקגעזעצט אויבן אן. דער אבי־החתן, האט זיך עפעס אפילו ווי א קרים געטון: נאר ס׳האט נישט געפאסט עפעס פארן רבין, אהער־אהין, געבראכן זיך, געקוועטשט זיך, די תנאים האט מען אויפגעשריבן. דער רבי האט מיט זיין פאטשיילע ביי די

ר׳ לייבעלע מלמד

צדדים מקבל־קנין געווען און ווי נאר מ׳האט צעבראכן דעם טעלער, איז, בערעלע אריין מיט א כוסה אין דער האנט: מזל־טוב מחותנים! לחיים, — לחיים!...

— איר זעט, ר׳ בנימין, דאס איז בערעלע שלייכער! ר׳ בנימין האט זיך שטארק צעלאכט. דאס איז א גרויסע שקאצעריי, האט ער געזאגט — רופן ר׳ נפתלין סתם אזוי, נאר א בריה׳שאפט איז דאס, יא, א בריה איז ער בערעלע!

אוועקגייענדיק פון ר׳ בנימין, האט לייבעלע ביי זיך געטראכט, שבת בייטאג זיך צו זען מיט בערעלע שלייכער און רעדן מיט אים מכח א שדוך פאר ר׳ בנימינ׳ן. נאר זיין טראכטן איז געווען אומזיסט, ווייל פרייטיק אין דער פרי איז בערעלע שלייכער געקומען צו מנין מיטן טלית און תפילין. נאכן דאווענען, ווען דער עולם איז זיך א היימגעגאנגען, האט בערעלע זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול. לייבעלע, האט זיך אויך נישט געאיילט א היים צו גיין. גענומען עפעס א ספר און פשוט אזוי אריינגעקוקט. נאר בערעלע האט א פנים אויך צייט געהאט, ער זוכט א חומש צווישן די ספרים און פרעגט זיך אליין, צי גייט היינט נצבים־וילך איניינעם? לייבעלע, האט א פנים פארשטאנען, אז בערעלע וויל עפעס שמועסן מיט ר׳ בנימינ׳ן און וויל דאס נישט אין זיין געגנווארט, אבער אוועקגיין, האט לייבעלע נישט געוואלט. ערשטנס, איז ר׳ בנימין זיין מענטש און האט שוין מיט אים מכח דעם גערעדט; צווייטנס, אויב ס׳מאכט זיך יא עפעס, אפשר קען מען זיך צוטשעפן און עפעס פארדינען. עטלעכע זלאטעס גייען נישט צו פיס, בפרט ס׳גייט צו ימים־טובים. די עטלעכע זלאטעס, וואס ער באקומט פון דער קלויז פאר זיינע תקיעות, קלעקן קוים אויף ראש־השנה; און ביז סוכות, איז אלע מאל טאקי ביטער. נאר גיי רעדט מיט בערעלע שכור, ער איז דאך א לײדיקגייער, ר׳האט געגוג צייט. מ׳דארף אבער פארט מיט אים איבערשמועסן.

— וואס זאגט איר בערעלע מ׳דארף עפעס טראכטן פאר ר׳ בנימינ׳ן?

— פאר ר׳ בנימינ׳ן? ענטפערט בערעלע, — דאס איז שוין ביי מיר א פארטיקע זאך, א געמאכטער עסק.

— פון־וואנען? ווער איז זי? — פרעגט לייבעלע.

— פונוואנען? טאקי פון סטרעליסק. איר קענט סטרעליסק?

— וואס פאר שאלה? צי קען איך סטרעליסק? מיין שוויגער, האט דאך געשטאמט פון סטרעליסק. אוודאי קען איך סטרעליסק. וואס איז זי אן אלמנה? א גרושה? אדער גאר א — — — ?

— אן אלמנה, ר׳ לייבעלע, אן אלמנה. חיים שוחט — האט איר געהערט אין סטרעליסק, און די אלמנה איז טאקי זיין שוועגערן. וואס זאגט איר ר׳ לייבעלע? הא! גוט?

— נו, ענטפערט ר׳ לייבעלע און פארטראכט זיך אביסל, — מ׳קען נאכפרעגן, מ׳קען שרייבן צו מיין שוויגערס משפחה. איך וועל דאס איבער־שמועסן מיט ר׳ בנימינ׳ן.

בערעלע האט אפילו תיכף באמערקט, אז דער מלמד שטופט זיך עפעס צופיל אריין אין דעם עסק: נאר האט ביי זיך געטראכט, אז ס׳לוינט זיך אים דער מלמד זאל אפילו עפעס פארדינען ביי דעם געשעפט, אבי דער שדוך זאל גרינג צו גיין.

— אדרבה, אדרבה, — זאגט בערעלע גיך, רעדנדיק פאנפענדיק אונטער דער נאז, ווי זיין שטייגער איז געווען, — נו, נו, ר׳ בנימין: טוט עפעס אין דעם עסק, אט קומען אן די ימים־נוראים, ימים־טובים, אסיען צייט, שלעכטע וועטערן — וועט זיין שווער. איצט איז די בעסטע צייט. טוט, טוט עפעס! א ווייבל, א יידענע, א יאר פערציק אפשר עפעס מער, א גוטע בעל־הבית׳טע אן עקרת־הבית.

ר׳ לייבעלע האט זיך דורכגעשמועסט מיט ר׳ בנימינ׳ן און ר׳ בנימין האט אים געהייסן עפעס ווי מיט א לשון־בקשה שרייבן קיין סטרעליסק אנפרעגן וועמענס ווייב זי איז געווען.

בערעלע שלייכער האט געזעען אז ר׳ לייבעלע קען אים טאקי צונויף קומען אין דעם עסק, האט ער אים טאקי אריינגענומען אלץ שותף און נאר מיט לייבעלען גערעדט די גאנצע צייט.

כך־הוה, לייבעלע מלמד האט באקומען א שרייבן פון סטרעליסק, אז די אלמנה׳ס מאן איז טאקי געווען חיים שוחט׳ס ברודער. איז דאך שוין

נישטא. וואס צו רעדן פון יחוס, דער שדוך פאסט זיך טאקי פאר א לייטעשן ייד, ווי ר׳ בנימין איז.

און לייבעלע איז טאקי נישט געשלאפן, נאר אנגעגארטלט זיינע לענדן, ווי מ׳זאגט און געארבייט אין דעם ענין ווי ס׳דארף צו זיין. צווישן אונדז גערעדט, האט לייבעלע גאנץ ווייניק געדארפט הארוועו. ר׳ בנימין, האט אליין פארשטאנען אז אן א בעל־הבית׳טע איז נישט גוט, בפרט, אז ס׳גייען אזוינע יום־טובים. ער איז נישט געווען געוווינט צו זיין אן א יידענע אין שטוב, אן א בעל־הביתטע. הקצור, מצדו איז כאטש נעם שוין, פאר און ברענג די יידענע, זאל זי פירן דאס בעל־בתישקייט, ווי זי ע״ה.

די ערשטע סליחות איז בערעלע געקומען און האט געוויזן ר׳ בנימינ׳ן א בריוו פון זיין פריינט אויך א שדכן פון סטרעליסק, וועלכער שרייבט בפירוש בזה הלשון: די אלמנה מ׳סטרעליסק ביום ד׳ דסליחות, וועט זיין איה״ש אין בויבעריק על היריד, זאלט איר קומען מיט המדובר ר׳ בנימין ואם מד׳ יצא הדבר, וועלן מיר טאקי דארט שטעלן א חופה.

ר׳ בנימינען איז דאס זייער געפעלן. ער פארט דאך נאר אויפן יריד, ווי אזאך מאכט זיך. יא, יא, נישט נישט, און קיינער וועט אפילו נישט וויסן דערפון. נאר כדי ס׳זאל אויסזעען בעל־ביתישער, האט ער מיט זיך מיט־גענומען לייבעלע מלמד. פארט איז לייבעלע ווי א בן־עיר מיט דער יידענע, עפעס א שטיקל שייכות צו סטרעליסק דורך זיין שוויגער.

לייבעלע, האט זיך לאנג נישט געלאזט בעטן און טאקי, תיכף מסכים געווען צו דער נסיעה. בערעלע האט נאך צוגעגעבן, אז ס׳איז זייער נויטיק לייבעלע זאל מיטפארן, ווויסנדיק, אז ער קען אסאך העלפן דער שדוך זאל גרינגער צוגיין.

אלע דריי זענען בשלום אנגעקומען קיין בויבעריק און טאקי באלד זיך געטראפן מיט דער יידענע. די זעלביקע נאכט נאך האט מען געשטעלט חופה. לייבעלע מלמד, איז טאקי זייער צונוץ געקומען, ער האט געשריבן די כתובה און אויך מסדר קדושין געווען.

בערעלע האט צונויפגערופן א מנין און סטרעליסקער בעלי־עגלות האבן געהאט אן אימזיסטיקע, וועטשערע און מ׳האט אויך געבענטשט מיט מנין.

אין דער זעלביקע נאכט איז ר׳ בנימינ׳ס נייע ווייב אוועקגעפארן צוריק קיין סטעריליסק כדי אויפצוגעבן איר קרעמל און מיטברענגען אירע חפצים.

ר׳ בנימין האט געבעטן לייבעלען ער זאל זי צורעדן, זי זאל וואס גיכער זעען צו ערלעדיקן אירע עסקים, כדי אויף ראש־השנה זאל זי שוין זיין ביי אים.

ס׳איז אפילו געווען סוף חדש, א פינצטערע נאכט, דאך איז דאס נייע ווייבל, כביכול א יידענע פון עטלעכע און פופציק (אויף בערעלע׳ס ווארט האט מען געקענט אלע מאל צולייגן נאך צען יאר) געלאזט זיך אין וועג אריין קיין סטרעליסק.

ס׳טוט זיך אבער נישט ווי ס׳רעדט זיך. אין צוויי דריי טעג, האט זי נישט געקענט ערלעדיקן און אויפגעבן דאס קרעמל, דערצו, האט זי נאך געהאט עטלעכע זלאטעס חובות און דא גייט ראש־השנה.

די יידענע איז, נעבעך, ארומגעלאפן, געוואלט פטור ווערן פון דעם ביסל סחורה, נאר א נעבעכיקער טאג! פאר ראש־השנה האט זי בשום אופן נישט געקענט פארטיק ווערן. זי איז, נעבעך, געבליבן אן כוחות פון עגמת־נפש און הארצווייטיק. צו די אלע צרות, האט זי זיך צוגעקילט, ווייל אויפן וועג א היימפארנדיק האט אנגעהויבן שטארק צו רעגנען און אונדזער כלה איז, במחילה, געווארן פיטש נאס.

ראש השנה, איז אונדזער יידענע געגאנגען אין שול, געשטאנען דאס לעצטע מאל אויף איר ארט, נאר, צווישן אונדז גערעדט מער געזעסן ווי געשטאנען, זי האט זיך נישט גוט געפילט. דער קאפ האט איר ווי געטון אין די פלייצעס האט איר געשטאכן. דעם אנדערן טאג נאך די תקיעות, האט מען זי א היימגעפירט אין גאנצן פארענדערט.

ווען דער רופא דוד׳ל איז צוריק געקומען אין שול, האט ער דערציילט, אז אונדזער יידענע איז מסוכן קראנק. פאר נעילה האט פייגע דעם רופא׳ס ווייב דערציילט אין שול, אז ביי דער קראנקער איז דער דופק זייער שוואך. — און חול־המועד סוכות איז געווען איר לויה.

מוצ״ש־בראשית, האט לייבעלע מלמד אפגעשיקט מיט א שיקסע א בריוול, צו ר׳ בנימינ׳ן, וואס ר׳האט געקריגן פון סטרעליסק. און ר׳ בנימין האט זיך, נעבעך, ווידער געזעצט שבעה.

לייבעלע מלמד איז געקומען אלע טאג און האט צונויף־געשלעפט א מנין.

און ווען מ׳האט געפרעגט ר׳ בנימינ׳ן נאך וועמען זיצט איר שבעה? נאך וועמען? האט ער געענטפערט, איך ווייס? נאך... נאך עפעס א סטרעליסקער יידענע...

א ייד מוז האבן אן אשה

קיין סטרעליסק איז ר׳ בנימין געפארן
געמיינט ר׳האט שוין געפונען זיין גליק,
נישט לאנג געדויערט, א יידענע געטראפן.
זי איבערגעלאזט, אליין געקומען צוריק.

געהייסן האט דאס בלויז אויף עטלעכע טעג,
ביז זי וועט אלעס פארזארגן,
זי איז אבער אויף תמיד אוועק.
אין א שיינעם טאג אפגעשטארבן.

ר׳ בנימין איז שבעה נאך איר געזעסן
— מיט לייבעלען גענומען איינשמועסן
אין דער יידענע כמעט שוין פארגעסן.
און תיכף דעם שדכן געלאזט וויסן.

פאר א ייד א למדן איז א בושה
האט ער אים געגעבן צו פארשטיין
א ייד מוז האבן אן אשה
פון דער תורה א חטא צו פארבלייבן אליין.

א סטרונע האט געפּלאַצט

שבת בין השמשות... אסיען צייט. א גרויער הימל קוקט אראָפּ אויפן שטעטל. טונקעלע וואָלקענס הילן אין די קליינע ארימע יידישע הייזלעך אין טרויעריקע מחשבות... די בלאַטיקע געסלעך שטייען פאַר־זונקען אין געדיכטע שאָטנס. פון די פענצטער זעט מען נאך קיין ליכט נישט ארויס.

דער וואַנט זייגער קלאַפּט זיין הייזעריקן טיק טאַק, פירנדיק דעם חשבון פון אונדזערע טעג און יאָרן. וואָס געדיכטער די וואָלקענעס ווערן, אַלץ פינצטערער ווערט אין שטוב...

די מאַמע מיינע זיצט אין א ווינקל נישט ווייט פונעם פענצטער און שעפּטשעט גאָט פון אברהם, גיסט אויס איר האַרץ פאַר דעם באַשעפער. איך שטיי צוגעטוליעט צו דער מאַמען און מיין האַרץ קלאַפּט מיט א שטילן פחד.

פון דערווייטנס טראָגט זיך א טרויעריקער גלאָקן קלאַנג פונעם קלויסטער באַם־ב״ם. אין דרויסן איז א שרעקלעכער ווינט. דער באַרן־בוים נעבן הויז נעמט רוישן און די עטלעכע געלע פאַרבליבענע בלעטלעך שעפּטשען זייער אסיען ליד.

דער טאַטע זיצט ביים טיש און זיפצט. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס זיין זיפצן באַטייט; יאָסעלע, עלי בראַנדווײנס יונגסטער זון האָלט זייער שמאָל. און יעדע מינוט קען מען דערוואַרטן דאָס ערגסטע...

— הערשעלע, קום צו עלי בראַנדווייַן! רופט מיך דער טאַטע (עלי בראַנדווייַן איז געווען אונדזערס אַ קרוב). יאָסעלע בראַנדווייַן איז געווען זייער באַליבט בייַ יעדן איינעם אין שטעטל.

ר׳איז אַלט געווען אַ יאָר פיר און דרייסיק. שלאַנק געוואַקסן און אינטעליגענט אויסגעזען, מיט טיפֿע פאַרחלומטע קלוגע אויגן און אויף זייַנע ליפּן האָט מען תמיד געקענט זען אַ ליב שמייכעלע, ספּעציעל ווען ר׳האָט געשפּילט אויף זייַן פֿידעלע.

זייַן פֿאָטער עלי איז געווען אַן אויסגערופֿענער פֿידלער. אין שטעטל האָט מען אים גערופֿן עלי קלעזמער.

ווען יאָסעלע איז נאָך געווען געזונט, פֿלעגט ער נישט איינמאָל אין אַ שבת צו נאָכטס אויסשפּילן פֿאַרשיידענע פֿאָלקס שטיקלעך און אין דרויסן אַרום דער שטוב פֿלעגן שטיין מענטשן קאָפּ אויף קאָפּ זיך צו הערן צו זייַן שפּילן און ממש נתפּעל ווערן.

איינמאָל אין אַ קאַלטן ווינטער טאָג איז יאָסעלע אַרויס אין גאַס אָן אַן אויבער מלבוש, האָט זיך צוגעקילט און די סוכאָטע באַקומען.

מ׳איז געווען מיט אים בייַ פֿאַרשיידענע דאָקטוירעם און ס׳האָט נישט געהאָלפֿן. ר׳איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג אַלץ קראַנקער. און איצט האַלט ער זייער שלעכט . . .

די מאַמע מייַנע טוט מיר אָן דאָס מענטעלע און וויקלט מיר אַרום דעם האַלז מיט אַ שאַליקל. דער טאַטע נעמט מיך פֿאַר דער האַנט און מיר גייען צו עלי בראַנדווייַן.

בייַ עלין אין שטוב איז נאָך פֿינצטער, ס׳הערט זיך פֿון אינעווייניק אַ שטיל געוויין, איך דערקען יאָסעלעס מאַמעס קול . . .

בייַ דער וואַנט אויף אַ בעטל, איז יאָסעלע געלעגן און געהאַלטן אין איין כאָרכלען. נעבן בעט איז געזעסן ציפּע, זייַן מאַמע, און געוויינט. עלי, זייַן פֿאָטער, איז געזעסן בייַם טיש, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און געזיפֿצט.

ציפע דערציילט, אז דער דאקטאר האט אים שוין גארנישט געהייסן געבן — און זי צעווײנט זיך...

מיין טאטע הייסט איר ארײנגיין צו א שכנה; ער זאגט, אז איר וויינען מאכט דעם קראנקן ערגער. און עלין נעמט ער אן ביים ארעם און פירט אים ארײן אויך צו א שכן...

דער רעגן האט געקלאפט אין די שויבן און דער ווינט האט געפײפט ביי די פענצטער. איך בלייב אליין מיטן חולה. אין שטוב איז נאך אלץ פינצטער. דער חולה ליגט אײנגעקארטשעט און כארכלעט.

א מוראדיקער אומעט האט געהערשט ארום מיר. ס׳האט זיך מיר געדוכט, אז אין יעדן ווינקל קוקט עמיצער אויף מיר. —

אין מיין קינדערישער פאנטאזיע טאנצן פאר מיר טויזנטער משונה׳־דיקע געשטאלטן, מיט פײערדיקע אויגן און אפענע פלאמענדיקע מײלער.

מיין מוח ארבייט אויף אלע כלים... און איך פיל אז כ׳וועל ממש אויסגיין פאר פחד.

אין דרויסן הויבט א הונט אן צו בילן... מיט עפעס אזא מוראדיק וואיען, געווי ווי ער וואלט עפעס א שרעקלעכע זאך דערזען.

אין שטיבל איז שטיל, אפילו דאס כארכלען פונעם חולה ווערט דוכט זיך שטילער. אויפן קישן וווּ דער חולה איז געלעגן, האט געגעבן א בלאסק און ס׳האט זיך באוויזן א בלאסע שטראל. דאס האט מען ביי א שכן א ליכט אנגעצונדען.

דער שטראל הויבט אן ארומפלאטערן דעם חולה אויפן קאפ איבער זיינע שווארצע צעשויבערטע האר. ס׳פארגרעסערט זיך דער שטראל און הויבט אן קלעטערן אויף דער וואנט ווו דעם חולה׳ס פידל הענגט. אין דער מינוט דוכט זיך מיר, אז איך זע יאסעלעס בלייכע פינגער אויפן פידל, ווי ער שפילט זיינע זיסע נגונים. האלט דאס אויף דער שויס — ווי א טרייע מאמע איר הארציק בן־יחיד׳ל — ארומטאנצנדיק מיט זיינע פינגער איבערן העלזל ביז ער שטעלט אפ דעם ריכטיקן טאן. און אויב דער טאן געפעלט

אים בישט האט ער זיין בן־יחיד׳ל אנגעדרייט די אויערן צוגעטוליעט צו זיין ברוסט, צוגעלייגט די באק — און זיין בן־יחידל, דאס פידעלע האט גענומען רעדן... דערציילן שיינע מעשות פון געליטענע נשמות, וואס ווילן זיך באפרייען פון זייערע צרות. און אט הויבט דאס פידעלע אן צו זינגען טרויעריקע נגונים און זיי גיסן אויס הארציקע תפילות.

און באלד הויבט דאס פידעלע אן צו פליען אין די הויכע הימלען, ביז סדערגרייכט דעם כסא־הכבוד און לאזט זיך פון דארטן ארונטער מיט גאלדענע חלומות...

גליקליך איז יאסעלע געווען, ווען ר׳האט געקענט חלומ׳ען זיינע גאלדענע חלומות. און פון זיין ליבן בן־יחידל ארויסקריגן די טיפסטע סודות! — — —

דער בלאסער שטראל פלאנטערט זיך נאך אביסל צווישן די סטרונעס, שפרינגט אפ צוריק אויפן קישן און בלייבט אויפן פנים פונעם חולה ווי פארגליווערט.

איך זע ווי דער חולה הויבט זיך אן צו באוועגן; איך גיי צו נענטער צו אים — ער פרווט זיך אויפזעצן. דרייט אויס דעם קאפ צו מיר. איך דערשרעק זיך נאך מער; זיין פנים איז געווען ווי פון וואקס אויסגעגאסן; זיינע אויסגעמאגערטע באקן איינגעפאלן; די אמאליקע טיפע, קלוגע אויגן איינגעגראבן און אן א פונק פון לעבן.

דאס הארץ זיינס האט שטיל געכריפעט... ס׳האט זיך מיר געדוכט, אז אט אט וועט ער אין גאנצן שטיל בלייבן...

איך פרעג אים אויב ער וויל עפעס. ער דערקענט מיך. זיינע טויטע בלייכע ליפן באוועגן זיך און מורמלען עפעס. איך בויג זיך צו נענטער צו אים און הער ווי ער פרעגט:

— וו־ו א־י־ז די מא־מ־ע?

איך ענטפער אים, און ער מורמלט ווייטער:

— ג־י־ב מ־י־ר מ־יי־ן פ י ד ל...

איך שטעל זיך אויף א בענקל, נעם ארונטער די פידל פון דער וואנט און דערלאנג אים. די פידל פאלט ארויס פון זיינע הענט און בלייבט ליגן מיט די סטרונעס אראפ.

איך האב זי תיכף אויפגעהויבן און אנידערגעלייגט פאר זיינע אויגן מיט די סטרונעס ארויף.

זיינע שוואכע בלייכע הענט האבן זיך גענומען באוועגן... מיר האט זיך געדוכט, אז דאס פידעלע, דערפילנדיק אויף זיין העלזל יאסעלעס קאלטע פינגער, — האט באקומען א קורצן אטעם און אנגעהויבן כארכלען פונקט ווי דער חולה... און סדוכט זיך מיר, אזביידע גוסס׳ן...

מיטאמאל הער איך א שטארקן קרעכץ פון דער פידל און כ׳פריי מיך, טראכטנדיק ביי זיך, אפשר פילט ער זיך שוין בעסער? און וועט נאך געזונט ווערן און ווידער אויסגיסן פון זיין פידעלע הארציקע נגונים?

מיין שמחה איז פלוצעם אוועק... דער חולה האט מיטאמאל פאר־ווארפן דעם קאפ אין א זייט.

איבערן שטיבל האט זיך פאנאנדער געטראגן א מוראדיקער כארכלען וואס אמאל אלץ שטילער. פלוצעם גיט ער זיך א צאפל; דאס פידעלע פאלט צו צו דער וואנט...

דעם חולה׳ס טויטע האנט אויפן פידעלע. און ס׳הערט זיך פלוצעם א קנאק! — — —

א סטרונע האט געפלאצט.

אין א אסיען נאכט

אין דער לופט הענגט דער קאלטער אסיען,
אין טונקלע שטיבער שוועבט א מרה־שחורה,
יונגע בוימער שטארבן, גראזן וויאנען,
אנגעקליידט אין טרויער, קומט ער מיט מורא...

בייזער אסיען ווינט, וואס וועסטו דערציילן?
וועמען וועט דערפרייען דיין קאלטער גרוס אצינד?
ווען אין שטוב הערט מען זיפצן
טאטע מאמע נאך אן איינציק קינד.

דער טאטע שטיקט אין זיך א געוויין,
דער מאמעס אויגן זענען פון וויינען רויט,
אין דער לופט הענגט דער אסיען,
שטוב באוויינט יאסעלעס טויט.

כ'האב קיין גוטע גרוסן נישט געבראכט,
לאז אלעס איבער, קום מיט מיר.
איך בין געקומען רופן דיך אין אסיען נאכט,
מעןווארט שוין דארט איצט אויף דיר.

Copyright by Mandelkern, N. Y. כפרות שלאגן

יום כפור אין דער היים

ס'איז ערב יום־כפור פארנאכט. יידן, מיט פייכטע בערד און פאות לויפן פון דער מקוה גלייך אהיים אדער אין בית־המדרש אריין נאך ארייננצוכאפן גיין און דרייסיק שמיץ. א טייל גייען שוין מיטן פעקל מחזורים און טליתים אונטערן ארעם און מיט וואקסענע ליכט אין דער האנט.

אין בית־המדרש איז אויסגעבעט מיט היי, דא און דארט שטייען יידן און קלאפן זיך אין הארץ "על־חטא" אנדערע שטעלן אויס די וואקסענע ליכט אין קעסטעלעך, וואס זענען אנגעפילט מיט זאמד.

דער שמש שטייט נעבן שולחן מיט א פאסעק אין דער האנט און טיילט אויס בעלי־בתים צו גיין און דרייסיק שמיץ יעדן, זאגנדיק דערביי א פסוק. — פאר דעם באקומט ער א פאר גראשן.

אין פאליש זענען אויסגעשטעלט "קערות" פאר פארשיידענע מיני צדקה און יעדער איינער, וואס קומט אריין, ווארפט אין די קערות אריין א ביסל מינץ און ס'ווערט אים לייכטער אויפן הארץ...

די לעצטע שטראלן פון דער זון שפיגלען זיך אפ אין די שויבן. אין בית־המדרש ווערט הייס פון די הונדערטער וועקסענע ליכט, וואס ברענען אויף די טישן אין קעסטעלעך מיט זאמד און אין ליימענע טעפּ. די ברענענ־דיקע ליכט אין די ענגלייכטער גיסן זייער שיין אויף די יידן אין די ווייסע קיטלען, וואס שאקלען זיך, יאמערן אין פארטומלען מיט זייערע געשרייען די יללות, וואס טראגן זיך פון דער ווייבערשער שול...

אויפן ארון קודש הענגט א ווייס פּרוכת, מרמז צו זיין, אז אונדזערע זיגד וועלן ווערן ווייס ווי שניי!



דער בעל־מוסף

דער עולם זאגט "תפלה־זכה" און פלוצעם ווערט שטיל אין א פחד פאלט אויף יעדן. און אט ברעכט אויס דער ערשטער דונער. — "על דעת המקום ועל דעת הקהל"... פאר דעם עמוד שטייט ר' מאירצי און זאגט מיט א קול, וואס מפילט אין דעם קברות־בלעטלעך. ס'גיט א ריס ביים הארץ — ביין די ווערטער זענען גישט חלילה אזוי שרעקלעך, נאר זיי דערוועקן עפעס אן אימה און א פחד — יום־כפור קומט, דער יום־הדין...

"על דעת המקום ועל דעת הקהל" חזר'ט ר' מאירצי ווידער איבער, די אימה און פחד ווערן שטארקער אויפן עולם. און אט דערהערט מען שוין דעם שליח־צבור'ס: הא־הא־הא־הא־הא כל־נדרי... אלע האלטן איין דעם אטעם, אלעמענס אברים ווערן ווי אפגעשטארבן פון שרעק און מ'פילט ווי דער מוראדיקער גאסט איז שוין דא...

דער שליח־צבור אין ווייסן קיטל דעם קאפ אונטערן טלית מיט פאר־גלאצטע אויגן פארריסן ארויף, ביידע הענט אויסגעשטעלט געגן די ליכט, וואס ברענען אויפן עמוד. קרעכצט ער אלץ שטארקער און שטארקער אזש צעברעכט די הערצער ביים עולם; אזוי ביז ס'קומט צו קריאת־שמע. נאך א לאנגן אויסציען דאס ווארט "אחד" ווילט זיך זאגן דעם בלחשדיקן "ברוך שם כבוד" נאר פון אלע זייטן הערט מען ש־ש־ש! און פלוצעם דערהערט זיך פון אלע מיילער דאס געשריי: "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" אזש די ווענט הויבן אן צו ציטערן און די פלעמלעך פון די ליכט הויבן אן צאנקען פאר שרעק...

ר' משה אהרן שטערנהיים, מיט זיין ברייטע, לאנגער, ווייסער בארד, שטייט מיט ביידע הענט אנגעשפארט אן דער וואנט, די אויגן פארמאכט, שאקלט דעם גרויען קאפ אונטערן טלית אין וויינט אזוי רחמנותדיק. נעבן אים זיין שכן, ר' יעקב לייזער, שאקלט זיין לאנגע פיגור אהין און צוריק, רעכטס און לינקס און כליפעט. מיטאמאל טוט ער א פאטש אין די הענט און שרייט מיט א קול: "ג־ווא־א־לט"! גלייך ווי ער וואלט זיך מיט אמאל דערמאנט אן א שרעקלעכער עבירה, וואס ר'איז באגאנגען... פאטער־הארציקער, וויי־וויי! — הערט מען יהושע פריידעלעס וויינענדיקע שטימע. אי־אי־אי־א־א! — שרייט פון א ווינקל ר' ישראל מיילעך מיט זיין קוויטשעדיקן קול, וואס ווערט אונטערגעכאפט פון אלע. פון דעם וויבערשן בית־המדרש הערט מען ילולות, וואס צוברעכן ממש דאס הארץ.

M. LEON בעל־קורא

איצט זעען אלע באשיינפערלעך קלאר, וואס ארום טוט זיך. דער שטן, וואס מיר האבן נישט קיין מנוחה פון אים א גאנץ יאר און וועלכער גרייט זיך איצט אויף א פיינעם ירידע, ארויסצוליייגן א גאנצן פאק מסירות אויף יעדן איינעם, איז פלוצעם צעטומלט געווארן און הערט שוין גארנישט, וואס ס'קומט דא פאר... דער שונא איז שוין האלב באזיגט...

דער קרעכצעדיקער "כל נדרי" האט אים דערלאנגט א גוטן קלאפ. און מ'דארף נאר זעען נישט צו דערלאזן, אז ער זאל ווידער קומען צו זיך...

דערוואַרימט פונעם ערשטן נצחון, הויבט דער עולם אן צו דאווענען נאך מיט מער כונה. די התלהבות שטארקט זיך און מ'קען פילן ווי יעדעס ווארט פון דער תפלה גיט דעם שטן א טויט־קלאפ.

איצט גייט שוין אן א פייערדיקע מלחמה. די הענט טרייסלען זיך אין דערלופטן, די אויגן פאררייסן זיך צום הימל און מ'טאר נישט געגעצן...

נעבן דער טיר שטייט וועלוועלע שלום משה'ס אין ברילן, ציפט מיט זיינע פינגער זיין געקרייזלט בערדל, האלט א מחזור אין דער האנט קוקט אריין און בוועגט מיט די ליפן. נעבן אים שטייט דער רויטער פישל מיט קופקעלעך רויטע האר אויף די באקן, האלט א פינגער אין דער נאז, דרייט אים מיט א פארטראכט פנים און קוקט אריין אינם מחזור. אלעמאל הויבט ער זיך אן צו שאקלען דעמאלט נעמט ער דעם פינגער פון דער נאז ארויס און זאגט מיט התלהבות די תפילות. זיין קרעכצנדיק קול גיסט זיך צונויף מיט די קולות פון די אנדערע און טראגן זיך צום הימל...

געענדיק תפילת־ערבית, אפגעזאגט דעם שיר־היחוד, ווילט זיך גאר קיינעם נישט א היימגיין, ווי מ'וואלט מורא געהאט, אז איבערנאכט וועט דער שטן ווידער אנקלויבן נייע עבירות און אנמאכן, חלילה, א פרישע צרה...

אריינקומענדיק אין דער האלב פינצטערער שטוב, וווּ ס'ברענט דאס יום־כפור ליכט, כאפט עפעס אן א ציטער; און מיט א דערשלאגן געמיט נעמט מען זיך זאגן די ערשטע פאר קאפיטלעך תהלים.

אין די יידישע הייזער זיפצט מען פון די געלעגערס. די ליכט אין די לייכטער צאנקען. און ווען א ליכט גייט אויס, רופט זיך אן די באבע מיט שרעק; ס׳איז אויסגעגאנגען — אוי! צי האט זיך א נשמה, חלילה, נישט פארלאשן ?... ווער ווייסט ? — — —

אויפגעשטאנען "כאור־הבוקר״, אפגעגאסן נעגל־וואסער, נישט ארומ־געוואשן לויפט מען גלייך אין בית־המדרש אריין.

אויפן הימל שווארצע וואלקנעס, זיי ציען זיך, לויפן ווי אין א שליחות. זענען דאס גוטע מליצים אדער, חלילה, שלעכטע ?

דער שלאף האט איבער נאכט אביסל אפגעקילט דאס פייער, וואס דער "כל־נדרי״ האט אנגעצונדן. מ׳זוכט די נעכטיקע התלהבות, אבער ס׳גייט נישט מיט געוואלד — — —

דעם גאנצן טאג איז אין שטעטל שטיל ווי אויף א בית־עולם. אלע זענעןביים דאווענען אויסער די מיידלעך און די קליינע קינדער. די מייד־לעך פאסטן אויך, און זייערע פנימער זענען בלייך און די הערצער זענען אויך צו גאט געווענדעט...

שפעטער אביסל צווארימט זיך דער עולם, נאר דער נעכטיקער ברען און דער פחד קערן זיך מער נישט אום. מ׳האט זיך שוין צוגעוווינט צום אימה׳דיקן גאסט... אויך די מורא איז שוין נישט אזוי שטארק.

יעדע מינוט הויבט זיך אן אנדערער אויף פון זיין שטאט און גייט געוואר ווערן. וווּ ס׳האלט דער חזן פון דער שול. אטייל זענען אויך נישט מקפיד און זעצן זיך אין טלית אויף א שטיין אין דרויסן זיך אפרוען.

פאר די יינגלעך איז פריילעך. לויפן ארום אין בית־המדרש מיט פלע־שעלעך טראפנס פון איינעם צום אנדערן און זענען זיי מכבד מיט א שמעק...

אין דער עזרת־נשים חלשט א יונג ווייבל, לויפן זיי תיכף אויסגעפונען ווער עס איז, כדי צו ברענגען די בייעס צו די מאנסבילן — — —

צו מוסף לאזט זיך שוין דער תענית פילן. פנימער זענען ווייס און ליפן צושפאלטן. דער טאג רוקט זיך ביסלעכווייז אוועק. ס׳ווייזט אויס אז מ׳ווארט שוין אומגעדולדיק אויף דעם זון אונטערגראנג.

צו נעילה פאלט אן נאך א שטארקערער פחד. איצט ווערט דאס צעטל גע׳חתמ׳עט, אבער ס׳איז נאך דא צייט תשובה צו טון. אין בית־המדרש ווערט א יללה. מ׳נעמט צונויף די לעצטע כחות. ס׳טראגט זיך א יאמער פון דער עזרת־נשים. מ׳פארגעסט אין גאנצן דעם תענית און מ׳פארגיסט ביטערע טרערן.

די שאטנס אויף די ווענט פארגרעסערן נאך מער דעם פחד. ביי א טייל מתפללים זענען שוין די קולות הייזעריק, דער עולם האלט זיך אין איין צעווארימען אלץ שטארקער און שטארקער...

דער שליח־צבור שטייט פאר דעם עמוד. די פיס בויגן זיך ביי אים אונטער פאר שוואכקייט, ער איז שוין הייזעריק, אבער ער האט נאך טרערן און דעם הארציקן יידישן קרעכץ.

אהרעלע פעפער, א קליין יידל מיט א ווייס בערדל און פארוויינטע רויטע אויגן, רוקט זיך איצט צו נענטער צום עמוד, ווו ער האט זיין שטאט און הויבט אן אונטערצוהעלפן. לאזט הערן זיין קוויטשעדיק קולכל איבערן בית־המדרש. דער שליח־צבור ווערט אויך לעבעדיקער און דער גאנצער עולם העלפט אים מיט.

אפגעדאווענט נעילה, גליכן אלע אויס די פלייצעס: א שווערן בארג איז מען אריבערגעקומען. די טליתים גליטשן זיך שוין אראפ פון די קעפ און יעדער איינער פילט ווי ער וואלט איצט פונעם שלאף אויפגעשטאנען...

פלוצעם טוט עפעס ווי א בלאז א פריש ווינטעלע איבערן בית־המדרש — באלד איז שוין נאך יום־כפור. ביי אסאך ווייזט זיך א פריילעכע מינע אויף די בלייכע פנימער. א טייל שטייען שוין אין דרויסן און היטן דעם הימל, אז דריי שטערן זאלן זיך שוין באווייזן.

אויף די הערצער ווערט עפעס אזוי גרינג. מ׳ווייגט שוין נישט מער, דעם וואכנדיקן מעריב האט מען אפגעכאפט און איידער מ׳האט זיך ארומגעקוקט איז שוין דאס דאווענען געענדיקט...

אבער א היימגיין גייט מען נאך אלץ נישט. מ׳דארף ווייזן פאר דעם רבונו של עולם, אז מ׳וואלט געקענט פאסטן נאך אסאך לענגער, ווען מ׳זאל דארפן...

מ׳בלייבט שטיין אין דרויסן פארן בית־המדרש, כדי מחדש צו זיין די לבנה.

ביים ארייגשלאגן דעם ערשטן נאגל צו דער סוכה איז שוין די מורא פון יום־כפור אין גאנצן פארביי...

דער מאמעס תפילה

ווי אן עכא הער איך כליפן,
שטיל מיין מאמען ביי די ליכט,
אין מיין זכרון טוט נאך זשיפן.
די תפילה פאר די יום־כפור ליכט.

ס׳שווימען אויף אין מיין זכרון,
דער מאמעס לאנג געשענקטע ברכות,
און דערמאנט מיין היים פון יארן.
ווי זי האט מיך געבענטשט אין די תפילות.

איך הער נאך פון דערווייטן
ווי א בת־קול אין מיר
די תפילה פון יענע צייטן.
וואס געשטארבן, שוין לאנג פאר מיר.

מיין ערשטער תענית

איך בין נאך דעמאלט געווען גאר א יונג ייִנגל און בין נאך געווען פטור פון פאסטן. עטלעכע טעג פאר יום כפור איז מיר פלוצעם איינגעפאלן, אז דעם קומענדיקן יום־כפור וועל איך פאסטן גלייך מיט אלע.

דעם אמת זאגנדיק, האב איך דאס נישט געוואלט טון צוליב פרומקייט, נאר פשוט געוואלט ווייזן פאר מיינע חברים א העלדישקייט. עפעס א קלייניקייט פאר אזא יונג ייִנגל. צו פאסטן איבער א מעת־לעת קען מען שטאלצירן.

איך געדענק ווי די מאמע מיינע, הערנדיק מיין איינפאל, האט געשאָ־קעלט אומצופרידן מיטן קאפ און נישט גערעדט קיין ווארט. ווען איך פלעג מיך שפילן און ארומלויפן מיט די קינדער, פלעגט זי מיך מוסר׳ן, אז ס׳איז נישט שיין פאר א ייִנגל, וואס גייט שוין אין חדר, צו מאכן זיך נאריש. אדער למשל, אז מ׳האט מיך געכאפטביים טייך גליטשן זיך, האט די מאמע נישט אויפגעהערט איבער מיר צו רעדן און מיר געבן מוסר. דערביי דערציילט וויאזוי משה יודל בלעכערס האט, נישט פאר קיין יידיש קינד גערעדט, אין א גוטער שעה צו רעדן, אין א בייזע צו שווייגן, צעבראכן זיך א פוס אויפן גליטש און איז דריי חדשים אפגעלעגן אין שפיטאל און איז עד היום געבליבן א קרומער; און דער טאטע פלעגט דעמאלט בייז ווערן און זאגן, אז איך וואקס אויס א שקץ, און אז פון מיר וועט שוין קיין מענטש קיינמאל נישט אויסוואקסן. ס׳איז א בושה און א חרפה פאר אים, פלעגט ער צו זאגן, וואס ער איז געשטראפט געווארן מיט אזא קינד; דער פעטער מיינער ר׳ משה ליפשיטץ, א ליכטיקן גן־עדן זאל ער האבן, האט נאך צוגעגאסן בוימל צום פייער און געטענה׳ט אז איך בין דער גרעסטער קונדוס אין שטעטל. ס׳פארשטייט זיך, אז מיך האבן

געשטאכן זײנע רײד װי שפּילקעס. און איך האָב זיך געמוטשט אָפּזאָגן פון יעדן קערפּערלעכן שפּאַרט, װײל דאָס אַלץ האָט בײ מײנע עלטערן געהײסן שקאַצערײ און פון שקאַצערײ קומט קײן גוטס נישט אַרױס.

אױף אַזאַ אופן איז מיר אַלץ ײדיש קינד, געבליבן אַן אַנדערער װעג אָפן פאַר שפּאַרט, אַ װעג װו מ׳האָט, חלילה, קײן פּיס נישט געקענט צעברעכן און זיך נישט געקענט פאַרקילען. װי אַ שטײגער זיצן אין בית־המדרש מאַנטיק און דאָנערשטיק בײ־נאַכט אַ משמור, אַרײנכאַפּן פאַר דער צײט אַ תענית א.א.װ. ס׳איז אמת אַז דער משמור, למשל, איז נישט אַװעק די גאַנצע נאַכט מיט תורה לערנען. נאָך האַלבע נאַכט װען דאָס גאַנצע שטעטל איז געװען פעסט פאַרזונקען אין שלאָף און יענקעל הוש, דער שטעטישער משוגענער, האָט זיך געקראַטשעט אױף אַ באַנק אונטערן אױװן פון קעלט, האָבן מיר, דאָס הײסט איך און מײנע חברים, פאַרמאַכט די גמרא׳ס, צענױפגעדרײט אַ שטיקל פּאַפּיר אין אַ פאָרם פון אַ שקאַרמיץ, אָנגעצינדן עס בײם שפּיץ און צוגעטראָגן יענקעל הוש צו דער נאָז. נישט טױט נישט לעבעדיק פלעגט ער אױפשפּרינגען פונעם רױך און װי אַ װילדע חיה גענומען אַרומלױפן איבערן בית־המדרש. אָבער מיר אַלע זענען שױן װײטער געזעסן בײ אָפענע גמרא׳ס. נישט װיסנדיק, פון װאַנען דאָס איז געקומען, פלעגט ער צוקומען צו אונדזער טיש און אַלץ דערצײלן. מיר פלעגן אים אײנרעדן, אַז דאָס איז נישט אמת. מסתמא האָט ער געחלומ׳ט. אַזױ פלעגט דאָס פאָרקומען עטלעכע מאָל אין דער נאַכט.

— איך װעל הײנטיקן יום־כפּור פאַסטן, האָב איך געזאָגט אין שטוב, װען מיר זענען געזעסן בײ דער װעטשערע. די מאַמע האָט אױף מיר געקוקט און דער טאַטע האָט עפּעס װי אַ שמײכל געטון, אַז װי ער װאָלט נישט געהאַט קײן אמונה אין מײנע װערטער.

— דו ביסט נאָך צו יונג פאַר אַזאַ גרױסן תענית, מײן קינד, — האָט זיך די מאַמע אָנגערופן נאָך אַ קורצן שטילשװײגן. און פון אירע װערטער האָט זיך געהערט עפּעס אַ מין װײכקײט, אַ צופרידנקײט, אַזױװי זי װאָלט געדאַנקט פאַר עפּעס אַ גרױסער טובה און דאָס האָט מען אױך געקענט זען אין אירע אױגן. אַזױ יונג װי איך בין דעמאָלט געװען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאַרשאַפט איר אַ נחת־רוח, װײל דאָס איז פאַר איר געװען אַ סימן, אַז אירע שטענדיקע תפילות, אַז גאָט זאָל מיר געבן אַ

יידיש הארץ, ווערט מקוים, ווייל א יידיש הארץ איז אזא, וואס גיסט זיך אויס אין תפילות און ווערט געדריקט פון תעניתים. בשעת זי האט געזאגט, אז איך בין נאך צו יונג פאר אזא תענית, האט זי נאך צוגעגעבן: — אדרבא, אדרבא, מיין קינד, זאל דיר גאט אריינגעבן גוטע מחשבות...

דער טאטע האט אויף מיינע רייד געקוקט סקעפטיש און האט מיך געווארנט: — נעם אויף זיך נישט דעם תענית, ס'איז תמיד בעסער צו זאגן בלי נדר; וועסטו קענען פאסטן איז אוודאי גוט, טאמער נישט, וועט קיינער, חס ושלום, קיין טענות נישט האבן, מ'טאר קיינמאל קיין זאך אויף זיך נישט נעמען, נישט זאגנדיק בלי נדר...

און מיט א כלומרשטן חוזק זיך אגערופן צו דער מאמע: — דו גרייט אן בעסער עטלעכע פופקעס, וועט אים זיין גרינגער צו פאסטן.

פאר מיר איז שוין קיין אנדערע ברירה געבליבן ווי צו פאסטן, ווייל אז נישט, וואלט איך מיאוס געפאלן ביי זיך אין די אויגן און מיר איז נאר געבליבן אנצוגרייטן זיך יום־כפור טראפנס.

נאך כל־נדרי בין איך א היים געקומען צופרידן, כ'האב נישט געפילט קיין הונגער און נישט קיין דורשט. מיר האט אויסגעוויזן, אז נאכאלעמען איז א תענית די גרינגסטע זאך. אויף מארגן איז דער שחרית אויך אריבער גאנץ כשורה. אין בית־המדרש האבן אלע געוווסט, אז איך פאסט און בין דעם גאנצן שחרית געבליבן אויף אונדזער שטאט און נישט פארפעלט קיין איין ווארט פיוט. געוויינטלעך פלעג איך ביי חזרת הש"ץ סיי צו שחרית, סיי צו מוסף, ווען ס'איז נאר געווען א געלעגנהייט ארויסלויפן פונעם בית־המדרש זיך זעען מיט מיינע חברים, ארומגעלאפן זוכן דעם מאן פון א ווייבל, וואס האט גע'חלש'ט אין עזרת־נשים, אדער געגאנגען געוואר ווערן אין שול ווו דער חזן האלט אין דאווענען, כדי די, וואס האבן געהאט חשק ביי אונדז אין בית־המדרש זאלן קענען כאפן א פיין שטיקעלע נגינות.

אבער איצט, אז איך בין שוין געווארן א פאסטער, האט דאס שוין פאר מיר נישט געפאסט און דער תענית איז דערפון געווארן אסאך שווערער.

צו מוסף האט מיך שוין מיין בריהשקייט פארלאזט. ווען כ'האב דערזען ווי שמואל שפארער איז ארונטער געקראכן אונטער דער באנק, וואס איז

געווען פונקט אנטקעגן איבער אונדזער שטאט און האט ארויסגעשלעפט פון א פעטן פאפירענעם בײטל א שטיק חלה מיט א פופיק און מיט זײנע צײן גענומען ארבײטן, קוקנדיק מיט א משונהדיקער הנאה אויף מיר, ווי ס׳קען נאר א הנאה האבן א זיבן יעריק ייִנגל, וואס איז אויסגעהונגערט געווארן ביז מוסף. מיר האט אויסגעוויזן ווי ער זאגט צו מיר: א בע! איך עס און דו נישט, און דערזעענדיק דעם פופיק אין זײן האנט איז מיר פלוצעם דאס מויל פארלאפן געווארן מיט וואסער און איך האב האסטיק אנגעהויבן צו שלינגען לופט און אלע מאל זיך געכאפט פאר די יום־כפור טראפנס.

די כחות האבן מיך אנגעהויבן אפצולאזן און אין הארץ האב איך געפילט ווי א חלשות.

ווען דער מוסף האט שוין אנגעהויבן צו גײן בארג ארונטער און די טליתים האבן זיך אנגעהויבן אראפרוקן פונעם קאפ אויף די אקסלען, אין בית־המדרש איז געווארן לויזער, אסאך יידן זענען געזעסן בהרחבה, האלב אויסגעצויגן. און די לופט איז געווארן אביסל שיטערער, האט מיך דער טאטע געפרעגט:

— אפשר איז פאר דיר צו שווער?

— ניין, — האב איך געענטפערט מיט א פארקוועטשט הארץ און האב געוווּנשן שמואל שפארער, וואס האט נאך געהאלטן אין אײן קײען אונטער דער באנק, ס׳זאל אויף אים אויסגײן אזא סוף ווי אויף קורח׳ן.

אונדזער שכן, פישל ווײסער, א פרײלעך יידל, האט מיר א קיצל געטון מיטן פינגער און געזאגט מיט א ווונק:

— הא ס׳קיצלט דיך? — און פארן טאטן מיך געלויבט.

די יום־כפור טראפנס האבן שוין כמעט אין גאנצן אויפגעהערט צו ווירקן. זאגנדיק דעם אמת, איז מיר שוין אפילו שווער געווען ארויסצו־בעמען דאס פלעשעלע פון דער קעשענע.

צו מנחה זענען די מינוטן געווארן שעה׳ן און די שעה׳ן גאנצע טעג. ס׳האט אויסגעוויזן, אז דער טאג וועט זיך קײנמאל נישט ענדיקן. דער

על חטא. ימים נוראים. (פאט. מאנדעלקערן)

טאטע האט מיך ארויסגעשיקט אין דרויסן. כ׳האב זיך צוגעזעצט אויף א שטיין און אזוי געזעסן פארשמאכט, פארחלש׳ט, זיך צוגעקוקט ווי יינגעלעך אין מיינע יארן וויזן אויף מיר מיטן קאפ; ער פאסט. און געהאט א גרויסע הנאה, ווען דער חומש מלמד ישראל קעלבעלע, א ייד מיט ברייטע פלייצעס, א בעל־כרס, הויך און טאקי צוליב זיין פעטקייט האט מען אים בלשון סגי־נהור א נאמען געגעבן קעלעבעלע, איז ארויס אין קיטל אן דעם טלית מיט שוואכע טריט און זיך אנידערגעזעצט אויף א שטיין נעבן מיר, שאקלנדיק פאמעלעך מיטן קאפ, האט ער צו מיר געזאגט — א שווערער תענית.

— א שווערער תענית, — האב איך פאטאקעוועט, געגוי אזויווי כ׳וואלט שוין געווען א מבין אויף גרינגע און שווערע תעניתים.

צו נעילה בין איך גאר לעבעדיקער געווארן, שטייענדיק אזוי מיטן טאטן איבער איין מחזור און דער טאטע האט זיך צעגאסן אין די הייסע תפילות, האב איך דעמאלט געפילט, ווי ער ווייזט אן גאט כביכול מיט די אינערלעכע אויגן אויף מיר, בעט אים, אז איידער ער לייגט זיין חתימה, זאל ער נעמען אין באטראכט, וואס אזא קליין קינד, ווי איך, בין אויסגע־שטאנען מיט פאסטן צוליב זיין נאמען און האט מיך געשטעלט ווי פאר א מליץ־יושר צום כסא־כבוד.

צו מעריב בין איך אזש אונטערגעשפרונגען פאר כעס, ווען אברהמ׳צי פעפער האט מיט א קול פון א בת־היענה גענומען ציען א וואכנדיקן, געוויינטלעכן מעריב. הגם איך האב שוין געקענט לויפן א היים עפעס אנבייסן. דאך האב איך אויסגעווארט ביז מ׳האט געענדיקט דאס דאווענען און באזארגט זיך א שטיקל יום־כפור ליכט פון א זאמד קעסטעלע און אויפן בית־המדרש הויף אינײנעם מיט אלע יידן מחדש געווען די לבנה.

אויף דער מאמעס באגעגעניש: — דו ביסט מסתמא פאר׳חלש׳ט מיין קינד? — ווען איך בין אריינגעלאפן אין שטוב מיט א פריילעכן גוט יאר, האב איך געענטפערט מיט א ברייטער מינע: — אפילו נאך א טאג האב איך געקענט פאסטן.

ס׳פארשטייט זיך, אז דער טאטע האט אויך שטארק א הנאה געהאט און צו מיין המוציא האט ער מיר געגעבן מער האניק ווי תמיד:

— עס, עס, מיין קינד, — רופט זיך די מאמע אָן, — עס נאָך אַ שטיקעלע עוף, דו האָסט זיך גענוג אויסגעהונגערט. — און זי איז געווען גרייט אָוועקצוגעבן מיר איר חלק אויך.

ביים טיש האָט מען גערעדט פון דעם בעל־מוסף, וואָס ר׳איז אַביסל און מיטן הייזעריק געוואָרן. די מאַמע האָט אויך דערציילט פון עטלעכע ווייבלעך, וואָס האָבן געחלש׳ט. נאָר אַמערסטן האָבן זיי גערעדט וועגן מיר, ווי איך האָב זיך דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן. איך בין אין מײַנע אויגן דעמאָלט געווען דער העלד.

ביי אונדז אין סוכה

סוכות! וואס פאר א גאלדענע צייט דאס איז געווען!

ערב סוכות, ווי נאר כ׳האב די אויגן געעפנט, איז מיין ערשטער בליק געווען אויפן הימל. עפעס א קלייניקייט, ווען איך האב דערזעען דעם הימל ריין, אז מיר וועלן האבן א פיינעם יום־טוב!

מיר איז געגאנגען אין לעבן, אז אין דער סוכה, צו וועלכער איך האב מיך משתתף געווען, שלעפנדיק דראנגען, אלטע ברעטער און דערלאנגענדיק סכך, זאל מען טאקי א הנאה האבן צו זיצן.

אין שטוב איז געווען א טאראראם. אין באק אויוון האט מען געהייצט, די מאמע מיט דער מומע רבקה׳ן זענען געשטאנען ביים לאקשן־ברעט טרוד אין פלעכטן חלות, מאכן צימעס און אנדערע הכנות פארן יום־טוב. יעדע פרוי וויל דאך ארויסווייזן איר בריהשאפט אין צוגרייטן א יום־טובדיקע סעודה און דערצו נאך פאר דער סוכה!

ערב־סוכות דעם גאנצן טאג פלעג איך זיין באשעפטיקט ווי א שיק־יינגל; נישט חלילה, פאר פרעמדע, נאר פאר דער מאמען און פאר דער מומע רבקה׳ן. פאר די דאזיקע שליחות האט מען מיר באצאלט מיט ניס.

ביין־השמשות איז שוין די שטוב געווען אויפגערוימט, די מאנסבילן אנגעטון יום־טוב׳דיק, האבן זיך געאיילט אין בית־המדרש אריין, ווו ס׳האט געשוועבט א גייסט פון חדוה אויף אלעמענס פנימער, ס׳איז ממש די מענטשן נישט געווען צו דערקענען. סך־הכל מיט עטליכע טעג צוריק זענען זיי דאך געווען אזוי טרויריק און בלאס!...

ווי דער שטייגער איז, איז מעריב די ערשטע נאכט צוגעגאנגען אביסל שנעל, אן שום הפסקות, ווייל דער עולם האט זיך געאיילט א היים.

אמת די לופט איז שוין געווען אביסל קאלטלעך, אבער דער דרויסן האט זיך געבאדן אין ליכט פון דער שיינענדיקער לבנה. אין דער היים האט די מאמע קוים אפגעענטפערט גוט יום־טוב און געהייסן מיר אנטון א ווארימע זאך, ווייל ס׳איז קאלט אין דרויסן.

ווו קאלט, ווער קאלט? מיר איז נאך געווען צו ווארים. נאר אז די מאמע הייסט און דער טאטע פארלאנגט אויך אזוי, האב איך מיר אנגעטון אן אויבער מלבוש. אויך דער טאטע האט זיך אנגעטון א ווארימען ראק, און מיר זענען אריינגעגאנגען אין סוכה, ווו ס׳זענען שוין געזעסן עטלעכע שכנים אונדזערע: יוסעלע ליפשיץ, מיין פעטער הערש בוימוואלד און אברהם נאס.

די חלות מיט די ראזשינקעס, די געפילטע פיש פון די שכנים דער־מאנען עפעס אין א גרויסער סעודה. ביי איין שכן זענען די פיש אפילו אביסל נישט געראטן און די חלות — אויך צו־געברענט... ווען די יידענע איז געקומען אוועקנעמען די טעלער, האט מען דעם איינדרוק געקענט זען אויף יעדן איינעם. דער מאן איז פשוט געזעסן מיט אראפגעלאזטע אויגן, און די אנדערע האבן ממש אויסגעמיטן צו קוקן אין זיין זייט...

מיטאמאל איז עפעס געווארן לעבעדיקער. אברהם נאס, אונדזער שכן, האט אנגעהויבן מאכן קידוש, אונטערהינקענדיק אביסל אויף דער עברי.

פון איין ווארט צום צווייטן, האט ער דערווייל פארלוירן דעם יום־טובדיקן קידוש־ניגון. אלע האבן אראפגעלאזט די קעפ...

מ׳האט דערהערט א קלאפ אין שויב און דער טאטע האט זיך אנגע־רופן צו מיר.

— איך בין דיך מכבד מיט דער פתיחה!

— אלע פתיחות געהען צו דיר, — האט זיך אנגערופן מיין פעטער, — ווייל כ׳בין טאקי געזעסן ביי דער סאמער טיר.

די מאמע האט אריינגעקוקט אין סוכה און געזאגט:

— נו, לאזט נישט אויסקילן, די יויך וועט נאך קאלט ווערן!

— נישט קאלט, נאר פארגליוועֹרט ווערן, — רופט זיך אן יאסעלע, ווייל ער האט גראד געמוזטווארטן אויף א לעפל. זיין ווייב האט עס פשוט פארגעסן בשעת־מעשה. — מ׳וועט שוין באלד נישט דארפן קיין לעפל. מ׳וועט די יויך קענען שניידן מיט א מעסער, — טרייסט אים מכלומרשט מיין פעטער הערש.

און ווען זיין ווייב האט אים שוין געבראכט דעם לעפל, איז די יויך טאקי געווען אייז קאלט. נאר וועמען גייען אן אזעלכע קלייניקייטן?...

נאכן בענטשן האט זיך יעדער איינער אויפגעהויבן א צופרידענער פון דער שיינער נאכט מיט דער פולער לבנה, און איז געגאנגען א־היים.

נאר ווי אברהם נאס אונדזער שכן האט אריבערגעטרעטן די שוועל, האט זיין פלוניתטע גענומען אויסגיסן איר ביטער הארץ אויף אים:

— אזא יאר זאלסטו האבן, וואס פאר א קידוש דו האסט געמאכט!

— גולם, טרעטסט דיך אפ? — האט אברהם איר אפגעענטפערט מיט כעס.

— אויף אלע מיינע שונאים געזאגט, וואס פאר א מאן דו ביסט!

— איך געפעל דיר נישט, קענסט דיר נאך העלפן!

— וויאזוי קען איך מיר העלפן, אז איך בין שוין א מאמע פון א קינד?! וואס וועל איך טון דערמיט? הא

די יידענע איז געווען היפשלעך דיק, מיט א דרייפאכקן גוידער. אויפן פנים האט זי געהאט א שפאר ביסל בראדאווקעס (ווארצלען), באשפרענקלט מיט שווארצע פעפערלעך. אברהם ווידער איז געווען א קרעפטיקער ייד, מיט צוויי זעבל־פיס, מיט א פנים ווי א ציבעלע און א קאפ פלאקסענע האר. דערפאר פלעגט מען אים טאקי רופן דער ווייסער אברהם. ביי אים אין הויז האט געוווינט זיין שוועגעריך, דינה, אן איין און צוואנציק יעריק שווארץ חנעוודיק מיידל, מיט גרויסע, שווארצע אויגן, וואס האבן געלויכטן ווי נר־תמיד ליכט...

— גיי צום שווארצן יאר! וואס פאר א מאמע, אזא קינד!

דערהערנדיק דאס, האט זיך די יידינע אויפגעקאכט: דו רעדסט נאך? דו? — האט זי געשריגן מיט א קוויטשעדיק קול. — ווער איז דען שולדיק, איך אפשר, הא? — — —

באלד האט מען די יידינע ווידער געהערט שרייען נאך מיט א העכער קול און מיט מער כעס:

— דו גראבער פליגל, דו! רעדסט נאך? דו, דו, וואס האב איך...

— יא, יא, — האט ער איבערגעהאקט די רייד, — איך רעד נאך.

— וואסזשע איך דארף שוין נישט רעדן? דו לאכסט פון מיר ווי און ווען נאר דו קענסט און מיינסט, אז כ׳פארשטיי מיך נישט דארויף. נעכטן ערשט האסטו מיך אויסגעלאכט פאר דיין שוועסטער און זאגסט נאך, אז כ׳דארף נישט רעדן!

— א ניכפה זאל דיך א צאפל טון! — האט די יידינע א געשריי געטון. — אהא, אט דאס ברענט דיך אזוי, אט דאס מוטשעט דיך און גיט דיר נישט קיין רו. אט דאס טרונקט דיר אויס דעם מארך פון דיין נארישן, גראבן מוח!...

— נו, נו, האט אברהם געגוקעט אין א פארשטיקטער שטימע, — אלע מיינע בייזע חלומות צו דיין גראבן קאפ!

— מיין שוועסטער דינה, מיין שוועסטער דינה, רעד דיר נישט איין אין דיין נארישן קאפ, אז דו קענסט שפילן א ליבע מיט מיין שוועסטער!

דינה וועט דיר אנשפייען אין דיין פנים אריין — — —

— מאך שוין צו דיין גרויס מויל, נעם שוין איין אביסל שטומעניש! — האט אברהם געשריגן.

— מיין שוועסטער דינה... — האט די יידינע ווידער אנגעהויבן רעדן.

— איך שפאלט דיר באלד דעם קאפ, זיי שטיל! ס׳איז א ליגן, דערצו נאך אזא ליגן!...

— אוי, א פיינער מאן ביסטו, אזא יאר אויף דיר!

— אויב איך געפעל דיר נישט, האב איך דאך דיר שוין געזאגט, וואס קענסט טון. מיר קענען גיין צום רב, איך וועל דיר גלייך געבן א גט און דערנאך וועל איך גיין טאנצן פאר שמחה...

ס׳איז געווארן א מינוט שטיל. דערנאך האט זי ווידער געזאגט:

— אוי, וואס איך האב דערלעבט, אוי, געוואלד! ווי איז מיר צו מיינע יארן! אט אזא נאר האב איך נאך באדארפט געבן נדן...

— א א! דאס איז די גאנצע מחלוקה? גוט, איך גיב דיר צוריק דיינע עטלעכע הונדערט דאלאר און לאז מיך פריי. איך וויל פטור ווערן פון דיר און פון דיין גרויס מויל! — — —

ווען כ׳האב דערהערט, אז זיי רעדן שוין פון געלט און האלטן ביי א געשעפט, האב איך מיך אפגעטראגן פונעם פענצטער...

הושענא רבה!

אוי־וואס פאר א שיינע צייט דאס איז געווען! מיר זענען געווען, פריי פון חדר ביז צום נייעם זמן. מיר האבן געלעבט א גוטן טאג.

פאר די עלטערע איז דאס געווען אן האלבער יום־כפור, ביז האלבן טאג אין תפילות און פיוטים. פאר אונדז קינדער איז דאס געווען דער פריילעכסטער יום־טוב צו יונגאטשעווען און דערצו נאך צו באקומען שבחים פון די פרומע יידן, אז מיר האבן געטון א מצוה ברענגען הושענות.

אסאך ארימע לייט האבן אפילו פארדינט אביסל געלט מיט די הושענות. מיר קליינוואַרג נישט נאר, וואס מיר האבן פאר דער סחורה קיין געלט נישט פארלאנגט, נאר מיר זענען געווען מוכן ומזומן נאך עפעס צוצוצאלן פאר דעם נחת.

ערב הושענא־רבה פארנאכט, תיכף נאך מעריב, פלעגן מיר זיך צענויפקומען אין דעם ווייבערשן בית־המדרש מיט דעם אנפירער פון דער חברה שלמה יואל לייב׳ס און מיר פלעגן אפהאלטן אן אסיפה פון אלע חדר יינגלעך, וועגן הושענות שניידן. דארט פלגן מיר באשטימען ווי און אויף וועלכן פלאץ די הושענות זאלן געשניטן ווערן. יעדער איינער פון אונדז, האט זיך געמוזט אנגרייטן א שארף מעסערל און א שטעקן אינפאל, ווען שקצים אדער הינט באפאלן אונדז...

מיר פלעגן זיך צענופקומען פארטאג, כעלות־הבוקר נעבן בית־המדרש און פון דארט פלעגן מיר אונטער דער אנפירונג פון מאיר טוקי און שלמה יואל לייבס מארשירן צום קיט מיט שטעקענ׳ס אין די הענט און מעסערלעך אין די קעשענעס.

שלמה יואל לייבס א ווילדע בריאה איז צום ערשטן געגאנגען מיט א גאנצע חברה יינגלעך צו שטאברילעס סאד, ווי איבערן פארקן האבן

הושענא־רבה, ביים דעווענען.

ארונטערגעהאנגען צווייגן פון בוימער מיט רויטע עפל. שלמה האט זיך איינגעבויגן און הערש בילאק האט זיך אויף אים ארויפגעשטעלט. מיט די הענט אן פארקן זיך אנגעכאפט און געגומען קריכן ארויף. ווען זיינע הענט האבן זיך אנגעכאפט אן דעם ערשטן ברעט פונעם פארקן, האט זיך פלוצעם א האנט באוויזן פון יענער זייט פארקן און א כאפ געטון זיין האנט. הערש בילאק האט גענומען שרייען און געפרווט זיך אויסרייסן פון די פרעמדע הענט. די איבריקע חברה האבן זיך תיכף אפגעטראגן. באלד האט זיך באוויזן א בייזער ברייט־אקסלדיקער גוי און האט ארונטער־געכאפט ביי הערש בילאק דאס נייע היטל פון זיין קאפ, אנגעריסן גוט ביי די אויערן און אים ארונטערגעווארפן פונעם פארקן. הערש בילאק האט זיך גלייך אויפגעהויבן ארויפגעלייגטביידע הענטלעך אויפן הוילן קאפ און זיך געלאזט לויפן א היים מיט א געוויין: אוי, מאמע, מיין ניי היטל! אוי מאמע, מיין ניי היטל! — — —

אין דער היים האט ער ערשט געקריגן זיין ריכטיקן פסק פון זיין טאטן. ווייזט אויס ר׳האט אנגענומען אלעס באהבה, ווייל שפעטער אין עטלעכע מינוט האט מען אים שוין ווייטער געזען מארשירן מיט דער חברה צום קיט.

די יינגלעך האבן אנגעריסן גאנצע פעק הושענות און מיר מארשירן שוין א היים, זייענדיק שוין אין דער גרינער גאס אן אט אט איז די זון אויפגעגאנגען און אירע גאלדענע שטראלן פאלן אויף די טהוי־טראפנס, וואס גלאנצן אין פארשיעדענע פארבן! א וועלט פון לויטער בריליאנטן! אונדזערע קינדערשע פנימער זענען באדעקט מיט שוויס. יעדער פון אונדז טראגט א פאק אפגעשניטענע הושענות. פלוצים באווייזט זיך דעם חזיר־שלעגערס זונדל הרינקע קאלאדזיע מיט א חברה שקצים און הויבן אונדז אן צו באווארפן מיט שטיינער שרייענדיק צו אונדז, ״זשידע פארכע יידע״ — — — מיר האבן שוין אנגעהויבן לויפן, אבער דעם חזיר שלעגערס זון, האט אונדז פארלאפן און זיך געשטעלט אין מיטן וועג נישט לאזנדיק אונדז אדורכגיין.

שלמה׳לה יואל לייבס, דערזעענדיק די סכנה, האט זיך גענומען צוריק־ציען. הערש בילאק גיט א געשריי, חברה, ״הך על הכפתור וירעשו הספים״ דאס הייסט: פלעם אין דער מארדע און טראסקע אין די ציין!

אן מיר ווארפן זיך אויף דעם שונא ישראל, ס'הויבן אן פליען פויסטן, ס'הילכן פייערדיקע פעטש. הערש בילאק האט ארונטערגעכאפט דאס היטל פונעם קאפ פאררוקט דאס אונטערן בוזים, דער שקץ זאל דאס נישט אראפכאפן און זיך א ווארף געטון צו דעם חזיר־שלעגערס זון, דעם קאפ אראפגעבויגן, געבוי ווי א יונג ביקל מיט די הערנער.

"פעטרא"! האט הרינקע דעם חזיר שלעגערס א געשריי געטון און זיך א לאז געטון געגן הערש בילאק. הערש בילאק איז אים אריינגעפארן מיטן קאפ אונטערן הארץ און געגומען שנעל ארבייטן מיט ביידע הענט אויפן שקץ פנים. הרינקע האט אנגעהויבן צו שרייען נאך הילף, דערווייל האט שלמה געבדקעוועט פעטרען און אים צעבלוטיקט די נאז. און מיט איינמאל א טויטע שטילקייט, די שקצים זענען נעלם געווארן, דער נצחון איז אין אונדזערע הענט.

מיר נעמען אונדזערע בינטלעך הושענות און לאזן זיך א היים זינגענדיק — אז ישיר...

ס'איז נאך פרי. אין שטעטל אלע שלאפן נאך. מיר רוען אבער נישט, מיר פארלאנגען שכר־מצוה. קודם כל ווארפן מיר איין עטלעכע סוכות און מיר צעטראגן די ברעטער לארבע רוחות השמים. דערנאך טיילן מיר זיך אויף מיט די הושענות און גייען אהיים. א יעדער פון אונדז באקומט א קניפ אין דער באק מיט א שמייכל: דו האסט פארדינט א גרויסע מצוה, מיין זון! זאגט דער טאטע.

און ווי גרויס איז געווען אונדזער שמחה און נחת הושענה רבה ביים דאווענען, ווען מיר האבן געזעען, ווי מ'שאקלט און מ'קלאפט מיט אונדזערע הושענות, זאגנדיק דערביי "קול מבשר מבשר ואומר", א קול פון אנזאגן זאגט אן און זאגט. און ביים קלאפן די הושענות אין די בענק פונעם בית־המדרש איז נישט איינמאל הערש בילאק אדער שלמה יואל לייבס אריינגעפארן אן אנדער ייִנגל אין פנים אריין. האט דעם ייִנגלס טאטע זיי אנגעריסן די אויערן.

יא דעמאלט זענען מיר גליקלעך געווען. גליקלעכע קינדער יארן... וואס ליגן טיף איינגעקריצט אין זכרון...

קינדער יארן

ווי שנעל זענען די יארן אנטלאפן,
כמעט גארנישט געהאט פונעם לעבן,
וואס כ׳האב געוואלט, האב איך נישט געטראפן.
אומזיסט איז געווען מיין שטרעבן.

ווי א לעגענדע איז געווען יענע צייט,
די שיינע חלומות פון אמאל,
זיי זענען שוין זייער ווייט.
חלומ׳ען זיך נאר איינמאל.

איך האב מיך אליין גענארט,
פון אלעמנעם זיך אויסגעלאכט,
אויף א גאלדענע צייט געווארט.
געחלומ׳ט פון גרויסקייט און פראכט.

איצט בין איך עלענט געבליבן,
אויף וואס קען איך נאך האפן,
אז אלעס איז פאר מיר שוין געשטארבן;
איך נעם אן באהבה גאטס שטראפן!

זייט געזונט, מיינע קינדעריארן,
איר האט מיט מיר נישט געקענט פארבלייבן.
כ׳האב אייך שוין אויף תמיד פארלוירן.
נאר זכרונות פון אייך זענען מיר פארבליבן.

שמחת תורה אין דער היים

אן אויסגעשטערנטע פינצטערע נאכט. נאר די שטערן עפעס ליכטיקער און שענער ווי אין די נעכט פון א גאנץ יאר אין סוף חודש. זיי רופן און ווינקען צו אונדז מיט חנ׳דעלעך. מיין מאמע זעט אויך אויס פריילעכער ווי תמיד. זי גלייכט מיר אויס די פאה׳לעך און טוט מיר אן דאס יום־טובדיקע היטעלע און אנעמענדיק דעם טאטן ביי דער האנט גיי איך מיר מיט שמחה און שטאלץ אין בית המדרש אריין אין דער דאזיקער שמחת־תורהדיקער אויסגעשטערנטער נאכט.

דאס גאנצע שטעטל איז מלא שמחה און הילכט מיט געזאנג. שמחת־תורה איז אינעם שטעטל! אין אלע מקומות־קדושים גייען אן די הקפות. קינדער, פרויען, מאנסבילן אלע פארזאמלען זיך איצט אין בית־המדרש, אין שול, אין קלויז און אין אלע דאווענשטובלעך. ס׳איז לעבעדיק אין שטעטל...

פון אלע פענצטער שלאגט א שיין אויף דער גאס. אלע מאל הערט מען פון דער ווייטנס א פריילעך געזאנג. קליינע ייִנגעלעך מיט פאנען אויף וועלכע ס׳איז ארויפגעשטעקט רויטע עפעלעך מיט ברענענדיקע ליכטעלעך, גייען פאראויס און זינגען מיט זייערע דינע קולעכלעך ״שישו ושמחו בשמחת תורה״!

אין בית־המדרש איז ליכטיק, די ווענט זענען אויסגעווייסט, די מעשענע הענגלייכטער זענען אויסגעפוצט ווי גאלד, בלישטשען און שפיגלען פון די ליכט. איבערן ארון־קודש הענגט א ניי רויט פרוכת, אויסגע־שטיקט מיט צוויי גאלדענע לייבן אין א קרוין מיט א מגן־דוד אלץ פון

גאלד. איך שטעל זיך אוועק נעבן דעם פרוכת און קען זיך נישט אפרייסן פון זיין שיינקייט און טייערקייט, איך קען זיך נישט איינהאלטן און טו בגנבה פון דעם שמש א טאפ די גאלדענע אותיות, נאר ווי דערגרייכט מען צו די גאלדענע לייבן?...

איך קוק מיך אום אין בית־המדרש און זע פון דעם ווייבערשן בית־המדרש דורך די פענצטערלעך קוקן ארונטער מיין מאמע, מיין מומע רבקה, און נאך אסאך ווייבער. זיי לאכן פון פרייד. איך מאך מיט די הענט צו דער מאמען. זי זאל מיך דערזען, נאר זי זעט מיך נישט, כאטש ס׳ווייזט זיך מיר אויס, אז זי קוקט נאר אויף מיר. און פלוצעם דערזע איך, ווי אונדזער שכנתה׳ס יונגע שנור מיט עטלעכע מיידלעך שטייען אין דעם מאנסבילישן בית־המדרש און איך גיי צו מיט עטלעכע מיינע חברים און ווילן זיי ארויסטרייבן.

— מ׳טאר־נישט, — זאגט אונדז אהר׳לע פעפער, איינער פון די בית־המדרש גבאים... — זיי זענען געקומען קושן די תורה: צו די הקפות מעגן ווייבער קומען אין דעם מאנסבילישן בית־המדרש.

אונדז איז געפעלן די נייעס און מיר הערן נישט אויף צו קוקן אויף די ווייבלעך.

די הקפות הויבן זיך אן. דער שטעטישער רב, הרב ר׳ שמעיה הלוי שטיינבערג, נעמט זיך זאגן "אתה־הראת", וואס ר׳האט שוין א חזקה פון יארן לאנג. די גבאים, ר׳ אברהמצי פעפער און ר׳ אהר׳לע פעפער, זיצן נעבן עמוד, גיבן באפעלן צו "סאני" שמש, וועלכער שטייט אין דער הויך נעבן אפענעם ארון־קודש, מיט א פארלייגטער צונג פון אן איבריק גלעזל ווייז לכבוד שמחת־תורה. שרייט ער אלע מאל אויס מיט א הייזעריק קול:

— אלוף התורני ר׳ משה אהרן בן ר׳ יוסף, תן כבוד לתורה... ר׳ יעקב לייזער ב״ר מרדכי תן כבוד התורה...

יוסף חיים סופר איז אביסל מבושמדיק, האלט זיך קוים אויף די פיס. שלעפט ארויס זיין רויטע פאטשיילע, פאכעט מיט די הענט מיט א געשריי "צאן קדשים". און די יינגעלעך ענטפערן צוריק מיט א געשריי. "מע־מע"

יחזקאל אימבער, מיט בלישטשעדיקע אייגעלעך, רויטע באקן פינעם שנאפס, וואס ר׳האט היינט געטרונקען, שרייט אויך ״מע״ צעזאמען מיט די קינדער. הערשעלע בילאק, מיט א פרישן קראץ אויפן פנים, מיט א צעריסענער פאן אין דער האנט, איז שוין הייזעריק פון שרייען ״מע״.

דער עולם הויבט אן טאנצן מיט די ספרים אין די הענט. מ׳קלאפט מיט די פיס אזש די ווענט פונעם בית־המדרש האבן געציטערט. ארויפ־געלייגט די הענט איינער אויפן אנדערנס אקסל ארום דעם שולחן. די יינגעלעך מיט די פאנען אויך צווישן זיי. און זיי האבן זיך געדרייט און געשפרונגען בארד געגן בארד אקסל געגן אקסל און געזונגען מיט התלהבות און פרייד און דער גאנצער עולם האט מיטגעזונגען — — —

אויף מארגן נאך שמחת־תורה, אויס געזאנג, אויס טענץ, דער הימל איז גרוי און אומעטיק, דאס שטעטל טרענקט זיך אין בלאטעס, ס׳האט ערשט אויפגעהערט צו רעגענען. און סהענגט שוין ווייטער אין דער לופטן א פרישער קאלטער רעגן. פונעם וואלד טראגט זיך איבערן שטעטל דער יאמער פון די אסיען ווינטן און די גוססע קרעכצן פון די בוימער. אין מארק זיצן די הענדלערקס נעבן זייערע טישלעך מיט ברויט, בייגל א.א.וו. ווארטן אויף א גראשן לייזונג. די קרעמער און קרעמערקעס אין ווינטער־דיקע בגדים שטייען אין זייערע געוועלבלעך און קוקן ארויס פארזארגט אויף א קונה. און טאמער באווייזט זיך עפעס א פויער מיט א זעקל אדער א קיישל אין די הענט, באפאלען אים די סוחרימ׳לעך פון אלע זייטן ממש מ׳צערייסט אים. ביז דער פויער פאלט אריין אין כעס, דעמאלט הערט זיך אויף די רייסעריי.

די קינדער זענען שוין צוריק אין די חדרים פארשפארט און זייערע זיסע קולכלעך פונעם לערנען קלינגען ווייטער פון די חדרים.

אט הויבן אן צו קלינגען די גלעקער פון דער צערקווע. עמעצער איז אוודאי געשטארבן. ס׳מישן זיך אוים די טענער פון די גלעקער מיט דעם רעגן. דער יאמער אין וואלד מיטן קרעכצן פון די בוימער מיט די דאגות פרנסה און ס׳ווערט אומעטיק אויפן הארץ מרה־שחורהדיק נאך דעם פריי־לעכן שמחת תורה...

א מצוה צו טרינקען

געלויבט איז אונדזער בורא,
וואס כאטש איינמאל אין יאר
האט אונדז געשענקט א שמחת תורה.
אביסל צו פארגעסן אין אונדזערע צרות גאר.

א גאנץ יאר איז די מאדע אומעטום,
צו טרינקען באהאלטן, מ׳זאל נישט לאכן,
אבער שמחת־תורה קענסטו אפילו זיין פרום.
פון א שכורן ייד וועט מען זיך נישט מאכן.

ווען א ייד טרינקט א כוס לחיים,
איז נישט דאס טרינקען ביי אים דער עיקר,
ער טרינקט דאס נאר לשם־שמים.
חלילה, נישט צו ווערן שכור.

צוויי מאל מעגן יידן זיין שכורים,
נישט קיין חלוק פון בראנפן אדער וויין,
אין שמחת תורה און אין פורים.
אבי ס׳זאל נאר לשם מצוה זיין.

טרינקען מעג מען לויט א מסורה,
מ׳מוז נישט גראדע אין שענק גיין.
קענסט טרינקען אין בית-המדרש שמחת תורה.
און פורים אין שטוב ביי דיר אליין.

קאפל שניידער

נישט ווייט פונעם בית־המדרש אין א קליין ליימיק איינגע־זונקען הייזל, האט מען כמעט שטענדיק געקענט זעען קאפל דעם שניידער ארבייטן. דורכן פענצער, האט מען אים געקענט זעען פרעסן, ביי דער מאשין נייען, אדער עפעס געשניטן מיט דער שער. קאפל איז געווען שטענדיק מטורד מיט זיין ארבייט און טאקי געווען צופרידן מיט זיין פאך. ער פלעגט תמיד זאגן, אז דאס העלפט אים פארגעסן אין זיינע צרות. קאפל איז געווען א מטופל מיט א פולער שטוב קינדער און דערצו נאך אלע נקבות. געוווינט האט ער פונקט אונטערן בית־המדרש.

פארבייגייענדיק נעבן זיין הייזל, פלעג איך זיך נישט איינמאל אפשטעלן און כאפן א שמועס מיט אים.

— גוט מארגן ר׳ קאפל !

— האב איך אים איינמאל א היימגייענדיק פונעם דאווענען באגריסט :

— וואס מאכט איר ?

— אט, וואס זאל איך מאכן ? פלעגט ער שטענדיק ענטפערן, — ס׳זאל נאר זיין ארבייט ! טאמער האב איך ארבייט — איז ב״ה אלץ גוט.

כ׳האב בשום אופן קיינמאל נישט געקענט פארשטיין, וואס מיט דעם מענטשן איז, וואס ר׳איז געווען אזוי צופרידן. ר׳האט דאך געלעבט אזוי ארים אין דעם דלות האט מען אויף זיין פנים געזען. דאך האט ער תמיד געהאט א שמייכל אויף זיין פנים.

תמיד א פארנומענער מיט דער ארבייט, האט ער זיך קיינמאל נישט ארומגעקוקט, וויאזוי ער לעבט, אין וואס פאר א דחקות ער וווינט.

— איר ווייסט, ר׳ קאפל, וואס כ׳וועל אייך זאגן, — האב איך אים איינמאל געזאגט — מיר דוכט זיך אז ארבייט אליין איז נאך ווייניק צו האבן. מדארף טאקי פארדינען!

— איי, איך ווייס, איך ווייס! נאר וואס קען מען טון? מזל! מזל!

— וויפיל אן ערך פארדינט איר? — פרעג איך אים.

איך פארדין נישט קיין סאך, — האט ער געענטפערט, — נאר וואס איז דער חדוש; איך ניי דאך נאר פאר יידן. יידן זענען קבצנים, זיי קענען קיין סאך נישט צאלן... פונדעסטוועגן בין איך ב״ה צופרידן, אבי מ׳איז געזונט, ס׳איז אפילו אביסל שווער מיט פרנסה... הלואי ווייטער! — — —

יא, קאפל איז גערעכט געווען — ר׳האט זיך טאקי ווי עס איז דורכגעלעבט.

— אט זעט איר, אז ס׳וואלט זיך מיר מאכן אביסל ארבייט פון די סאקאלניקעס, — האט ער ווייטער געזאגט, — דעמאלט, זעט איר, וואלט גאר אנדערש געווען... אבער זיי גייען דאך צום פוילישן שניידער... מ׳האט מיר אפילו צוגעזאגט צו געבן ארבייט, נאר ווער ווייסט צי ער וועט מקיים דבור זיין, ער איז א גרויסער שכור אין א בייזער גוי שלוביק איר קענט דאך אים אוודאי...

ווען זיין פלונית׳טע האט אים גערופן, האב איך אים געזאגט א גוטן טאג און אוועקגעגאנגען.

איך האב קאפלען ליב געהאט פאר זיינע חכמהלעך און ערליכקייט. ער איז געווען א פריילעכער קבצן. אלע האבן געוווסט, אז ער איז אן ארנטליכער שניידער. טאמער האט עמיצער אין א שפאס אים נישט געוואלט גלויבן, פלעגט ער זיך צעשרייען:

— וואס איך בין א ליגנער? איך בין אן ערליכער שניידער!

איך האב מיר גראדע באדארפט איפנייען אן אויבערראק. כ׳האב געקויפט שטאף און געגעבן צווישן קאפלען. קאפל איז געקומען צו לויפן צו מיר מלא־שמחה און האט מיר דערציילט, אז דער סקאלניק שלוביק,

וואס וווינט אויף דער "וואליע" האט ביי אים באשטעלט א מאנדור. דער מאנדור איז שוין פארטיק און שוין אפגעטראגן צו שלוביקן. קאפל האט זיך פארט דערוואַרט ארבייט; ר'איז געווען מלא גדולה.

— איר וועט מיר אפשר קענען אויפנייען אן אויבערראק? האב איך אים געפרעגט.

— איר זאלט מיר נאר געזונט זיין, — האט ער זיך אנגערופן, — וואס פאר א שאלה? איך וועל אייך אויפנייען, אז איר וועט באמת א הנאה האבן! און נאכן גייעסטן פאסאן!... איך שווער אייך אויף מיין נאמנות!... וואס איז, איר מיינט, אז שיין דער יונגער צוצאק וועט בעסער אויפנייען? אסור מיר! ער האט מער נישט, זעט איר, נאר אגרעסערע שילד, אבער זיין ארבייט... איז אז אך און וויי... זיינע ארבייטער קענען אפילו א נאדל אין דער האנט נישט האלטן.. איך זאג אמת, אזוי זאל איך לעבן! — — —

— ווען וועט דער אויבערראק זיין פארטיק? האב איך געפרעגט.

— אין צוויי טעג ארום וועל איך ברענגען אנמעסטן און אין א וואך ארום וועט איר אים פארטיק האבן — האט קאפל געענטפערט.

קאפל האט תיכף מיר גענומען די מאס, האט פארצייכנט ביי זיך אין ביכל און איז אוועק א היים מיט די סחורה.

— הייסט עס, אין א וואך ארום! טא געדענקט זשע! האב איך אים דערמאנט.

— נישקשה, איר מעגט זיין רויק! אין צוויי טעג ארום האט מיר קאפל געבראכט דעם אויבערראק אנצומעסטן, ער איז געלעגן זייער גוט. דער אויבערראק ליגט אפילו גוט, אבער איך וועל פונדעסטוועגן נאך אמאל קומען אנמעסטן, האט ער געזאגט אוועקגייענדיק: — מארגן וועל איך ווידער קומען!

אויף מארגן איז ער נישט געקומען נאר איבערמארגן און האט געזאגט:

— זייט מיר מוחל, איך האב פארגעסן צו בעטן ביי אייך האנט געלד! איך האב אים געגעבן וויפיל ער האט פארלאנגט. אין אוונט איז ער נאך אמאל געקומען. — איך האב א טעות געהאט אין רעכנונג! האט ער געזאגט: — ס'האט מיר אויסגעפעלט געלט אויף קנעפלעך. איך האב אים געגעבן נאך אפאר זלאטעס.

ס׳איז אוועק א וואך קאפל קומט נישט. ר׳האט נאך נישט פערטיק געמאכט אוודאי! האב איך גערעכנט, — מסתמא, ווען ר׳וועט פארטיק האבן, וועט ער ברענגען! ס׳גייט אוועק נאך א וואך קאפלען זעט מען אלץ נישט, בין איך צו אים אריבערגעגאנגען, קודם האט ער געזאגט ער גיט אים מיר, דערנאך האט ער געבעטן איך זאל אים מוחל זיין, — אזויווי ער איז געווען קראנק און האט נישט געקענט ארבייטן און איצט פילט ער זיך שוין בעסער, וועט ער זיך תיכף דערצו נעמען און וועט אים פארטיק מאכן.

ס׳איז אוועק נאך א גאנצע וואך, נישט איך זע אים און נישט דעם אויבערראק. איך האב שוין נישט געוווסט, וואס איבערצוקלערן און געקלערט נאך אמאל אריבערצוגיין צו אים. — ערשט פארנאכט איז קאפל אליין געקומען.

ר׳איז געווען פארפרוירן, רויט ווי א בוראק. (ס׳איז געווען ווינטער) איינגעקארטשעט געציטערט און שרעקלעך אויסגעזען, ווען כ׳וואלט אים נישט געקענט, וואלט איך געמיינט אז ר׳איז א שכור.

— וואס איז מיט אייך? — האב איך אים געפרעגט: ווי איז מיין אויבערראק?

— קאפל, האט אויף מיר א קוק געטון מיט א רחמנות׳דיק פנים, האט געוואלט עפעס זאגן, נאר ס׳האט אים פארקוועטשט דאס הארץ און האט זיך צעוויינט ווי א קליין קינד.

איך בין נשתומם געווארן, קוקנדיק אויף זיין פנים.

— גאט איז מיט אייך, ר׳ קאפל בארויקט אייך! וואס טוט זיך דא מיט אייך דערציילט! — האב איך אים גענומען שטילן. ער האט זיך אנידער־געזעצט אויף א שטול.

— גארנישט... ס׳איז גאר־נישט... האט ער געמורמלט, קומענדיק צו זיך — דאס וועט איבערגיין.. דאס איז... ס׳איז פון הונגער...

— סטייטש, וואס הייסט פון הונגער?! — איך בין זייער שוואך... איך האב נאך פון דער פרי אין מיין מויל גארנישט געהאט...

— פארוואס האט איר נישט געגעסן?

— ס׳איז געווען א נארישע פראגע, אבער כ׳האב עפעס נישט געקענט גלויבן די גאנצע מעשה.

— כ׳האב קיין געלט נישט געהאט... — האט ער געענטפערט. אויף אנצעבייסן אפילו? אפילו אויף א שטיקל טרוקן ברויט אויך נישט... דאס איז דער ריינער אמת. א גאנצן טאג בין איך מיך היינט אנגעלאפן. געווען שוין דריי מאל ביי שלוביקן ער וויל נישט באצאלן פארן מאנדור... שוין דאס צענטע מאל, ווי איך גיי צו אים... און ער טענה׳ט ער האט אלץ קיין געלט נישט... היינט, האב איך שוין גערעכנט אז ער וועט מיר באצאלן. איז לא די ר׳האט מיר נישט באצאלט האט ער אויפגעמאכט א מויל און מיך באליידיקט גערופן מיך ״זשידאווסקא מארדא״ און מיך ארויסגעטריבן ... נו און איך האב קיין גראשן ביי דער נשמה... איך ווייס גארנישט, וואס כ׳זאל אנהויבן צו טון! .

— איז דערפאר האט איר מיין אויבערראק נישט געבראכט?

— איך האב נישט געקענט! — האט קאפל שטיל געענטפערט, זייט מיר מוחל... איך האב אייער אויבערראק אין שטוב נישט געהאט...

— ווזשע האט איר אים א הינגעטון?

— כ׳האב אים פארזעצט... און אפילו איך וואלט אים יא אין שטוב געהאט, וואלט איך אים אויך נישט געקענט ענדיקן... וויל כ׳האב די מאשין אויך פארזעצט... כ׳האב אלץ געהאפט, אז אט, אט וועט מיר שלוביק באצאלן פאר מיין ארבייט און כ׳וועל ארויסנעמען די מאשין און אייער אויבערראק פערטיק מאכן.

אז ער איז אביסל געקומען צו זיך, האט ער ביי מיר געבעטן עטלעכע זלאטעס אויף ארויסצונעמען דעם אויבערראק מיט דער מאשין. דעם אנדערן טאג האט מיר שוין קאפל געבראכט מיין אויבערראק.

קאפל האט ווייטער געארבייט פאר די שטאטישע יידן און געהאט א לערע מער נישט צו ארבייטן פאר די פוילישע אזוי גערופענע פריצים.

הלואי וואלט ער געווען פארבליבן און ווייטער געארבייט.

ביים גליטש

אזוי, וואס פאר שיינער טאג צו גליטשן זיך, זאגט זלמן ציבעלע, איך קום איצט פון נעבן דער מיל אין דער טייך זאג איך אייך, איז ווי א שפיגעלע. דערהערנדיק דאס, פאר שמחה גיט מיר אזש א טשאכקע אין הארץ. האסט דיך שוין געגליטשט ? איז טאקי דער טייך אין גאנצן פארפרוירן ? פרעג איך אים אין איין אטעם. און מיט אמאל ווערט מיר אין חדר ענג און פינצטער, און דער רבי זעט אויס אין מיינע אויגן ווי א רוצח, וואס האלט אונדז, ווי אין א תפיסה ; איך טראג א שנאה אויף אים און קען נישט קוקן אויף זיין פנים.

וועסט דיך גיין גליטשן פרעגט מיך שלמה יואל לייב׳ס אוודאי וועל איך גיין, וואס דען ? ענטפער איך אים. אבער מיר ווייסן גאנץ גוט, אז דאס איז נאר אזוי סתם גערעדט, ווען האבן מיר צייט ? אז שבת טאר מען נישט ; אזוי האט דער טאטע אליין געזאגט, מ׳צעקריצט דאס אייז ; און דאס איז א מלאכה. א גאנצע וואך, לערנען מיר ביז שפעט ביינאכט. די איינציקע צייט איז, ווען דער רבי גייט אין בית־המדרש מנחה־מעריב דאווענען. אבער ווער וויל זיך איינשטעלן אזא זאך צו טון. אז אלע מאל, ווען דער רבי גייט אוועק דאווענען, זאגט ער אונדז אן למען השם, זיך אויפירן רויק, ווייל טאמער, וועט ער עפעס געוואר ווערן, וועט ער זיך מיט אונדז אפרעכענען. דער יצר־הרע, האט אבער גובר געווען. ווייל ווי נאר מיר זעען אים דורכן פענצטער אריינדרייען זיך אין דער בית־המדרש גאס ווערן מיר לעבעדיקער. מיר קוויטשן זינגען טאנצן, און די רבצין זיצט ביים אויוון און האלט אין איין שעלטן : א דבוק, זאל שוין פון אייך ארויסשרייען, א שטימעניש, זאלט איר שוין איינעמען. קלאגן, זאלן שוין נאך אייך, ממזרים ! אויף להכעיס הויבן מיר אן מער צושרייען און שפרינגען אויף

די בענק, זי האט מורא מיר זאלן די מעבל צעברעכן. זי בעט זיך ביי אונדז ווי ביי גזלנים, מיר זאלן זיין שטיל. נאר ווער הערט זי? די רבצין זעענ־דיק, אז זי וועט נישט אויספירן, גיט זי אונדז אן עצה: פאר וואס גייט איר נישט אביסל זיך דורכלויפן אין דרויסן, דורכליפטערן זיך אביסל? נישקשה ס׳וועט אייך גארנישט שאדטן. אבער דער רבי? האבן מיר אלע מיטאמאל אויסגעשריגן.

ער וועט נישט וויסן, איך וועל אים נישט אויסזאגן!

חברה צום גליטש מירן נאך פארשפעטיקן שרייט ישראל שאלאמאק. צום גליטש! שרייען מיר אלע אין איין קול און נעמען זיך לויפן צו די מיל.

דער טייך נעבן די מיל איז פארפרוירן מיט דיק אייז באצויגן. מיט די מענטעלעך אונדזערע, קערן מיר אוועק דעם שניי פון אויוון און מאכן ריין דאס אייז. און דאס הארץ צאפלט פאר פרייד מיר פילן זיך גליקלעך.

חברה! ווער הויבט אן דער ערשטער? פרעגט מאטל פרעה. מיר קוקן זיך אלע אן. טאקי, ווער זאל זיין דער ערשטער? איך, שרייט אויס עלי מאגער, ער איז דער שטארקסטער און מיר האבן פאר אים מורא. ער גייט צוריק עטלעכע שריט און גיט זיך א לאז ווי א פייל פון בויגן איבערן שפיגעלדיקן אייז. זששש... גיט עס ארויש און ער איז שוין אויף יענער זייט. באלד טוט אים נאך שלמה יואל־לייבס נאכדעם איך און אזוי ווייטער. דער פראסטיקער ווינט ציפט די אויערן אבער ווער פילט דאס. א מחיה׳דיק, נישטא קיין חדר, נישטא קיין רבי, אזוי פריי...

חברה אין חדר גיכער אין חדר! שרייט איטשע ליפשיטץ דער עלצטער תלמיד, וועלכער לערנט שוין גמרא. — דער רבי קען קומען פון מעריב.

אין דרויסן איז שוין געוועזן גוט פינצטער. פון דערווייטנס שיינען פייערלעך אין די שטיבער. באין ברירה לויפן מיר צוריק אין חדר אריין.

דער רבי איז נאך נישט געוועזן צוריק און ווען ר׳איז איין חדר אריינ־געקומען, האט ער פון גארנישט געוווסט.

איך האב דעמאלט נישט געקענט פארשטיין, פארוואס מיר טארן זיך נישט גליטשן, ווען מיר לערנען נישט. א היימקומענדיק פונעם חדר, האב

איך געפרעגט דעם טאטן פארוואס מ׳טאר זיך נישט גליטשן. אוודאי טאר מען זיך נישט, האט דער טאטע געענטפערט. פארוואס? טאטע! ווייל מ׳צערייסט די שטיוועלעך, און טאקי אויך דערפאר, ווייל ס׳פאסט נישט, דאס טוען שקצים, א יידיש יינגל באדארף לערנען. און ווען דו ביסט געווען א קליין יינגל, האסטו זיך אויך נישט געגליטשט? — איך, איך... אבער, וואס פרעגסטו אזעלכע נארישע זאכן? דו שקץ איינער! ער איז נישט געווען אין כעס, ער האט געשמייכעלט...

אין חדר דעם אנדערן טאג האט זיך יעדע מינוט געצויגן ווי א יאר, ס׳לערנען איז נישט געגאנגען ווי ס׳דארף צו זיין. מיר האבן נישט געוווסט ווו מיר האלטן, ווען דער רבי האט אונדז געהייסן זאגן א פסוק. און געכאפט פעטש. אבער אלץ אנגענומען באהבה, ווייל אט, אט, האט זיך שוין דער רבי געקליבן צו גיין דאווענען. מיר קוקן אים נאך, ווי ער פארקירוועט זיך הינטער בערל שניידערס הויז. מיר גיבן זיך אלע מיטאמאל א הויב אויף און מאכן א ויברח צו דער מיל. קומענדיק צו צום טייך, ווארפן מיר אראפ די מענטעלעך און נעמען זיך צו דער עבודה. ס׳דוכט זיך, ווי מיר פליען מיט פליגל, ווי מיר שווימען אין די לופטן. עלי מאגער באווייזט פארשיעדענע קונצן. זיצנדיק מאכט ער א צירקל און שטעלט זיך אין מיטן אויף איין פוס און מיטן אנדערן אין דער הויך, באלד נעמט ער צונויף ביידע פיס איניינעם גענוי ווי ביי ״שמונה־עשרה״ און אז מ׳פאלט אום, אדער מ׳ציעט זיך אויס מיט׳ן פנים ארויף אדער מיט דער נאז אראפ שאדט אויך נישט — מ׳וויינט נישט.

די צייט שטייט נישט. ביסלעכווייז הויבט אן ווערן טונקעלער אין דרויסן.

אזוי, דא פארברענגט איר ביז מנחה־למעריב, שקצים, הא?

דער רבי שטייט אויפן שטעקן אנגעשפארט, די גרויע ברייט לאנגע בארד אויפן הארץ צעשפרייט, קוקט אויף אונדז, קוקט און שווייגט, רעדט מער נישט קיין ווארט. מיר זענען געבליבן שטיין, ווי דערשראקענע שעפעלעך, מורא האבנדיק אויפצוהויבן די אויגן, א קוק צו טון איינער אויפן אנדערן.

וואס האט איר געטון? הא, וואס שווייגט איר? נאר עפעס נישט מיט קיין בייזן קול, ווי תמיד. מיר קוקן אויף אים. זיין פנים האט געשמייכלט

און געקוקט אויף אונדז מיט גוטע אויגן. מיר׳ן זיך געגליטשט — רופט זיך אן עלי מאגער ער האט נישט געהאט קיין מורא פאר קיינעם; ער איז געווען א גרויסער חוצפה׳ניק. — אזוי, געגליטשט זיך. אבי כ׳האב געמיינט, איר האט תהלים געזאגט. געגליטשט זיך; נו איך וויל זעען צו קענט איר זיך גליטשן, לאמיך א קוק טון.

מיר קוקן אויף אים פארוואנדערט, וואס איז עס עפעס געשען? ער אליין הייסט אונדז גאר גליטשן. ער לאכט מסתמא פון אונדז. וואס דען קאן מען קלערן, מיר האבן קיינמאל נישט געהערט אזעלכע דבורים פון אים. ער הייסט אונדז נאך אמאל מיר זאלן אים ווייזן, ווי אזוי מיר גליטשן זיך.

אבער איר׳ט נישט שלאגן? פרעגט עלי מאגער און קוקט אים אין די אויגן אריין. דאס וועלן מיר דערנאך זעען. נו עלי ווייז וואס דו קענסט! עלי לאזט זיך נישט לאנג בעטן שפייט אן אין די הענט, צעלויפט זיך און גיט זיך א לאז, ווי א ווינט איבערן אייז...

איי איי, א קאמעדיאנטשיק — צעלאכט זיך דער רבי מיט הנאה. איך קען אויך שרייט הערש בילאק און באווייזט די אייגענע קונץ. איך אויך, איך אויך! צעשעררייען זיך אלע אין איין קול. און טאנצן ארום דער רבין און ער לאכט קווועלט גאר אן. מיט שמחה אין הארץ און ליבשאפט צום רבין קערן מיר זיך צוריק מיטן רבין אין חדר אריין.

פון דעמאלט אן האב איך ליב באקומען דעם רבין.

דער מאמעס מוסר

— א תכלית, א תכלית פאר אים! — האט די מאמע גענומען איינטענהנען מיטן טאטן. — א יינגל פון עלף יאר שוין באלד א בר־מצוה און לויפט נאך ארום פוסט און פאס גלייך מיט אלע שקצים. אפשר וואלטן מיר אים אוועקגעשיקט אין א ישיבה לערנען? — אזוי האט די מאמע גערעדט צום טאטן, ווען איך בין מיט אן אראפגעלאזטן קאפ געזעסן אויף א שטול ביים סקריפענדיקן טיש.

איך האב געשוויגן. וואס האב איך דעמאלט געקענט איר ענטפערן? איך האב פארנומען דער מאמעס ווערטער און נישט געוואלט רעדן, נאר רויק מיר געזעסן אזוי, געשוויגן און געפילט דער מאמעס רייד, וואס האבן מיך געטראפן ווי גרויסע טראפנס רעגן. — — —

איצט, נאך יעדעס ווארט אירס, וואלט איך געפאלן צו אירע איינגע־פאלענע באקן און אויסגעוויינטע אויגן און געקושט זיי, באנעצט זיי מיט מיינע ווארעמע טרערן, וואס שטראמען פון מיינע רוישיקע בלוטן, און געזאגט איר, געשעפטשעט אין דער שטיל.,

מא־מע.

אראפגעלאזט זיך צו אירע קני און ווי א קינד איינגעטוליעט מיינע פייכטע אויגן אין זיי און געכליפעט: — טו מיט מיר וואס דו ווילסט! שיק מיך ווו דו ווילסט! איך וועל אלץ טון פאר דיר! לערנען, וועל איך לערנען. ארבייטן, וועל איך ארבייטן!

אבער נייך, איצט וויל איך שוויגן, איצט קען איך דער מאמען גאר־נישט זאגן. איצט וויל איך אלץ רויק איבערלעבן אין זיך.

ביז עס קומט עפעס א כוואליע און טרייבט מיך ,איבער געסלעך פארביי די חרובע שטיבלעך, און דארטן שפיגל איך זיך א פארחלום׳טער אין דער פארגייענדיקער זון, וואס האלט שוין ביים אונטערגיין. דארטן אין גרויען פארנאכט ווילט זיך מיר פאלן אויף די פרישע קברים און פילן, ווי דער סוף פון טאג מישט זיך אויס מיט דעם סוף פון פארגייענדיקע לעבנס. — — — דארטן הינטערן שטעטל ווילט זיך נעכטיקן אויף דער הארטער ערד און קלערן, קלערן וועגן דעם וויאזוי איך געפין זיך איצט אויף דער הארטער ערד אליין — — — קלערן פון די חדר־טעג, וואס שטייען שוין לאנג הינטער מיר; פון די ברידער וואס וואנדערן נאך אלץ ארום, און וועגן זיך אליין, וואס כ׳שטיי איצט אויף דער שוועל פון נייע וואגלענישן...

און אויף מארגן, ביים אויפכאפן זיך — א זילבער־טוי אויף ביימלעך און גרינע גראזן און אויף צווייגן פון קוסטעס וויגן זיך שפיל־פייגעלעך מיט זייערע טרילן און א קופער־צעפלאמטע זון קריכט ארויס חבלי־לידה־דיק פון איר באהעלטעניש, ווי אן ערשטלינג ביי זיין מוטער און לעקט אפ דעם פרישן טוי פון די גראזן און די פארגליווערטע נאכט־טרערן פון מיינע אויגן — — —

נישט זעלטן טרייבן מיך דער מאמעס רייד פון איין ווינקל שטוב צום צווייטן; נישט זעלטן יאגן זיי מיך, ווי דער אקס, וואס יאגט דעם מענטשן אינם קאמפס־רינג. זיי פארווונדן, ווי מיט שטעכיקע דערנער מיין לייב... נישט איינמאל האבן אירע רייד געשטויסן מיך צו נעמען א מעסער אין די הענט און שפיגלען זיך אין זיין שארף.

וואס אייגנטליך האב איך דען צו פארלירן, אז אלץ האב איך שוין לאנג פארלוירן — — — און געבליבן איז בלויז א הייפל ביינער און א ביגטל נערוון, וואס הערן יעדן טאג די זעלבע רייד: — א תכלית, א תכלית! — — —

און ווער ווייסט? מעגלעך, כ׳וואלט שוין לאנג אוועקגעשיקט דאס לעבן מיינס מיטן שטראם, ווען נישט יענע צייטן, וואס האבן מיך, אנגע־פילט מיט נייע האפנונגען.

איצט שלינג איך יעדעס ווארט, וואס רייסט מיך מיט לעצטע גסיסה־כוחות צו א נײ לעבן אין אן אייגענער מדינה, וווּ מענטשן־עלנט ווערט אויסגעביטן אויף פרייד.

איצט פיל איך, אז די לעצטע שעהן פון פארבייגייענדיקע לעבנס זענען אנגעפולט מיט נייעם מוט, מיט נייע האפנונגען, מיט קאמף!

א שאד אבער וואס פאר מיר איז געקומען די זון אזוי שפעט... א שאד, וואס די שיין פונעם נייעם לעבן איז געקומען, ווען יונגערהייט שקועהט שוין מיין לעבן. — — —

א שאד, א שאד!

איינזאם

פאריתומ׳ט, פארוואגלט גאנץ אליין,
וואנדער איך דעם וויסטן וועג,
ווי פון א צאנקנדיק ליכט די שיין,
פארגייען מיינע יונגע טעג.

געפירט ווי פון א פארבארגענער האנט,
מיט זכרונות אסאך באגלייט,
פארוואגלט, געטריבן פון לאנד צו לאנד,
זוכנדיק אביסל ליבע — פרייד.

די עלנט האט רוצח׳יש פארשעמט,
מיינע הימלעשע געפילן,
די יוגנט האט מיך פארלאזט,
נישט דערגרייכט מיינע צילן.

איך האב א מזבח געבויט,
פאר א קרבן מיין יוגנט געבראכט,
מיין לעבן צו פרעמדע פארטרויט,
צום סוף האט מען פון מיר חוזק געמאכט.

איצט בין איך, ווי אין א מדבר אליין,
אויף וואס זאל איך נאך האפן אצינד,
איך פארשטיק מיין צארן אין א געוויין,
אפשר וועט מיך אמאל דערמאנען מיין קינד.

ווער קען פילן דעם צער?

אך, ווי שווער ס׳קומט אן יעדן טאג איבערצולעבן, און די יארן — זיי לויפן אזוי גיך! — — — ווי לאנג דוכט זיך איז ערשט געווען פרילינג און אט פאלן שוין די בלעטער פון די בוימער. די שיינע בלומען, דאס געזאנג פון די פייגל און דער ריח פון די גראזן — אלעס איז שוין פארביי! די בוימער ווערן נאקעט, די פייגל צעפליען זיך, ליידיק בלייבן זייער נעסטן. ווייט זענען זיי פארפלויגן.

די שטראלן פון דער זון קוקן אויף דער ערד ווי האלב פארברוגזט: דער הימל איז אזוי טונקל־טרויעריק פארצויגן ווי מיט עפעס א גרויער שיטערקייט: דער ווינט פייפט זיינע קאלטע מעלאדיען און — די בלעטער פאלן...

סווערט אזוי שווער אויפן הארץ, ווען מ׳קוקט זיך צו צו דער ענדערונג אין דער נאטור! ס׳רופט ארויס טרויעריקע געדאנקען, און דאס הארץ בענקט נאך עפעס פארלוירענס. טרויעריקע בילדער שווימען, אויף אין די געדאנקען. פון דעם שווערן מזל פון די נע־ונדניקעס, פאר וועלכע ס׳קומט אן דער קאלטער ווינטער מיט טאפלטע ליידן; געדאנקען, וואס לויפן אסאך ווייטער און טיפער.

און ס׳טוט אזוי ווי ווען מ׳דערמאנט זיך אין דעם עבר. דוכט זיך ערשט נישט לאנג געווען אזוי יונג, געחלומ׳ט פון ליבע פון גליק און אט פאלן שוין די בלעטער ארונטער... און די שיינע חלומות, די הויכע צילן און הייסע געפילן זענען שוין פארביי! די געדאנקען פליען שוין נישט אזוי הויך און אינעווייניק איז אזוי חושכדיק־פוסט; סלעבן נאר זכרונות — חורבות פון דעם עבר. אין קאפ מישט זיך אזוי טונקעל־טרויעריק. דאס

אמאליקע פייער איז שוין אויסגעלאשן. אלץ איז ווי מיט א כמארע פאר־צויגן, פארשטעלט.

ווו זענען יענע לעבעדיקע יארן, ווען די אויגן האבן געקוקט אזוי מוטיק־דרייסט אין דער גרויסער ליכטיקער וועלט אריין? ווען דאס הארץ האט געליבט אזוי ליידנשאפטלעך הייס; ווען דאס לעבן איז געווען א קאמף פאר עפעס שענערס און בעסערס; ווען שטרעבן האט געהייסן קעמפן מיט דער גאנצער ליידנשאפט קעגן אלץ, וואס איז מיאוס און געמיין, וואס איז פאלש און פארקריפלט!

איצט הייסט לעבן — איבערצוקומען ווי עס איז דעם טאג, ציטערן פארן קומענדיקן מארגן, האלטן געבויגן דעם קאפ אונטער דעם שווערן יאך, קוקן מיט פחד צום עתיד און מקנא זיין דעם עבר. די יארן האבן מיך אויסגעצויגן אין א לאנגן מענטשן, אנגעשטאפט מיט ליידן, מיט הונגער און מיט אומעטיקע מעת־לעתן.

דאס פארלוירענע פרעסט אויף דער נשמה און לאזט נישט פריי אפאטעמען און גיין פריי צו א ניי לעבן... אין גרויע פארנאכטן מישן זיך אויס מיינע געדאנקען מיט די הארצרייסנדיקע געשרייען פון מיינע נאנטע און טייערע נאך הילף קעגן די נאצישע, בעסטיאלישע מערדערס. —

שטיל זיץ איך ביים פענצטער, דעם אטעם איינגעהאלטן, און קוק מיט שטארע אויגן אין ווייטן חלל, און קלער טאג־איין טאג־אויס וועגן מיין אייגענעם גורל און דעם גורל פון אזעלכע ווי איך...

די טעג זענען אן אנשיקעניש, די נעכט — א פלאג.

עס שרעקט מיך די בלייכע ווייסקייט פונעם טאג, וואס דערמאנט מיך אין די אויסגעבלייכטע טויטע פנימער.

עס שרעקט מיך די זון, וואס דערמאנט אין בלוט, בלוט, בלוט... בלוט פון קדושים און להבדיל בלוט פון די פארגאסענע אויגן ביי די נאצישע רוצחים, וואס האבן בלוטדארשטיק באזונגען זייער נצחון מיט פארגעוואלדיקן יונגע יידישע טעכטער און דערנאך זיי אפגעשניטן די ברוסטן; וואס האבן געשטילט דעם צארן פון זייערע מפלות מיט אפגע־האקטע יידישע קעפ, אויסגעפליקטע בערד, — מיט אפגעשניטענע הענט

און פיס, מיט אויפגעשניטענע בייכער... מיט בלוט און מארך פון יידישע קליינע קינדער!

מאכט צו די אויגן אויך איר אויף א מינוט און פילט דאס אייגענע, וואס איך, און זאל דאס צאפלדיקע בלוט פון די קדושים אנפילן כאטש אויף איין רגע אייערע אדערן, פינקט ווי מיר א יעדע שעה, א יעדן טאג...

מאכט צו די אויגן און שווייגט א מינוט און זאל אייער שטילקייט זיך אויסמישן מיט דער פארבלוטיקטער זון, וואס דערמאנט אין דעם בלוט פון די מיליאנען קדושים.

ווער קען פילן דעם צער און בלייבן גלייכגילטיק — ווער?!

מיין לעצט איבערלעבעניש אין פרעמישלאן

קיינמאל וועל איך דעם איינדרוק נישט פארגעסן. געוועזן איז דאס אין 1939 יאר עטלעכע טעג נאכדעם, ווי די מלחמה האט אויסגעבראכן.

די יידן אין שטעטל האבן זיך צעגויפגעקארטשעט פון שרעק. די מוראדיקע ידיעות, וואס די אוקראאינישע מערדערס האבן געטון צו די יידן אין די ארומיקע דערפער, האבן געשראקן און אנגעווארפן א פחד אויפן שטעטל.

אין ליפאוויץ א דארף נישט ווייט פון פרעמישלאן, האבן זיי אויסגעהארגעט א גאנצע משפחה. אין פניאטין האבן זיי דערמארדעט פיר יידן מיטן אויסרייד "באלשעוויקעס". די שרעק איז געוואקסן יעדע מינוט, מ'האט געוווסט, אז עפעס דארף פארקומען, עפעס דערנענטערט זיך. מ'איז געווען ווי אין א פיבער, מ'האט מורא געהאט און נישט געוווסט צו וועט נאך ערגער זיין.

עטלעכע טעג שפעטער האט אין א שיינעם פרי־מארגן אין שטעטל די באלשעוויקעס אנגעטראגן. אלע האבן פריי אפגעאטעמט. מענטשן האבן זיך באוויזן אויף די גאסן. פרייגטלעך געשמועסט מיט די זעלנער, אן מורא, אן פחד. זיי האבן נישט פארלאנגט אראפצונעמען דאס היטל פאר זיי. זיי האבן געמאכט א רושם פון גוטע ברודער.

אנגעקומען זענען זיי ביינאכט. די יידן אין שטעטל, האבן אין יענער נאכט זיך געלייגט מיט דער ווידוי־תפילה אויף די ליפן. מ׳האט זיך געריכט אויף פאגראמען מצד די אוקראי־נער. און גערעדט האט מען, אז פון די ארומיקע דערפער האבן זיך ארגאניזירט באנדעס אוקראינישע מערדער און פלאנען צו באפאלן דאס שטעטל...

די נאכט איז אבער אריבער גאנץ רויק. און אויף מארגן האט שוין אויפן ראטהויז און אויפן ציוניסטישן בית־עם געפלאטערט א רויטע פאן אן אנזאג פון שלום.

אין אנפאנג האב איך דערפילט א ליבע צו די ניי־אנגע־קומענע און געוואלט, זיי זאלן קיינמאל נישט פארלאזן דאס שטעטל. ס׳האט אבער לאנג נישט געדויערט און זיי האבן זיך ארויסגעוויזן אויך נישט צו זיין איי, איי, איי...

אין שטעטל זענען זיך אנגעלאפן אסאך פליטים פון מערב גאליציע, ווי די דייטשע הארדעס האבן פארנומען די געגנט. אנטלאפן זענען זיי פון די נאצישע חיות, גארנישט מיטגע־מענדיק מיט זיך, קוים געראטעוועט דאס לעבן.

דאס שטעטל איז געווארן פול מיט די פליטים, אזוי אז אסאך נישט האבנדיק קיין ארט וווּ צו וווינען, האבן זיך מיט זייערע משפחות אריינגעצויגן אין עזרת־נשים פונעם בית־המדרש און אין אלע דאוונשטובלעך. ביי א יעדען איז דאס געמיט געווען געבראכן.

די נייע אויסלייזער זענען געווען פריילעכע יונגען. אין די אווענטן אונטערן שיין פון דער אויסגעניכטעטער לבנה, פלעגן זיי שפילן אויף ״הארמאשקעס״ געזונגען לוסטיקע לידער און געטאנצט.

די רייכערע יידן האבן זיי ״נאציאנאליזירט״, אוועקגע־נומען זייערע פארמעגנס און א טייל איינינעם מיט די פליטים און ציוניסטישע פירער ארויסגעשיקט קיין רוסלאנד אין די סיבירישע לאגערן.

דער שטאטישער איבערגעגעבענער ציוניסט הקדוש ר׳ אברהם נאס איז אויך געווען צווישן די ארויסגעשיקטע דורך דעם אויסוואורף מענדעל האלפערן, וועלכער האט פון די באלשעוויקעס געקריגן די מאכט זיך נוקם צו זיין אין די ציוניסטן. ר׳ אברהם נאס איז טאקי אין די סיבירישע תפיסות געשטארבן!

צווישן די פלטים אין שטעטל האט זיך אויך געפונען דער בעלזער רבי ר׳ אהר׳לע ז״ל מיט זיין גאנצער משפחה און מקורבים. אויך דער פאדגוזשער רב הרב תאומים־פרענקעל מיט זיין זון און שנור.

דער בעלזער רבי, פלעגט אין פרעמישלאן פירן טישן, בעמען קוויטלעך געגנוי, ווי אין בעלז, דערמיט געשטארקט דעם בטחון צו פארגעסן אין די צרות.

איך קען דאס נישט פארגעסן. אין יאר 1940 אין א חנוכה אווענט, ווען דער רבי איז געזעסן און געקוקט מיט קדושה אויף די ברענענדיקע חנוכה ליכט, א גרויסער עולם מיט חסידים האבן געטאנצט און געזונגען "רבנו צדיקים". אין מיטן דארינען איז דער עולם מיטאמאל שטיל געבליבן און די אויגן פון אלע זענען געווען געווענדעט צו דער טיר, וווּ צוויי רוסישע אפיצירן זענען געשטאנען, מ׳האט געקענט זעען אין זייערע קליידער, אז זיי זענען גרויס ראנגיקע אפיצירן.

א פחד איז געפאלן אויפן גאנצן עולם, אויך דער רבי איז בלאס געווארן און פאר שרעק אנגעהויבן ציטערן. דער עולם האט זיך צוגעריקט נענטער ארום דעם רבין, גלייך, ווי זיי וואלטן געזוכט ער זאל זיי באשיצן.

מיטאמאל רופן זיי זיך אפ "גוט יום־טוב!" קענען מיר רעדן מיטן רבין? א מוראדיקע אימה איז באפאלן דעם עולם און ביי א יעדן איינעם האט דאס הארץ אנגעהויבן קלאפן.

ר׳ יוחנן, דעם רבינס שוואגער, א ליטווישער למדן, וועלכער האט געקענט גוט רוסיש רעדן, איז צוגעגאנגען צו די אפיצירן און געפרעגט זיי אויף רוסיש, וואס זיי פארלאנגען

האדמו״ר הרב ר׳ אהרעלע זצ״ל מבעלז.

פונעם רבין. די אפיצירן, האבן אים געענטפערט אין מאמע־לשון, ריין יידיש, אז זיי ווילן דער רבי זאל זיי מזכיר זיין און געבן א ברכה.

דערהערנדיק זייער בקשה זענען אלע נשתומם געווארן. אויך דער רבי איז נתפעל געווען, נאר זיך נישט פארלוירן און טאקי תיכף זיי צוגערופן, אויסהערנדיק זייער בקשה, האט ער זיי געהייסן קומען אין ציווילע קליידער, וועט ער זיי מזכיר זיין און בענטשן.

אין דאוונשטוב איז געווארן צוריק לעבעדיק, דער עולם, האט זיך אנגעהויבן שושקען, ס׳איז אפילו געווארן א וכוח צווישן די חסידים וועגן די צוויי אפיצירן. א טייל חסידים האבן אפילו געגלויבט, אז זיי קענען זיין צוויי פארשטעלטע מלאכים. און א טייל האבן געהאלטן, אז ס׳קען זיין זיי זענען צוויי זינדיקע נשמות און אזויווי ס׳איז היינט חנוכה זוכן זיי א תקון ביים רבין. אנדערע ווידער, האבן מורא געהאט ס׳זאל, חלילה, נישט זיין קיין בלבול אויפן רבין...

דער אמת האט זיך אבער ארויסגעוויזן, ווען שפעטער אין א האלבע שעה, זענען אונדזערע צוויי אפיצירן אריינ־געקומען אין ציווילע קליידער אנגעטון, צוגעגאנגען צום כיור זיך געוואשן די הענט און ר׳ יאסעלע יאריטשעווער, איינער פונעם רבינס מקורבים, האט זיי אריינגעפירט אין רבינס חדר־מיוחד, ווי דער רבי האט שוין אויף זיי געווארט.

פופצן ביז צוואנציק מינוט זענען זיי מיטן רבין געווען, דערנאך, האט מען זיי געזען ארויסגיין מיט א פריילעך פנים.

וואס ס׳איז דארט פארגעקומען און וואס פאר א ברכה דער רבי האט זיי געגעבן, האט קיינער נישט געוווסט, א חוץ דער רבי און יאסעלע יאריטשעווער. ווייזט אויס, אז דער רבי איז אויך געווען צופרידן פון זיי, ווייל, ווען יאסעלע יאריט־שעווער איז ארויסגעקומען פונעם רבינס חדר, האט ער אויס־געשריגן מיט א גדולה: איך גלויב באמונה שלמה, אז די ברכה וועט מקוים ווערן".

ביסלעכווייז האט מען זיך צוגעוווינט צו די צרות און דאס לעבן, האט זיך איינגעשפאנט אין זיין נארמאלן וועג.

די מוראדיקע טעג האבן זיך געוועבט, ווי שפינוועבס אונטער דער זון — ווי ארום א קנויל פאדעם, אן אן אנהויב און אן א סוף.

אויף די גאסן, האבן זיך ארומגעדרייט אויסגעהונגערטע מענטשן, ווי שאטנס אין אן אויסגעשטערנטער ווינטער־נאכט. צוממערסטן די פלטים ביי וועמען, דער הונגער האט זיך ברייט צעלייגט אין שטוב.

כאור־הבוקר, פלעגט מען שוין שטיין אין די רייען, נאך ברויט געמישט מיט שטרוי, וואס ס׳איז דעמאלט געווען א לוקסוס.

טעג האבן זיך געוויקלט אין מורא און אין פחד און זיך אויסגעמישט מיטן הארבסטיקן אומעט, וואס האט זיך אפגע־זעצט אויף די דערשראקענע אויסגעבלייכטע פנימער.

שבת אין דער פרי, דעם 22־טן יוני 1941, אין מיטן לייגן די סדרה, האט מען פלוצעם דערהערט א מוראדיקן קראך. א צוויי טאגנעדיקע באמבע האבן די דייטשן אראפגעווארפן אין מיטן שטאט, עטלעכע הייזער זענער צושטערט געווארן און אלע שויבן פונעם גאנצן שטעטל זענען אויסגעשיט געווארן. ס׳איז אויך אייניקע יידישע קרבנות געווען.

אין א תהום פון שרעק און צער איז דאס שטעטל פאר־זונקען געווארן. א פחד איז אויף יעדן געפאלן און קיין גאס האט מען נישט געזען א לעבעדיק נפש.

די מוראדיקע נייעס, אז דייטשלאנד איז אונדז באפאלן, האט ארויסגערופן א מורא ביי אלע. נאך היינט, ווען איך קלער פון יענער צייט, זע איך פאר זיך די דעמאלטפאר־ווייניטע מרהשחורהדיקע פנימער. מיין מאמע האט זיך אין גאנצן פארענדערט. איר פנים איז געווארן צעקנייטשט, אירע אויגן — נאס און געציטערט פאר שרעק. אזוי האט אויך

אויסגעזען דער טאטע און די איבריקע מענטשן אין שטעטל. ווייבער האבן געבראכן מיט הענט, געזיפצט און געכליפעט.

שבת ביינאכט דעם 29־טן יוני 1941 יאר, האט מען אין שטעטל געשמועסט, אז די דייטשן זענען שוין נישט ווייט...

מ׳האט אויך געקענט זען לאנגע שורות וועגענער, וואס האבן זיך געצויגן פון די ארומיקע שטעטלעך געפאקט מיט רעגירונג בעאמטע צוזאמען מיט זייערע משפחות אין דער ריכטונג פון דער באן־סטאציע.

מיר און מיין קוזען פישל בוימוואלד, וועלכער געפונט זיך איצט אין ישראל און נאך עטלעכע יונגע לייט איז געלונגען צו אנטלויפן קיין רוסלאנד, ממש פון די נעגל פון טויט זיך ארויסגעריסן. און די, וועלכע האבן נישט געהאט די מעגלעכקייט זיך צו ראטעווען, זענען, נעבעך, אומגעקומען דורך אלערליי מיתות־משונות פון דעם אכזריותדיקן שונא.

דאס זאל נישט פארשוויגן ווערן.

ווי א הייליקע שבועה פליען די ווערטער איבער פרע־מישלאן. נישט פארשוויגן ווערן זאל דאס אומשולדיקע בלוט פון די פרעמישלאנער קדושים. גאטס צארן איז אויסגעגאסן געווארן אויף דיר, פרעמישלאן, אין די וויסטע טעג פון פורעניות אויף דעם יידישן פאלק. אייביק וועלן מיר זיי געדענקען!

גרויסע יידן! ארזי־לבנון, — עמודי־תורה, גרויסע און שטארקע אין ים־התלמוד, אבער קליין אין לעבנס־קאמף.

הייליקע יידן, געבוירן און דערצויגן צו קדוש־השם! אייערע נשמות צום בורא האט איר אין די גאז קאמערן מיט ״אחד״ אפגעגעבן.

א טיפער צער, האט זיך צווישן די קנייטשן פון אייערע פארמעט־פנימער געלייגט. און די שטענדיקע פארמאכטע מהרשא־אויגן מיט א תפילה צום הימל תמיד געווענדעט געווען.

די אויסגעדאַרטע גופים, וואָס האָבן זיך כסדר איבער ספרים געשאָקלט און די ליפּן, וואָס האָבן מיט פּסוקים געשעפּטשעט.

אָבער די הימלען זענען ליידער פון קופּער געווען און קיין תּפילות, קיין געוויין נישט פאַרנומען.

ווײ דיר פּרעמישלאַן

דער הימל האט געשוויגן, און די וועלט שווייגט אויך.

איר, על פי נס לעבנגעבליבענע, העלפט מיר כאטש קלאגן נאך די קדושים, הי״ד:

הקדוש הרב ר׳ משה׳לע רוקח, דעם בעלזער רב׳ס זון און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יוחנן, דעם בעלזער רב׳ס שוואגער און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ משה מאיר, דער שטאטישער דיין און משפחה, ז״ל.

״ הגאון ר׳ ישראלצי יאסעלעס און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ יאסעלע ראשעס און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ משה שו״ב און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ אברהמצי שו״ב און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ פישל שו״ב און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ חיימ׳ל שו״ב און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ לייביש׳ל שו״ב און משפחה, ז״ל.

״ הרב ר׳ מאירצי און משפחה, ז״ל.

״ הרב ר׳ הערש מלך רוקח און ווייב, ז״ל.

״ הבחור יהשע רוקח, ז״ל.

הק׳ ר׳ מרדכי לייב, ז״ל.

״ ר׳ פייוועלע און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ ישראל לייב נפתלי׳ס און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ יענקעל, ר׳ נפתלי׳ס און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ מענדעל מרדכי לייבס און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ נפתלי׳ס ווייב און שוועסטער, ז״ל.

״ אקסעלראד און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ מאירצי אדלער, ז״ל.

״ ר׳ יאסעלע אלטמאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ משה אלטמאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ חיים אלטמאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ דזוניע אדלער און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ מענדעל אדלערס משפחה, ז״ל.

״ ר׳ קלמן אלטשילער און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ לייב אקערמאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ בערל אקערמאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ מארקעל אקערמאן און משפחה, ז״ל.

״ הבחור ראובן אקערמאן און מוטער, ז״ל.

״ מארקעל אקערמאן בערילס און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ אברהם אקער און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ מאטעל אקער און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יחזקאל אימבער און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ ירחמיאל אימבער און משפחה, ז״ל.

״ משפחה פון זישע אימבער, ז״ל.

הק׳ משפחה פון הערשל אימבער, ז״ל.
״ ר׳ יענקעל אדלער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ לייב בראנדווײן און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ שמחה בראנדווײן און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ יוסף בראנדווײן, ז״ל.
״ ר׳ אליהו בראנדווײן און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ דוד בראנדווײן און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ יוסעל בראנדווײן און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ מרדכי בראנדווײן און משפחה, ז״ל.
״ ברוך בראנדווײן און משפחה, ז״ל.
״ דאלקי בראנדווײן, מוטער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ יהושע בראנדווײנס משפחה, ז״ל.
״ ר׳ ישראל בערנשטײן און ווײב, ז״ל.
״ ר׳ הערש בוימוואלד און ווײב, ז״ל.
״ ברודער בארדאך און משפחות, ז״ל.
״ ר׳ יעקל בלאנק און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ משה ביאלער און משפחה, ז״ל.
״ משפחה בערג, ז״ל.
״ שרה בערגווערג און צוויי קינדער, ז״ל.
״ ר׳ דוד בראנדווײן און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ מלך בראנדווײן און ווײב, ז״ל.
״ שמעון בראנדווײן און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ בעריל צימער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ שמואל חיות און ווײב, ז״ל.

הק׳ ר׳ דוד צוועבען און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ דוד צוועבען און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יוסל צוועבען און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ משה דאווידזאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יחזקאל דאווידזאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ משה דיער און ווייב, ז״ל.

״ גדליה דיער און משפחה, ז״ל.

״ הבחור הערשעלע דודלזאק, מוטער און שוועסטער, ז״ל.

״ הערץ דיאמאנד און משפחה, ז״ל.

״ יהושע דורסט און ווייב, ז״ל.

״ משה דיסטעל ברודער און משפחה, ז״ל.

״ הערש דיסטעל און משפחה, ז״ל.

״ מאיר פעדער און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ אברהם בער פעדער און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ וואלף פאו און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ הערש פוקס און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יהושע פוקס און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ אבע פוקס און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ לייזער פוקס און משפחה, ז״ל.

״ פוקס שנאפס איידעם און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יודעל פישער און משפחה, ז״ל.

״ ברוך פישער און משפחה, ז״ל.

״ דוד פישער און משפחה, ז״ל.

הק׳ ר׳ אברהמצי פראם און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ אברהמצי פאגעל און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ אברהמצי פעפער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ אהרלע פעפער און משפחה, ז״ל.
״ אהרן פעפער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ משה פעפער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ יחזקאל פעפער און ווייב, ז״ל.
״ ר׳ שמואל פעפער און משפחה, ז״ל.
״ טעוועל פעפער און משפחה, ז״ל.
״ מאיר פעפער און משפחה, ז״ל.
״ משה פעפער און ווייב, ז״ל.
״ ר׳ אייזיק פינקלער און משפחה, ז״ל.
״ נחום פונקלער און משפחה, ז״ל.
״ מענדעל פרישוואסער, מוטער און משפ׳, ז״ל.
״ חיים פעכטער און משפחה, ז״ל.
״ מאטעל פעכטער און משפחה, ז״ל.
״ קוניע פעכטער און משפחה, ז״ל.
״ ישראל פריעד און ווייב, ז״ל.
״ יעקב פינגער (פלוג) און משפחה, ז״ל.
״ יענקעל פינגער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ אברהם פריינדליך און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ ירחמיאל פריינדליך און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ משה פריינדליך און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ יהושע פריינדליך און משפחה, ז״ל.

הק׳ ר׳ יענקעל פולווער און משפחה, ז״ל.

״ מענדעל פולווער און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ דוד פולווערס איידעם און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ וואליע פאפערניק און משפחה, ז״ל.

״ משפחה פאלעק, ז״ל.

״ דאליע פאלעק און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ זיידל פרענקעל און משפחה, ז״ל.

״ סונע פרענקעל און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ זיידעלע גאלדמאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ מאיר גאלד און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ מאיר גאלדמאן און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ אהרן גאלד און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ דוד גאלדמאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ אהרון גאבעל און ווייב, ז״ל.

״ משה גאלד און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ אהרן פעפער און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יהושע גאבעל און ווייב, ז״ל.

״ יענקעל גראס און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ וואלף געללער און ווייב, ז״ל.

״ הערש געללער און משפחה ז״ל.

אברהמצי געללער משפחה, ז״ל.

״ ר׳ אשר געללערס איידעם און דריי זון, ז״ל.

״ יענקעל גראס און משפחה, ז״ל.

״ יענקעל גראס, מוטער און ברודער, ז״ל.

הק׳ מרדכי האלצמאן און משפחה, ז״ל.
״ נחמן העכט און משפחה, ז״ל.
״ אינשיניר האן און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ פייוויש קירשנער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ שבתאי קירשנער און משפחה, ז״ל.
״ משפחה מרדכי קירשנער, ז״ל.
״ ר׳ ברוך קירשנער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ שמחה קירשנער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ לייב קירשנער און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ משה ליפשיטץ, ז״ל.
״ ר׳ הערש ליפשיטץ און משפחה, ז״ל.
״ יוסל ליפשיטץ און משפחה, ז״ל.
״ זלמן ליפשיץ און משפחה, ז״ל.
״ איטשע ליפשיטץ און משפחה, ז״ל.
״ פיניע ליפשיטץ און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ הערש גערסטן און משפחה, ז״ל.
״ שלמה גערסטן און ווייב, ז״ל.
״ ר׳ שייקע געטעסמאן, ז״ל.
״ ד״ר הענעק גרינבלאט און ברודער, ז״ל.
״ ר׳ מרדכי האכבערג און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ מרדכי האכבערג און משפחה, ז״ל.
״ אברהם האכבערג און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ מרדכי האכבערג און ווייב, ז״ל.
״ אברהמצי האכבערג און משפחה, ז״ל.

הק׳ פנחס האפבערג און משפחה, ז״ל.
" דוד האכבערג און משפחה, ז״ל.
" ר׳ לאזער האמער און משפחה, ז״ל.
" ר׳ ישראל־מלך האלפערן און משפחה, ז״ל.
" ר׳ יהושע האלפערן און משפחה, ז״ל.
" נחמן כץ און משפחה, ז״ל.
" ד״ר קאלמוס און משפחה, ז״ל.
" הערש קליינמאן און משפחה, ז״ל.
" ר׳ מרדכי לייב קויניקס משפחה, ז״ל.
" ד״ר כץ און משפחה, ז״ל.
" ר׳ מאירצי כץ און ווייב, ז״ל.
" משפחה קראנבערג, ז״ל.
" ר׳ חיים קימעל און ווייב, ז״ל.
" משפחה קעזמאן, ז״ל.
" דענטיסט קאהן און ווייב, ז״ל.
" יעקב לייוואנד וויפעסקער און משפחה, ז״ל.
" יעקב ליינוואנד שיינאוועס איידעם און מש׳ ז״ל.
" ר׳ יהושע ליינוואנד אקערס איידעם און משפחה, ז״ל.
" משפחה לאקס, ז״ל.
" משה לאופער און משפחה, ז״ל.
" ר׳ יענקעל לאשאק און משפחה, ז״ל.
" קלמן ליפעס און משפחה, ז״ל.
" משפחה פון הערש ליפעס, ז״ל.

הק׳ ר׳ נפתלי מאנדעל און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ אברהם מאנדעל און משפחה, ז״ל.

״ חנן מאנדעל און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ ישראל מאנדעל און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יענקעל מאנדעל און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ דוד מאנדעל און משפחה, ז״ל.

״ ד״ר איטשע מאנדעל עלטערן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ מענדעל מאנדעל און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ דודצי, מאנדעל און משפחה, ז״ל.

״ איציק מעלער און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ משה מעהל און ווייב, ז״ל.

״ ר׳ אברהמצי מעהל און זון, ז״ל.

״ ר׳ שמואל מעהל און משפחה, ז״ל.

״ ביבע מעהל און משפחה, ז״ל.

״ שלמה מעהל און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ ברוך מיליער און משפחה, ז״ל.

״ דבורה מעהל און משפחה, ז״ל.

״ אלטער מעהל און משפחה, ז״ל.

״ ד״ר מעהלמאן און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יודעל מעסינג און משפחה, ז״ל.

״ לייבעלע מערקער און מוטער, ז״ל.

״ לייב מערקער און משפחה, ז״ל.

״ בעריש מעלער און משפחה, ז״ל.

הק׳ וואווצי מעלער און משפחה, ז״ל.
" ר׳ נחמן נאס און ווייב, ז״ל.
" ר׳ הערשל נאס און משפחה, ז״ל.
" ר׳ מאיר נאס און משפחה, ז״ל.
" מאיר נאס און ווייב, ז״ל.
" אליקים נאס און משפחה, ז״ל.
" ישראל נאס און ווייב, ז״ל.
" יוסל נאס, און ווייב, ז״ל.
" לייב נאס און משפחה, ז״ל.
" ר׳ לייב נאס און משפחה, ז״ל.
" שלמה נאס און משפחה, ז״ל.
" ר׳ אברהם נאס און משפחה, ז״ל.
" ר׳ אברהם נאס און משפחה, ז״ל.
" ר׳ שלמה נאס און משפחה, ז״ל.
" יצחק נאס׳ס ווייב, ז״ל.
" ר׳ אברהם נאס (בלעכער) און משפחה, ז״ל.
" ר׳ יעקעב נאס און ווייב, ז״ל.
" לוי נאס, ז״ל.
" הערש לייב נאס און משפחה, ז״ל.
" ר׳ מנשה נאס׳ס ווייב און טעכטער, ז״ל.
" ר׳ יאקיר נאס און משפחה, ז״ל.
" חיים נאס און משפחה, ז״ל.
" איציק נאס און ווייב, ז״ל.
" נפתלי נאס, מוטער, שוועסטער און משפ׳, ז״ל.

הק׳ ר׳ מענדעל (פרציס) נאס און משפחה, ז״ל.
" חנן (פרציס) און משפחה, ז״ל.
" ר׳ מענדעל נאס און משפחה, ז״ל.
" מענדעל נאס און משפחה, ז״ל.
" הערש נתן און ווייב, ז״ל.
" ישראל ראזלער׳ס ווייב און זון, ז״ל.
" סאני שמש און משפחה, ז״ל.
" שמואל שטריקנדרייער און משפחה, ז״ל.
" ר׳ ישראל לייב פיניעלעס און משפחה, ז״ל.
" ר׳ מאטקע פיניעלעס און משפחה, ז״ל.
" הענעך ראטה, ברודער און עלטערן, ז״ל.
" ר׳ הערשל רייס און משפחה, ז״ל.
" ד״ר ראטפעלד, און משפחה, ז״ל.
" ר׳ ישראל רייס און משפחה, ז״ל.
" חנן רייס און משפחה, ז״ל.
" ר׳ אברהמצי שפארער און משפחה, ז״ל.
" שמואל שפארער און משפחה, ז״ל.
" פרידריך שניידער און משפחה, ז״ל.
" פישל שווירזשער און משפחה, ז״ל.
" ברוך עלי שווירזשער און משפחה, ז״ל.
" מרים שווירזשערקע מוטער און משפחה, ז״ל.
" ר׳ משה אהרן שטערנהיים און משפחה, ז״ל.
" סאני שטערנהיים און משפחה, ז״ל.
" ר׳ יודל שטאם און משפחה, ז״ל.

הק׳ לייב שיינפעלד און משפחה, ז״ל.

״ דוד שיינפעלד און משפחה, ז״ל.

״ חיים שיינפעלד און משפחה, ז״ל.

״ דוד שיינפעלד און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יעקב לייזער שטיין און משפחה, ז״ל.

״ יוסל שיין און משפחה, ז״ל.

״ יענקעל שרייבער עלטערן און משפחה, ז״ל.

״ שלמה שפינדעל און משפחה,, ז״ל.

״ יודל שיין ברודער און מוטער, ז״ל.

״ אהרן שיין, מוטער, שוועסטער און משפ׳, ז״ל.

״ מאטל שרייבער, מוטער און משפחה, ז״ל.

״ נתניע שוסטערס משפחה, ז״ל.

״ ר׳ הערש יאסעל שוסטערס משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יאסעלע שוסטערס משפחה, ז״ל.

״ חיים שוסטערס משפחה, ז״ל.

״ דוד שוסטערס משפחה, ז״ל.

״ משפחה שנאפ, ז״ל.

״ ר׳ אייזיק סאפראן משפחה, ז״ל.

״ פישל סאפראן משפחה, ז״ל.

״ חיים סאפראן משפחה, ז״ל.

״ ברוך אשר סאפראן משפחה, ז״ל.

״ משפחה סאפראן, ז״ל.

״ ר׳ משה לייב שטראליכט משפחה, ז״ל.

״ יודל שטראליכט משפחה, ז״ל.

הק׳ אברהם שטראליכט משפחה, ז״ל.
״ שמעון און ציפע שטראליכט משפחה, ז״ל.
״ ר׳ יצחק אהרן שילדוואך משפחה, ז״ל.
״ מיכל שטיינווארצל משפחה, ז״ל.
״ אברהם (לייב׳ס אידעם) שטיינווארצל און משפחה, ז״ל.
״ קאפל שניידער און משפחה, ז״ל.
״ ד״ר שלום טייכבערג און משפחה, ז״ל.
״ יהושע טאבאק און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ סאני טענענבוים און ווייב, ז״ל.
״ יאשע זיין אידעם און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ יוסל טענענבוים און משפחה, ז״ל.
״ ר׳ שלמה טאטפעלד און משפחה, ז״ל.
״ הערש טעמפעל און משפחה, ז״ל.
״ ישראל טעמפעל משפחה און ברודער, ז״ל.
״ מרדכי לייב טיער און משפחה, ז״ל.
״ הבחור יאשע טיער און מוטער, ז״ל.
״ שמואל טלומאק און משפחה, ז״ל.
״ אייזיק טענענבוים און ווייב, ז״ל.
״ ר׳ אברהמצי ווייסער און משפחה, ז״ל.
״ לייזער ווייסער און משפחה, ז״ל.
״ טונטשי ווייסער און משפחה, ז״ל.
״ יענקעל וויזעלטיער און משפחה, ז״ל.
״ בעריש ווייגטרויבס משפחה, ז״ל.

הק׳ וואלקי וויינטרויב און ווייב, ז״ל.

״ משפחה יענקעל ווינטער, ז״ל.

״ רוכטשע ווינטער און משפחה, ז״ל.

״ שמחה אסתר קליינס איידעם און משפחה, ז״ל.

״ הילל ווינטער און משפחה, ז״ל.

״ איטשע ווינטער און משפחה, ז״ל.

״ חונע וויינטרויב און משפחה, ז״ל.

״ ר׳ יואל ווייזעלטיערס צוויי טעכטער און משפחות, ז״ל.

״ ר׳ שמחה בעלזערס משפחה, ז״ל.

״ הערץ וואהל און משפחה, ז״ל.

״ שלמה ווינטער און משפחה, ז״ל.

״ פישל זיידן און משפחה, ז״ל.

״ מוניע זיידן און עלטערן, ז״ל.

״ אהרן זיידן און מוטער, ז״ל.

״ חיים זאלץ און משפחה, ז״ל.

״ מנחם זאלץ און ווייב, ז״ל.

״ מאיר זאלץ און מוטער, ז״ל.

״ פייוויש זילבער, מוטער און משפחה, ז״ל.

״ נתן זיידן, משפחה און ברודער, ז״ל.

״ ארון לייב זיידן און משפחה, ז״ל.

ווי דיר, פרעמישלאן, ווי! וואס איז פון דיר געווארן? ווי דיר אויפן חורבן פון דיין קהלה, אויף טויט פון דיינע קינדער!

ארעם, צעבראכן, אן יידן ליגט איצט פרעמישלאן, די אמאליק. — לומדישע צווישן די ארומיקע שטעטלעך.

אויף דיינע וועגן הערשט איצט א טרויער, וואס מער מ׳דערמאנט זיך, אלץ מער הערט מען די קלאג־שטימע, וואס רופט און קלאגט מיט ביטערע טרערן, וואס ווילן נישט פאר־טריקנט ווערן.

און ווו מ׳זאל זיך נישט קערן און ווענדן. הערט מען אלץ די שטימע וואס קלאגט אן אויפהער. ווי דיר, פרעמישלאן, ווי...

וויי, וויי!

ווי דיר, פרעמישלאן, איז דיין חורבן־ליד,
אויף דיין קבר וויינט דער רעגן,
פארמאגסט נישט קיין איין ייד.
פאר־יתומ׳ט און וויסט זענען דיינע וועגן.

מקומות קדושים, דאס יידישע לעבן צעשטערט,
פון דער גאנצער קהלה א תל געווארן,
יענע בלוט־פארפלעקטע ערד.
שווימט מיר אויף אין מיין זכרון.

ווי א חלום איז דיין לעבן,
דורכגעפלויגן אין דער וועלט,
אויף דיין קבר האט קיינער,
קיין מצבה נישט געשטעלט.

כאטש איך וועל צו דיר שוין נישט קומען,
דאך אייביק אין הארץ בלייבסטו מיר,
דארט איז אויסגעקריצט דיין נאמען,
א מצבה געשטעלט פאר דיר.